STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11556

A KAPITL UKRAYNE

Elijah Gumener

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גומענער

א קאַפּיטל אוקראַינע

(2 יאָר אין פּאָדאָליע)

פאַרלאַג ש. שרעבערק, ווילנע

ווילנה תרפ"ב.

1921.

ווילנע, דרוקעריי פ. גאַרבער, זאַוואַלנע 25.

אינהאלט:

הקדמה
קאַמענעץ און פּאָדאָליע — 3
15=טער פעברואַר 1919 — 5
פּאָגראָם=שרעק אין קאַמענעץ און אין ראַיאָן — 15
באָלשעוויקעס אין פּאָדאָליע — 26
אָרינין — 32
ווינּיצע — 35
פּראָסקוראָוו — 37
כמעלניק — 38
דער אָנגריף פון פּעטלורעס חייל אויף פּאָדאָליע — 43
די אוקראַינישע באַוועגונג און די יידישע פּאָגראָמען 58
די הילפס=אַקציע פאַר די געליטענע — 76
די שטימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג ביי דער ראַטן=מאַכט — 81
די יידישע לאַגע אין דעם קאַמענעצער פעריאָד פון דער אוקראַינישער פאָלקס=רעפּובליק — 85
דאָס יידישע מיניסטעריום אין אַווגוסט—נאָוועמבער 1919 93
די צווייטע גסיסה פון דער אוקראַינישער פאָלקס=רעפּובליק 100
אונטער דער פּוילישער אָקופּאַציע — 108
דער קאַמענעצער יידיש=אַמעריקאַנער הילף=קאָמיטעט פאַר די פּאָגראָם=געליטענע — 112
דער אָנגריף פון די פּאָליאַקן אויף קיעוו — 121
ווידער באָלשעוויקעס אין פּאָדאָליע — 127
די אוקראַינער פאַרנעמען ווידער קאַמענעץ=פּאָדאָלסק און דעם געגנט — 136

אונזערע וואַנדערונגען אין גאַליציע און פּוילן — — — 154
סך־הכל — — — — — — — — — — — — — — 157
ביילאַגע נומ. 1. — — — — — — — — — — — 159
ביילאַגע נומ. 2. — — — — — — — — — — 161
ביילאַגע נומ. 3. — — — — — — — — — — 164
ביילאַגע נומ. 4. — — — — — — — — — — 166
ביילאַגע נומ. 5. — — — — — — — — — — 168

הקדמה.

איב וועגן אוקראַינע בכלל, מיט אירע שרעקלעכע פּאָגראָמען, אין וועלכע צענדליקע טויזנטער יידישע פאַמיליעס זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן און טויזנטער ישובים זיינען חרוב געוואָרן, איז פאַרהעלטענישמעסיק זייער פיל גערעדט און געשריבן געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט, איז אָבער וועגן פאָדאָליע, וואָס איז די לעצטע צוויי יאָר געווען איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט און האָט געלעבט אין אַ באַזונדערער אַטמאָספער, מיט באַזונדערע אינטערעסן, כמעט ווי ניט גערעדט געוואָרן; די שוידערלעכע מעשים און אייגנאַרטיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט, זיינען לגמרי ניט באַלויכטן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור.

דעריבער האַלט איך פאַר מיין חוב צו פאַרצייכענען דאָס אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פאַר די לעצטע צוויי יאָר.

נעמענדיק אַן אַקטיוון אָנטייל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אין פּאָדאָליע און אויך אין דער אָרטיקער זעלבסט-פאַרוואַלטונג, איז מיר פאַר דערדאָזיקער צייט זייער פיל אויסגעקומען צו זעען און נאָך מער צו הערן און דאָס אַלץ וויל איך פאַרשרייבן.

צום באַדויערן איז מיין גרויסער אַרכיוו, אויסער אייניקע מאַטעריאַלן, פאַרפאַלן געוואָרן, וועל איך דעריבער מוזן די פאַקטן רעסטאַווירן דורך מיין זכרון. באַזונדערס בין איך דאַנקבאַר ח׳ מ. פיקס, וואָס האָט מיר אין דעם מיטגעהאָלפן.

איך בין נישט אויסן קיין שום פּאָליטישע אָדער פּאַרטייאישע צילן. איך וויל, פּשוט פאַרפיקסירן דאָס, וואָס איך ווייס, כּדי אַז דער קומענדיקער היסטאָריקער, וואָס וועט וועלן באַשרייבן די גרויסע בלוטיקע טראַגעדיע פון אַ פאָלק, וואָס איז מאַכטלאָז אויסגעשטעלט געוואָרן צום שווערד—און אויך די ה׳לדישע מאָמענטן פון דער טראַגעדיע—זאָל זיך אויך קענען באַנוצן מיט מיין מאָגערן מאַטעריאַל אויף אַרייַנצופלעכטן אין דעם דערנער-קראַנץ פון מאַרטירער דעם חורבן פון פּאָדאָליע.

דער מחבר.

קאַמענעץ-פּאָדאָלסק — ווילנע, מאי 1921.

קאַמעניעץ און פּאָדאָליע.

פּאָדאָליע איז, אין אַלגעמיין, פון שטענדיק אָן געווען אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין רוסלאַנד.

קיין אינדוסטריע איז דאָרט כמעט ווי ניט געווען אַנטוויקלט. די צוקער=פאַבריקן — די איינציקע פאָרם פון אינדוסטריע — ליגן דאָס רוב לעבן קליינע שטעטלאַך און דערפער. די יידן האָבן געאַרבעט אין דידאָזיקע פאַבריקן בלויז אַלס דירעקטאָרן, בוכהאַלטערס, מעקלערס.

די יידישע באַפעלקערונג האָט מערסטנטייל געלעבט פון מסחר און פון אַזעלכע אַרט מלאכות, וועלכע זיינען געווען צוגעפּאַסט צו דעם אָרטיקן געברויך. דאָרט זיינען ניט געווען די צווייגן פון דער יידישער פּראָדוקציע, וועלכע מיר האָבן געטראָפן אין ליטע און פוילן און וועלכע זיינען אָנגעוויזן אויף דעם עקספּאָרט.

נאָך ערגער איז געווען אין דעם הינזיכט, די לאַגע פון גובערניאַלן צענטר, קאַמענעץ=פּאָדאָלסק. ביז דער מלחמה האָט קאַמענעץ ניט פאַרמאָגט אפילו קיין באַן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט געצויגן איר חיונה פון דעם גוט=באַזיצער און דעם טשינאָווניק.

אָרים און נידעריק איז אויך געווען דאָס פּאָליטישע און קולטורעלע לעבן פון פּאָדאָליע.

„די געזעלשאַפט צו העלפן דער אָרימער יידישער באַפעלקערונג" — איז געווען דער צענטער פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און די „תלמוד=תורה" — אַ צענטער פון קולטור. אין דידאָזיקע אַלע געזעלשאַפטן האָבן געשפּילט די הויפּט=

ראָל האַלב־אַסימילירטע דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ, גבירים און באַלעבאַטים. די מלחמה און נאָכדעם די רעוואָליוציע האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע איבערקערעניש. די אַלטע גבירים און כלל־טוער זיינען אַראָפּ פון דער סצענע און זייער אָרט האָבן פאַרנומען די אַזויגערופענע ספּעקוליאַנטן — אָדער מלחמה־גבירים.

די אַרבעטער־באַוועגונג איז אויך געווען זייער שוואַך אַנט־וויקלט אין פּאָדאָליע.

עס זיינען ניט געווען אפילו נאָך דער רעוואָלוציע קיין פּאַסנדיקע פּערזאָנען, וואָס זאָלן קענען פאַרנעמען דעם אָדער יענעם פּאָסטן אין די אָרטיקע זעלבסטפאַר־וואַלטונגען. די איינציקע יידישע כלל־טוער, וועלכע זיינען יאָ געווען פעאיק צו פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, האָט מען געריסן אויף אַלע זייטן.

אָט דידאָזיקע אָרימקייט אין קולטורעלע כוחות און אינטע־ליגענץ האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָל אין די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין פּאָדאָליע. שטענדיק האָט מען גערעדט אין נאָמען פון 500,000 פּאָדאָליער יידן, זייער ווינציק זיך אָנפרעגנדיק ביי זיי. דאָרט, אין קיעוו, זיינען זיי געזעסן די „פאַרזאָרגער“, און געקריגט זיך געטיילט די ערטער אין נאַציאָנאַל־ראַט. זעלטן ווען די פּראָווינץ האָט זוכה געווען זען אַ פאָרשטייער פון קיעוו.

אין די ערגסטע און שרעקלעכסטע מאָמענטן, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט די פּאָדאָליער יידן, זיינען זיי געבליבן הילפ־לאָז, אָן וועלכער עס איז מאָראַלער שטיצע פון צענטר.

די אָפּגעריסנקייט פון דער פּראָווינץ האָט אויך געהאַט אַ געוויסע, נעגאַטיווע ווירקונג אויף די פירער פון דער יידישער פּאָליטיק אין אוקראינע: ניט פילנדיק פאַר וועמען עס איז קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זיינען זיך די קיעווער יידישע פּאָליטישע טוער צעפאָרן: ווער קיין מאָסקווע און ווער קיין פּאַריז אָדער לאָנדאָן, איבערלאָזנדיק אויף הפקר די גאַנצע

יידישע באַפעלקערונג, אין ווענענס נאָמען זיי האָבן אַזוי ליב געהאַט צו ריידן.

15 פעברואַר 1919

(פראסקוראווער פאגראם.)

מיט דעם פאָגראָם אין פראָסקוראָוו הייבט זיך אָן די נייע בלוטיקע געשיכטע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאָדאָליע און אוקראינע. אויב נאָך די פאָגראָמען אין בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, אַוורוטש * א. אַנד. האָבן יידן געוואָלט האָפן, אַז דאָס איז געווען אַ צופעליקע ערשיינונג, האָט זיי פראָסקוראָווער פאָגראָם דערוויזן, וואָס זיי האָבן צו ערוואַרטן אין דער נאָענסטער צוקונפט פון דער הערשאַפט פון די אוקראינער.

שבת, דעם 15 פעברואַר 1919 איז פאָרגעקומען דער גרויזאַמער שוידערלאַכער פראָסקוראָווער פאָגראָם און מיט עטלאַכע טעג שפעטער—דער פ ע ל ש ט י נ ע ר.

עס איז כמעט ניטאָ קיין איין יידישער ישוב אויף אוקראינע, וואו עס זאָל זיך ניט האָבן געגאָסן אומשולדיק יידיש בלוט, נאָר פראָסקוראָוו און פעלשטין האָבן נאָך אַריבערגעשטיגן אַלעמען מיט זייער גרויזאַמקייט—אַזוי אומגעריכט און שרעקלאַך, אכזריותדיק זיינען זיי געווען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און אין דער-

---

*) אין אָ ו ו ר ו ט ש, וואָלינער גוב., זיינען פאָרגעקומען פאגראמען דעם 28 דעצעמבער 1918 און 16 יאנואר 1919. די אלגעמיינע צאָל הרוגים אין אָווּרוטש דערגרייכט ביז איבער 60.

ב ע ר ד י ט ש ע ו ו. דער פאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן דעם 15-טן יאנואר 1919 און האָט געדויערט דריי טעג. די קראָמען און די הייזער זיינען צערויבירט געוואָרן. עס זיינען געהרגעט געוואָרן עטלעכע צענדליק יידן.

ז ש י ט אָ מ י ר. דער ערשטער פאָגראָם איז פאָרגעקומען 7 יאנואר 1919 און האָט געדויערט 5 טעג. דער סך־הכל פון פאָגראָם: 80 הרוגים, אָן א שיעור פארוואונדעטע, און זייער פיל געשענדעטע פרויען. די היזקות האָבן דערגרייכט צענדליקער מיליאָנען.

זעלבער צייט זיינען זיי מיט אזא ווילדער קאַלטבלוטיקייט, מיט אזא קאַשמאַרן ציניש סאַדיזם צוגעגרייט און אָרגאַניזירט געוואָרן אָפיציעל מצד די פּאָרשטייער פון אוקראיינישע מאַכט.

עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן אויספאָרשונגען וועגן די פּאָגראָמען (אַדוואָקאַט גילערסאָן פון קיעוו) און עס וועלן נאָך מסתמא געמאַכט ווערן נאָך אויספאָרשונגען.

איך וויל זיך דאָ נאָר באַנוגענען מיט מיינע אייגענע איינדרוקן. איך קען זייער גוט פּראָסקוראָוו און פּעלשטין. אַלס באַפּאָלמעכטיקטער פון פּעטערבורגער און קיעווער קאָמיטעט (יעקאָפּאָ און קאָפּע) האָב איך אָפּט באַזוכט דידאָזיקע שטעט.

פּראָסקוראָוו איז די מער אינטערעסאַנטערע שטאָט אין פּאָ-דאָליע. זי ליגט לעבן אַ באַן צווישן קיעוו און וואָלאָטשיסק פון איין זייט און צווישן שעפּעטאָווקע און קאַמעניעץ פון דער אַנדער זייט. פּראָסקוראָוו האָט שטענדיק געפירט אַ גרויסן האַנדל, דאָ זיינען אויך געווען אייניקע פאַבריקן און זאַוואָדן. דאָס גע-זעלשאַפטלאַכע לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דאָ אויך געווען מערער אַנטוויקלט איידער אין אַנדערע שטעט פון פּאָדאָ-ליע. פּראָסקוראָוו האָט פאַרמאָגט אַ אינטערעסאַנטע אינטעליגענץ און כלל-טוער פון אַלערליי שאַטירונגען.

מיט אַ חודש פאַר דעם, איידער עס איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין פּראָסקוראָוו, בין איך דאָרט געווען צוליב פּרי-וואַטע אָנגעלעגענהייטן און איך האָב גאַנץ רואיק פאַרבראַכט אייניקע טעג. קיין זאַך האָט ניט באַוויזן, אַז אויף דער אומגליק-ליכער שטאָט קלייבן זיך אַזעלכע שוואַרצע וואָלקנס.

אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט שוין אין אוקראַינע גע-שמעקט מיט פּולווער.

די דירעקטאָריע מיט ווינישענקאָן בראש, דעם צוקינפּ-טיגן קאָמוניסט, האָט אַלץ מער פאַרלאָרן דעם באָדן. די אוקראַי-נער פּויערים זיינען געווען בכוח אָראָפּצוואַרפן דעם העטמאַן, אָבער ניט צו שאַפן קיין פּאָזיטיווע מאַכט. פאַר דער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקלאַכע טעג. פאַר דער

צייט איז שוין פאַרגעקומען מעשה אָוורוטש, זשיטאָמיר, בערדי-טשעוו א. אַנד.

דעם 12 יאַנואַר 1919, איז פאַרעפענטליכט געוואָרן דער אויפרוף פון דער דירעקטאָריע *), נאָכדעם ווי פאַרשיידענע יידישע גרופן האָבן אויפגעהויבן אַגוואַלד וועגן די פאָגראָמען.

אין דעם אויפרוף קאָמענטירט די דירעקטאָריע פון איין זייט, די פאָגראָמען אַלס רעזולטאַט פון דער טעטיקייט פון קאָנטר-רעוואָליוציאָנערן, וועלכע פאַרפלעקן דעם נאָמען פון דער אוקראַי-נישער פאָלקס-אַרמיי. פון דער אַנדער זייט, רופט זי די יידישע באַפעלקערונג צו באַקעמפן די אַנאַרכיסטיש-באָלשעוויסטישע עלעמענטן ד. ה. עס ווערט אָפיציעל אונטערגעשטראָכן די אָנוועזנהייט פון קאָמוניסטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

אַלזאָ, כדי צו באַרואיקן דאָס מיליטער און די יידישע באַ-פעלקערונג ווערט אין אַזאַ אָנגעשטרענגטן מאָמענט אַרויסגעגעבן אַ אויפרוף, וואו עס ווערט אַזוי אָדער אַנדערש אַרויפגעלייגט אַ חוב אויף דער יידישער דעמאָקראַטיע (?) (לייען: רעכטע סאָ-ציאַליסטן, פאָלקס-פאַרטיי, ציוניסטן, אחדות) מוסרן די יידישע קאָמוניסטן אָדער אפשר (?!) בילדן ביי די יידישע קהילות אַ שפּיאָנאַזש-אָרגאַן („קאָנטר-ראַזוועדקע"), וועלכע זאָל אויסגעפי-נען (!) די יידישע קאָמוניסטן און זיי אַרויסגעבן דעם צעווילדע-וועטן אוקראַינישן מיליטער, וועלכעס פלעגט אין יעדן יונגן יידן זען אַ באָלשעוויק**).

פון די אונטערהאַנדלונגען, וואָס זיינען געפירט געוואָרן צווישן די יידישע כלל-טוער און פאַראַנטוואָרטלעכע פאָרשטייער

*) זע ביילאַגע I.

**) אין יאָר 1920 איז ווינישענקא געקומען פון אויסלאַנד קיין אוקראַינע, זיך אפגעזאגט פון „סאמאסטינאסט", ארויסגעטרעטן אפילו קעגן אַ זעלבשטענדיקער „אוקראַינישער קאמוניסטישער פארטיי" און דערהויפט שארף געגן דער „פעטליוראוושצינע" און פארנומען אַ פאראנטווארטלעכן פאסט אין דער רעגירונג פון דער אוקראַינישער סאציאליסטישער ראטן-רעפובליק. (Вільна Украініна Львів 1921) .144 ז

פון דער אוקראַינישער מאַכט, איז צו זען, אַז די אוקראַינער האָבןווירקלעך אָנגענומען אַזאַ שטעלונג ד. ה. אַז אַלע יידן זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די יידישע קאָמוניסטן.

די לאַגע פון דער „אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק“ איז דערווייל געוואָרן אַלץ שווערער. כדי צו ראַטעווען זייערע פּאָזיציעס, האָבן די אוקראַינער טוער אויסגעקלערט אַזאַ מין שפּיצל: די באָלשעוויקעס טענהן די גאַנצע צייט, אַז די מאַכט דאַרף געהערן דעם אַרבעטער־קלאַס — גוט; אויף אוקראַאינע זיינען אָבער פאַראַן צוויי קאַטעגאָריעס אַרבעטער: פּויערים און אינדוסטריע־אַרבעטער; וועט די רעגירונג צונויפרופן אַן אַרבעטער קאָנגרעס און דאָרטן וועט מען באַשליסן דעם גורל פון אוקראַאינע. דעם קאָנגרעס וועט די רעגירונג צונויפרופן אויף אַזאַ אופן, אַז די פּויערים, ווי אַ מערהייט אין לאַנד, זאָלן אויך האָבן אַ מערהייט אין קאָנגרעס, די אוקראַינער האָבן דערמיט געהאַט בדעה אָפּצושוואַכן די ווירקונג פון די באָלשעוויקעס אין לאַנד.

נאָר דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן.

די רעגירונג פון דער „אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק“ האָט געמוזט, אונטער דעם דרוק פון באָלשעוויסטישן חיל, פאַרלאָזן קיעוו און איבערקלייבן זיך קיין ווינניציע אין אָנהייב פעווראַל 1919 יאָר. ווינישענקאָ איז אַרויס פון דער דירעקטאָריע און אָוועקגעפאָרן אין אויסלאַנד. דער מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט זיך אַ קער געטאָן אויף רעכטס און די מאַכט איז אַריבער ענטגילטיק אין די הענט פון די „אַטאַמאַנטשיקעס“*) אַזאַ „אַ ט אַ מ אַ נ ד ל“

---

*) די פּויערשע אוקראַינישע מאַסע האָט אויסגעטיילט פון זיך די קאָזאַקן, וועלכע האָבן זיך, מחמת דער מלחמה אָפּגעוווינט פון געוויינלעכער אַרבעט. די דאָזיקע פּויערים־קאָזאַקן האָבן געבילדעט ספּעציעלע אינסורגענטן־אָפּטיילונגען; צו זיי פלעגן אָפּט צושטיין פשוטע פאַרברעכער. בראש פון אַ וועלכע אָפּטיילונגען האָבן זיך געשטעלט געוויינטלעך געוועזענע אָפיצערן, גאַנץ אָפּט מאָנאַרכיסטן, אוקראַינישע שאָוויניסטן־אינטעליגענטן, און האָבן געטראָגן דעם טיטל „אַטאַמאַן“ אַזאַ מין אַטאַמאַן איז געווען פאלקום זעלבשטענדיק, איז זייער אָפט איבערגעגאַנגען פון די אוקראַיניער צו די באָלשעוויקעס און פאַרקערט (גריגאָריעוו, אין 1919, וואָלאָך אין לובאַר, וואָלינער גוב. 1919.

אונטערן נאָמען „סימאָסענקאָ“ האָט זיך אָפּגעפּונען אין פעוראַל 1919 יאָר און פראָסקוראָוו.

די באָלשעוויקעס אויף די ערטער האָבן אויך ניט געשוויגן. עס האָט זיך געפירט אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר דער ראַטן־מאַכט. מען האָט זיך געגרייט צו בילדן אַרבעטער־ראַטן (אין פראָסקוראָוו אויך).

דער תהום צווישן די אוקראַינישע און יידישע פּאָליטישע גרופּן איז געוואָרן אַלץ טיפער. ווען די „דירעקטאָריע“ איז נאָך געווען אין קיעוו האָט מען אַפילו געמאַכט אַ פרוב צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן אוקראַינישע און ניט־אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען (יידישע: „בונד“ און „פאַראייניקטע“), נאָר די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געענדיקט מיט גאָרניט. קעגן די „פּועלי־ציון“, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דעם אוקראַאינישן מיניסטעריום (רעוואוצקי, גאָלדעלמאַן) האָט זיך אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פרעסע געפירט אַ שאַרפע קאַמפּאַניע („נייע צייט“—פאַראייניקטע, „פאָלקס־צייטונג“—בונד). אויף דעם אַרבעטער־קאָנגרעס איז שוין ה׳ ראַפעס, דער לידער פון אוקראַינישן „בונד“, אַרויסגעטראָטן אַלס אָנהענגער פון דער רוסישער ראַטן־מאַכט, ביי די „פאַראייניקטע“ איז אייך פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אויף רעכטע און לינקע. ווי געוויינלאַך, זיינען די יידישע בירגערלאַכע פאַרטייען געבליבן אין דעם קאַמף אָן אַ זייט.

אין דער פראָווינץ האָט זיך דאָס אַלץ אויך אָפּגעשפּיגלט, נאָר דאָרט האָט עס געוויינלאַך אָנגענומען נאָך אַ מער שאַרפערן כאַראַקטער. עס האָבן זיך געפונען אייניקע, מער פראָגרעסיוו געשטימטע אוקראַינישע טוער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן צו קיין עקסצעסן, נאָר, צום באַדויערן, זיינען זיי געווען ווינציק און שוואַך.

די לאַגע איז אַלץ געוואָרן ערנסטער. די טעריטאָריע פון דער „אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק“ האָט זיך וואָסווייטער פאַרקלענערט. פראָסקוראָוו, ווי איך האָב שוין געשריבן, פאַרנעמט געאָגראַפיש זייער אַ וויכטקן אָרט.

אין שטאָט האָט מען אָנגעהייבן ריידן, אַז מען גרייט זיך צו אַן אויפשטאַנד .

די אַטמאָספערע איז געוואָרן אַ אָנגעשטרענגטע .

דעם 6-טן פעברואַר איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם דערמאָנטן „אַטאַמאַן" סימאָסענקאָ אַ באַפעל בזה הלשון ;

НАКАЗ .

по Запоріжський Козацький Бригаді Українського Республіканського Війська імені Головного Отамана Петлюри .

6 Лютого 1919 року. м. Проскурів.

ВІДДІЛ ЗАЛОГОВИЙ .

№ 6. Пропоную иаселению припинити свои анархічні вібухи , бо з вами у мене досить сил боротися. Це більш всього зав-важаю жидам .

Знайте, що ви народ всіма націями не любимий , а ви робите такий бешкет між хрищеним людом. Хіба ви не бажаете жить , хиба вам не жалко своей нації?

Вас колі не чепають то і сидить мовчкн , а то така нещасна нація каламутить бідний люд.

Орігінал подпісав:

Командір Запоріжський Козацкий Бригаді
Отаман СЕМЕСЕНКО :

З орігіналом згіадно : Осаул Брігаді
Значковий ЯЩЕНКО.

באפעל.

צו פעטליורעס זשאפאראזשער קאזאקן בריגאדע פונם אוק-
ראינישן רעפובליקאנישן מיליטער.

פראסקוראוו, 6-טן פעברואר 1919, גארניזאן-אפטיילונג. № 6

„איך לייג פאר דער באפעלקערונג מאכן א סוף צו
אירע אנארכיסטישע ארויסטרעטונגען, ווייל מיט אייך איז
ביי מיר פאראן גענוג קראפט צו קעמפן. מער פון אלעמען
מאן איך אויף דעם אויפמערקזאם די זשידעס.

זייט וויסן, אז איר זייט אן אומה, וואס קיין פאלק האט
אייך ניט ליב, און איר מאכט נאך אן אזא מהומה צווישן די
קריסטן!

צו דען איז אייך דאס לעבן ניט ניהא? האט איר דען
קיין רחמנות ניט אויף אייער אייגן פאלק?

אז מען טשעפעט אייך ניט—טא זיצט און שוויגט. אזא
שלים׳מזל׳דיק פאלק — און בונטעוועט נאך די ארעמע
באפעלקערונג!"

געהחתמ׳עט: „קאמאנדיר פון זאפאראזשער קאזאקן-בריגא-
דע, אטאמאן סימאסענקא.

שטימט מיטן אריגינאל:

עכאאול פון דער בריגאדע „זנאטשקאווי" יאצענקא.

אין לופט האט זיך געפילט דאס דארשטן נאך יידיש בלוט.
מען האט אין ערגעץ ניט געקענט פארן, ווייל מען האט געהרגעט
יידן אויף די באנען און אויף די וועגן.

אין יענער צייט האבן די קאמוניסטן, יידישע און קריסט-
לאכע, באשלאסן צו מאכן אן אויפשטאנד קעגן דער מאכט פון
דער אוקראינישער פאלקס-רעפובליק און פאר דער ראטן-מאכט.

די יידישע סאציאליסטן האבן זיך געבעטן ביי די קאמו-
ניסטן, זיי זאלן דעם ארויסטריט ניט מאכן, ווייל דאס וועט זיך
ענדיקן קאטאסטראפאל פאר דער יידישער באפעלקערונג.

דער פּאָרזיצער פון פּראָסקוראָווער קולטור=ליגע, דער לידער פון די „פּאַראייניקטע", ח' פּ. קרופּניק, האָט געטענהט:

„דער אויפשטאַנד וועט צו גאָרניט ברענגען, בלויז טייכן יידיש בלוט וועלן זיך געוויס גיסן אין די פּראָסקוראָווער גאַסן".

זיינע נביאות, זיינען, צום אומגליק, מקויים געוואָרן: צווישן טויזנטער אַנדערע יידן איז ער אויך אויף מאָרגן געהרגעט געוואָרן.

עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס מיינען, אַז קיין אויפשטאַנד איז אין פּראָסקוראָוו גאָרניט פאָרגעקומען און דאָס האָבן אויסגעטראַכט די אוקראַינער, כּדי זיך צו פאַרענטפערן. נאָר דאָס איז ניט ריכטיק. מעגלעך, אַז די אוקראַינער סאָלדאַטן, וועלכע זיינען כּלומרשט צוגעשטאַנען צו די רעוואָלוציאָנערן, האָבן געהאַט געוויסע אינסטרוקציעס פון סימאָסענקאָ צונעמען, לפנים וועגן, אַ אָנטייל אין אויפשטאַנד, כּדי דערנאָך צו קענען מאַכן די שרעקליכע שחיטה. אַ אויפשטאַנד איז אָבער יאָ פאָרגעקומען.

שבת, דעם 15 פעוראַל 1919, אינדערפרי האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין פּראָסקוראָוו, אַז די פאָרשטייער פון דער אוקראַינישער מאַכט זיינען אַרעסטירט און אין שטאָט איז ערקלערט געוואָרן ראַטן=מאַכט. די יידישע באַפעלקערונג איז רואיק געגאַנגען איבער די פּראָסקוראָווער גאַסן. צייטנווייז האָט זיך נאָר געהערט שיסעריי.

אין לאָקאַל פון „בונד" איז דאַמאָלסט פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, כּדי צו באַטראַכטן די פראַגע, ווי זיך צו האַלטן ביי דער געשאַפענע לאַגע. מיט אַמאָל — אַ אויפרייס פון אַ באָמבע אין לאָקאַל פון „בונד", און די באַראַטונג איז זיך צעלאָפן. דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן און אין שטאָט איז געוואָרן אומרואיק. מען הייסט זיך צוגיין איבער די הייזער — און דאַן האָט זיך אָ נ גע ה ו י ב ן...

פיר שעה האָט געדויערט די שחיטה. באַוואָפנטע זעלנער פון סימאָסענקעס אָפּטיילונג, באַגלייט פון דאָקטורים און סאַניטאַרן *) האָבן אַרומגערינגלט די קוואַרטאַלן, וואו עס וואוינט די

*) טאָמער וועט זיין אַ ווידערשטאַנד מצד דער יידישער באַפעלקערונג, זאָלן זיי געבן הילף די פּראָוואָנרעטע קאָזאַקן.

אַ ר י מ ע י י ד י ש ע ב אַ פ ע ל ק ע ר ו נ ג, און גענומען זיך צו זייער בלוטיקע אַרבעט.

אַ סך יידן, וואָס וואוינען אין אַנדערע קוואַרטאַלן, האָבן אפילו ניט געוואוסט וועגן דעם, ערשט אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן די שרעקלאַכע קולות פון די קרובים פון די דערהרגעטע אויפגעוועקט די גאַנצע שטאָט.

עס זיינען געהרגעט געוואָרן ביז 1500 יידן, קליין און גרויס, קינדער און זקנים, מענער און פרויען—אויף קיינעם האָט מען קיין רחמנות ניט געהאַט.

פינקטלאַך גענוי פעסטצושטעלן די צאָל פון די געהרגעטע איז שווער, ווייל סימאָסעגקאָ האָט ניט ערלויבט מקבר צו זיין די הרוגים מיט אַ געוויסער אָרדענונג.

די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. די אימה איז געווען גרויס. קיין הילף קומט ניט, און די ווילדע חיה—סימאָסענקאָ—סטראַשעט נאָך, אַז ער וועט אויסקוילן די גאַנצע שטאָט און מען האָט אים געקענט גלויבן.

וועגן פראָסקוראָווער פאָגראָם דערציילט מען זיך אָן אַזעלכע מעשיות אַז די האָר שטעלן זיך קאַפויר.

מען דערציילט, אַז אַ אוקראַינער אַ דאָקטאָר, האָט געשיקט זיין באַדינער אויף דער „אַרבעט”. דער באַדינער האָט זיך אומגעקערט און האָט דערציילט דעם דאָקטאָר, אַז ער האָט געטראָפן אַזאַ שיין יידיש מיידל, אַז ער האָט ניט געקענט פועלן אויפצוהויבן אויף איר אַ האַנט.

דער דאָקטאָר איז אַוועק און האָט אַליין מיט זיינע אייגענע הענט געקוילעט דאָס מיידל. מען זאָגט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן דעמדאָזיקן דאָקטאָר געשאָסן אין אָדעס.

מען דערציילט, אַז ביי אייניקע סאָלדאַטן האָט זיך דער־וועקט דאָס מענשליכע געפיל און זיי האָבן, לפנים וועגן, נאָר צובראָכן די פענסטער און קיין מענטשן ניט געהרגעט.

פון יענעם טאָג אָן באַהאַלטן זיך שוין מער ניט די פראָס־קוראָווער יידן; זיי זאָגן, אַז ווען זיי וואָלטן אַרויס אַלע 20,000

אויף די גאַסן און זיך געשלאָגן מיט די ווילדע גזלנים,—וואָלטן זיי ניט געווען אַזעלכע הילפלאָזע.

פּראָסקוראָוו האָט נאָך דעם פּאָגראָם אויסגעזען ווי געשטאָרבן. מענטשן זיינען אַפילו אַרומגעגאַנגען, געמאַכט געשעפט, געאַרבעט, נאָר שטענדיק האָט פאַר זייערע אויגן געשוועבט דער 15 פעברואַר.

ווען איר וועט טרעפן אַ פּראָסקוראָווער יידן און זיך מיט אים צערעדן וועגן 15=טן פעברואַר, וועט איר אים ניט דערקע= נען. זיינע אויגן הייבן אָן בלישטשען און אין זיי דערזעט איר אַ גרויסן צאָרן, וואָס וואַרט אויף נקמה...

דער גרעסטער טייל פון די יידישע סאָציאַליסטן זיינען נאָך דעם פּאָגראָם צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס, דער פאַרמעגלע= כער קלאַס איז זיך צולאָפן.

לעבן פּראָסקוראָוו איז געווען אַ קליין יידיש שטעטל—פ ע ל= ש ט י ן. דאָרט איז געווען אַ קליין=שטעטלש קולטורעל לעבן, עס זיינען געווען יידישע פּאַרטייען, נאָר קיין באָלשעוויקעס זיינען דאָרט ניט געווען און וועגן אויפשטאַנדן האָבן, פאַרשטייט זיך, פעלשטינער יידן. אַפילו די לינקסטע, גאָר אין זינען ניט געהאַט נאָר דער פּאָגראָם האָט זיי אויך ניט אויסגעמיטן.

אַ דאַנק דער מסירה פון איינעם אַ פעלשטינער באַאַמטן וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן באַכדעם דערשאָסן אין פּראָסקוראָוו האָט זיך אַריינגעריסן אין פעלשטין אַ צובושעוועטע אָפּטיילונג פון סימאָסענקאָס חייל און געמאַכט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם. ½ פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אויסגעהרגעט געוואָרן.

700—600 אומשולדיקע יידן זיינען געפאַלן פון דעם צע= ווילדעוועטער אוקראַינער „קאַזאַקענטום".

memento mori (געדיינקט וועגן טויט) האָט זיך געטראָגן איבער די קעפּ פון דער יידישער באַפעלקערונג.

קיין הילף איז ניטאָ. אָבגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט וואַרט די יידישע באַפעלקערונג אין פּאָדאָליע ווען עס וועט קומען דער יום=הדין. ניטאָ מער קיין פּאַרטייען, ניטאָ קיין ציוניסטן, סאָציאַליסטן, באָלשעוויקעס, אחדות׳ניקעס—עס איז דאָ יידן, וועל= כע מען קוילעט.

דער פּראָקוראָווער און פעלשטינער פּאָגראָם האָט אַרויס־גערופן אַ פולקומען איבערבראָך אין די יידיש־אוקראינישע באַצי־אונגען. די יידישע, ניט קאָמוניסטישע, גרופן, וועלכע האָבן זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צו דער אוקראינער באַוועגונג, האָבן זיך אָפּן געשטעלט אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס און מיטגעהאָלפן זיי אין קאַמף געגן דער אוקריינער מאַכט. אויף אַ לאַנגער צייט איז אויסגעוואַקסן אַ תהום צווישן די יידישע מאַסן און דער אוקראינישער פאָלקס־באַוועגונג.

פּאָגראָם־שרעק אין קאַמענעץ און אין ראַיאָן.

קאַמענעץ־פּאָדאָלסק איז באַוואוסט אַלס אוקראינאָפילישע שטאָט אין אוקראינע. די באַציאונגען צווישן דער יידישער און אוקראינישער באַפעלקערונג זיינען געווען שטענדיק פריינדלעכע.

אין 1917, ביי דער קאָנסטרואירונג פון דער שטאָט־פאַר־וואַלטונג, האָט זיך געשאַפן אַ בלאָק צווישן די אוקראינישע און די יידישע סאָציאַליסטן.

דאָך זיינען פאָרגעקומען איניקע רייבונגען ביי די איבער־גאַנגס־ס פעריאָדן. אַזוי למשל, האָבן אין יאַנואַר 1918 די רוסי־שע מיליטער־טיילן, אָפּטרעטנדיק פון גאַליצישן פראָנט, פאַרנומען קאַמענעץ־פּאָד. און איינגעפירט דאָרטן ראַטן־מאַכט.

ווען די אוקראינער האָבן אין פעברואַר דעמזעלביקן יאָר מיט דער הילף פון די דייטשן פאַרטריבן די באָלשעוויקעס, האָבן זיך אָנגעהייבן אין קאַמענעץ, אַזוי ווי אין קיעוו, רייבונגען צווישן די אוקראינישע און יידישע סאָציאַליסטן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אוקראינער האָבן באָיקאָטירט די ערשטע פייערונג לכבוד „טאַראַס שעווטשענקאָ, *) אין דער קאַמענעצער דומע.

די אוקראינער ראַטמענער זיינען ניט געקומען צו דער פייערלעכער זיצונג פון שטאָט־דומע, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט

---

*) אַ באַוואוסטער אוקראינישער פּאָעט און קעמפער פאַר נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונג.

פייערן דעם אָנדענק פון „טאַראַס שעווטשענקאָ" צו זאַמען מיט די יידן.

ניט קוקנדיק אויף דעם, האָבן די יידישע סאָציאַליסטן גאַנץ אימפּאָזאַנט דורכגעפירט די זיצונג און באַשלאָסן, כמעט דורכאויס מיט יידישע שטימען אָנצורופן אויפן נאָמען פון „טאַראַס שעווטשענקאָ" די ראָמאַנאָווער גאַס און אַ שול.

אָט אַזוי האָט זיך אין קאַמענעץ אָפּגעשפּיגלט די פּאָליטיק פון די אוקראַינער קליין-קעפּלדיקע פירער נאָך דעם ברעסטער שלום, *) ווייל זיי האָבן גערעכנט, אַז די דייטשע באַגנעטן פאַרזאָרגן זיי מיט אַ גלענצנדער צוקונפט.

נאָר די באַציאונגען צווישן די אוקראַינער און די יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך ווידער פאַרבעסערט, ווען די לאַגע פון די אוקראַינער איז געוואָרן ערגער.

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן צוזאַמען מיט די אוקראַינער ענערגיש פּראָטעסטירט קעגן דער העטמאַנישער איבערקערעניש*) און מיטגעהאָלפן דער דירעקטאָריע אין איר אויפשטאַנד**) קעגן דעם העטמאַן.

די יידישע טוער פון קאַמענעצער שטאָט-פאַרוואַלטונג האָבן מיטגעהאָלפן עפענען אין קאַמענעץ אַ אוקראַינישן אוניווערסיטעט.

און נאָך אַלעמען האָבן די פאָרשטייער פון דער ניי געבאָרענער „דערזשאַווני נאַצי"***) געקוקט מיט גרויס חשד אויף „מענשיסטי" (מינאָריטעטן—יידן, רוסן, פוילן).

---

*) אין אָנהויב 1918 האָבן די אוקראַינער געשלאָסן אַ סעפּעראַט שלום מיט די דייטשן אין בריסק.

**) די דייטשן האָבן פונאַנדער געלאָזט דעם אוקראַינישן פּאַרלאַמענט די „צענטראַלע ראַדע" און אויפגעזעצט אַ העטמאַן 30 אַפּריל 1918.

***) אין נאָוועמבער 1918 האָט דאָס אוקראַינישע פאָלקטום געמאַכט אַ אויפשטאַנד קעגן דעם העטמאַן בראש פון דעם אויפשטאַנד האָט זיך געשטעלט די דירעקטאָריע, אין וועלכע עס איז אויך אַריין צווישן אַנדערע פעטליורא און ווינטשענקאָ

****) הערשנדע נאַציע (מלוכה-נאַציע).

ביי יעדער געלעגנהייט האָבן די אוקריינער אונטערגע־שטראָכן אַז דאָס דעצידירנדיקע וואָרט אין פּאָליטישע פראַגן געהערט זיי.

גלייך, ווי עס זיינען אַריבערגעגאַנגען די פייערלעכע טעג נאָך דער איבערקערעניש מצד דער דירעקטאָריע, האָבן זיך אָנ־געהייבן רייבונגען צווישן אוקראַינישע און יידישע סאָציאַליסטן אין דער פראַגע מכח וואַלן פון אַ שטאָט גאָלאָוואַ אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. עס האָט זיך ניט איינגעגעבן צו שאַפן אַ אָרגאַניזאַ־ציע, וועלכע זאָל פאַראייניקן די דעמאָקראַטישע כחות פון אוק־ראַינער און ניט־אוקראַינער.

די באַציאונגען צווישן יידן און אוקראַינער זיינען גע־וואָרן קעלטער.

אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק איז זיך דערווייל אַלץ געענדיקט כשורה. עס זיינען פאָרגעקומען וואַלן צום אַרבעטער־קאָנגרעס אין יאַנואַר 1919, אמת מיט אַ קליינעם איבערשלאַג. עס איז אָבער געווען שטיל.

מיט אַמאָל פּראָסקוראָוו!

עס איז געווען אַזוי אונדערוואַרטעט און גרויזאַם, אַז קיי־נעם האָט זיך עס ניט געוואָלט גלויבן. ח' ד' איז געקומען און דערציילט, אַז שבת דעם 15־טן פעברואַר איז ער געווען אין פּראָסקוראָוו און צוריקוועגס, אַז ער האָט שוין געהאַט אָפּגע־פאָרן אַ סטאַנציע, אין גרעטשאַן, האָט ער געהערט שיסעריי. בעלי־גלות האָבן דערציילט, אַז אין פּראָסקוראָוו איז אַ „איבער־קערעניש".

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן אין קאַמענעצער צייטונג אַ באַפעל (Життя Поділля) פון גובערניאַלן קאָמענדאַנט (מען האָט אים נאָכדעם געפּאַקט ביי אַ גנבה און ער איז אַנט־לאָפן) צום פּראָסקוראָווער פּאָוויאַטאָוון קאָמענדאַנט וועגן די עקסצעסן קעגן יידן:

„Жинок і дітей не убивати!" —

פרויען און קינדער ניט הרגענען. הייסט דאָס: 1) אַז מען האָט טאַקע געהרגעט יידישע פרויען און קינדער אין פּראָס־

קוראָוו און 2) אַז יידישע מאַנסבילן מעג מען גלאַט הרגענען ;

די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אויפגערודערט. מיט אַ מאָל פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז דער גזלן סימאָסענקאָ קלייבט זיך אויף קאַמענעץ. אין שטאָט איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניקע. די נערוועזיטעט האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. עס איז געווען גענוג, אַז אַ ייד זאָל אָנהויבן לויפן, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרמאַכן די קלייטן, און די לאָדנס פון די פענסטער האָבן גענומען קלאַפּן.

עד היום קלינגט נאָך ביי מיר אין די אויערן דער רויש פון פאַרמאַכן די פענסטער און די טויערן.

וואָס טוט מען?

פאָרן האָט מען ניט געקענט, ווייל ס'איז געווען אַ סכנה: מען האָט געהרגעט יידן אויף די באַנען און די וועגן. פון איין זייט איז דער רומענישער גרעניץ און פון דער אַנדער זייט — דער גאַליציש-פּוילישער פראָנט.

און קאַמענעצער קהלה האָט אָנגעהויבן שיקן דעלעגאַציעס צו די אוקראַאינער טוער, משתדל זיין זיך, בעטן, אויפווייזן, פרעגן. מען איז געווען ביים רעקטאָר פון אוניווערסיטעט ה' אָגיענקאָ און ער האָט צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן.

איך און ה' אַלטמאַן (ציוניסט) זיינען געווען ביי ה' קורילענקאָ, געהילפס-גובערניאַלער קאָמיסאַר, וועלכער איז באָרוואָס געקומען פון פּראָסקוראָוו. דער געשפּרעך מיט אים האָט געמאַכט אויף אונז אַ שרעקלעכן רושם. „יידן האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און געוויינטלעך זיינען פאַראַן אומשולדיקע קרבנות".

מיר זיינען געגאַנגען צו דעם גובערניאַלן קאָמיסאַר, ה' סטעפּוראַ, אַ היימישער קריסט, אַ אָרטיקער געשוואָרענער אַדוואָקאַט. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אָננעמען אַלע מיטלען צו ראַטעווען קאַמענעץ, נאָר עס זאָל זיין שטיל.

„אין פּראָסקוראָוו, פאַרשטייט איר מיר, האָבן 12 זשידקעס געמאַכט אַן אויפשטאַנד, אַרעסטירט דעם קאָמענדאַנט, פאַרנומען די פּאָסט און, נאַטירלעך, זיינען געווען אומשולדיקע קרבנות".

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה געשפּרעכן מיט אוקראַאינער-

טוער און אַלע האָבן כמעט זיך געענטפערט מיט דעמזעלבן נוסח:

„Як буде виступ, — буде різня"

„אויב עס וועט זיין אַ אַרויסטרעטונג, וועט זיין אַ שחיטה".

וואָס האָט מען געקענט טאָן?

די קהלה האָט פונדעסטוועגן ענערגיש געאַרבעט. זי האָט געשיקט דעפּוטאַציעס, וועגן וועלכע איך האָב שוין פריער גערעדט. מען האָט געשיקט טעלעגראַמעס צום יידישן מיניסטער אין וויניצע צו דער אוקראַינישער רעגירונג, צו דער וויניצער קהלה. די קהלה האָט שיין אָבער צו יענער צייט פאַרלאָרן איר אַוטאָריטעט. קיין פּלענאַרע זיצונגען זיינען צו דער צייט כמעט ניט פאָרגעקומען. די פּאָליציי האָט איינמאָל צוטריבן די קהלה, און האָבנדיק מורא פאַר עקסצעסן, האָט מען זי כמעט ניט צונויפגערופן.

די שטימונג איז געוואָרן אַ מוראדיקע. אַלע זיינען געגאַנגען ווי פאַרמשפּטע און מ'האָט נאָר געוואַרט, ווען וועט אָנקומען דער יום־הדין.

שרעקלעך איז געווען די לאַגע פון די יידישע סאָציאַליסטן. פון איין זייט זיינען זיי געווען נעענטער צו די אוקראַינישע פאַרטייען (אוקראַינער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אוקראַינער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן) און האָבן געקענט מער ווירקן אויף זיי. במילא איז אויף די יידישע סאָציאַליסטן געלעגן אַ גרעסערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פון דער אַנדער זייט זיינען זיי געווען שרעקלעך טעראָריזירט מצד דער אוקראַינישער מאַכט, ווייל אַלע זיינען זיי געווען פאַררעכנט אַלס „באָלשעוויקעס".

דער אויבנדערמאָנטער קאָמיסאַר „סטעפּורא" האָט געשיקט רופן צו זיך אַן אָנגעזעענעם כלל־טוער פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אַדוואָקאַט ק. (פאָלקס־פּאַרטיי) און ב. (אַ מענשעוויק) און האָט זיי געמאָלדן: „היות ווי ער האָט ידיעות, אַז מען גרייט זיך צו אַ אויפשטאַנד און כאָטש ער ווייס גאַנץ גוט, אַז די יידישע סאָציאַליסטן (איך און ח' ב.) זיינען קעגן דעם אויפשטאַנד, דאָך איז ער אונז מתרה וועגן דעם, אַז אויב עס וועט זיך איבערחזרן

פראָסקוראָווער געשיכטע, וועט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַלן אויף אונז".

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט. אין קאַמענעץ איז געווען אַן אַרבעטער-קלוב, וואו עס פלעגן זיך צונויפקלייבן יעדן אָוונט ביז 200 אַרבעטער*).

די יידישע באַפעלקערונג האָט מורא געהאַט, עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין עקסצעסן איבער דעם אַרבעטער-קלוב, וואו די יידישע סאָציאַליסטן האָבן געשפילט דן הויפט-ראָל.

און די יידישע סאָציאַליסטן האָבן באַשטימט צו פאַרמאַכן דעם אַרבעטער-קלוב, כדי ניט צו געבן די קלענסטע מעגלעכקייט פאַר אַ וועלכער עס איז פּראָוואָקאַציע אין פּראָסקוראָווער גייסט.

שוין נאָך דעם באַשלוס פון פאַרוואַלטונג פון „אַרבעטער-קלוב" האָט דער קאַמענעצער רב גוטמאַן געשיקט צו מיר אַ שליח אין נאָמען פון בית-דין און מיך געבעטן אָננעמען אַלע מיטלען, דער קלוב זאָל צייטווייליק זיך פאַרמאַכן. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע פאַרזאַמלונגען. די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אויך געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די יידישע באָלשעוויקעס און ביי זיי געפּועלט, אַז אויף וויפיל זיי וועלן קענען ווירקן, וועלן זיי אין קאַמענעץ צו קיין אויפשטאַנד ניט דערלאָזן; דאָס איז ניט שווער געווען אויסצופּועלן, ווייל אין סטראַטעגישן זין האָט קאַמענעץ ניט געשפילט קיין וויכטיקע ראָלע. אַזאַ מין אויפשטאַנד האָט זיך געקענט ענדיקן נאָר מיט אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

די יידישע באָלשעוויקעס האָבן זייער וואָרט געהאַלטן און צו קיין אויפשטאַנד ניט דערלאָזן.

גאָר די לאַגע אין שטאָט און אין ראַיאָן איז געוואָרן אַלע טאָג ערגער. דאָס דעמאָראַליזירטע אוקראַאינישע חייל איז

*) די אַלגעמיינע צאָל מיטגלידער פון קלוב איז געווען 700—600 יידן און קריסטן, אָנהייבנדיק פון צעירי-ציון און ענדיקנדיק מיט אַנאַרכיסטן און באָלשעוויקעס

אָפּגעטראָטן צום זברוטש*), אויסלאָזנדיק זייער כּעס צו דער אומשולדיקער יידישער באַפעלקערונג. אין קאַמענעץ און אין ראַיאָן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן אָפּטרעטנדיקע טיילן פון אוקראַינישן חייל. אַלע טאָג קומען אָן קיין קאַמענעץ פאָרשטייער פון קליינע שטעטלעך און בעטן הילף. אָבער וואָס האָבן געקענט טאָן קאַמענעצער יידישע כּלל-טוער? זיי האָבן קנאַפּ וואָס געקענט אויפטאָן פאַר זיך אַליין, אָפּצוהיטן דאָס לעבן פון קאַמענעצער יידן גופא, בפרט נאָך פאַר די שטעטלעך.

און מיטאַמאָל, אין סוף מערץ, שיקט מען רופן די פאָרשטייער פון די פּראָפעסיאָנעלע-פאַראיינען, פון דעם אַרבעטער-קלוב, יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (אויסער „פּועלי-ציון") און זאָגאַר באָלשעוויקעס. וואָס איז?—די אוקראַינישע מאַכט איז זיך צעפאַלן.

האָט זיך געבילדעט אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק דעם 22-טן מערץ 1919 אַ קאָמיטעט אָפּצוהיטן די רעפּובליק, אין וועלכן עס זיינען אַריין פאָרשטייער פון אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פון פּאָוויאַטאָוון פויערים-צוזאַמענפאָר און מיליטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין קאַמענעץ. פאָרזיצער פון „קאָמיטעט" איז געווען אַ אוקראַינער סאָציאַל-דעמאָקראַט, געוועזענער פּרעמיער נאָך דעם אויפשטאַנד קעגן העטמאַן, טשעכאָווסקי (צווישן די מיטגלידער זיינען געווען: סטעפּאַנענקאָ, מאַזעפּאַ, טקאַטשענקאָ און אַנדערע אָנגעזעענע אוקראַינישע פּאָליטישע טוער).

דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן די עוואַקואַציע פון די מיניסטעריומס, וועלכע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין קאַמענעץ און וועלכע האָבן געדאַרפט, לויט אַ פאַראָרדענונג, עוואַקואירן זיך קיין ראָוונע. דער קאָמיטעט האָט געהאַט דעם ציל צו מאַכן אַ סוף צו די וואַקלונגען פון דער דירעקטאָריע און איבערהויפּט צו איר אַנטאַנטישער אָריענטאַציע, און שליסן שלום מיט די באָלשעוויקעס. צוליב דעמדאָזיקן ציל האָבן געדאַרפט אַרויסגעשיקט ווערן 2 דעלעגאַציעס: איינע צו דער דירעקטאָריע און די צווייטע — צו די באָלשעוויקעס.

*) זברוטש — איז אַ טייך, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די געוועזענע גרעניץ צווישן עסטרייך (גאַליציע) און רוסלאַנד (פּאָדאָליע).

אין דעמדאָזיקן קאָמיטעט האָט מען אונז, יידישע סאָציאַליסטן און די איבעריקע פאָרשטייער פון אַנדערע אַרבעטער=אָרגאַניזאַציעס, אויך פאָרגעלייגט אַריינצוטרעטן. מען האָט אויך אָנגעוויזן, אַז מען האַלט פאַר זייער וויכטיק, אַז די ניט=אוקראַינישע פאַרטייען זאָלן נעמען אַן אָנטייל אין די דעלעגאַציעס, איבערהויפּט אין דער דעלעגאַציע צו די באָלשעוויקעס.

אַזוי ווי מיר, אָנהייבנדיק פון די רעכטע סאָציאַליסטן ביז די יידן=באָלשעוויקעס, זיינען די גאַנצע צייט געווען באַזאָרגט מיט דעם, ווי אויסצומיידן די פּאָגראָם= געפאַר, וואָס איז געהאַנגען איבער דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן מיר דעריבער אַוועקגעשטעלט די ערשטע פראַגע אויף דער זיצונג פון „קאָמיטעט אָכראָני"*), וואָס קלערט דער „קאָמיטעט" צו טאָן, כּדי אָפּצוהיטן די יידישע באַפעלקערונג.

מען האָט אונז אויףדער זיצונג פאַרזיכערט, אַז עס ווערט אַלץ געטאָן, כּדי פאַרהיטן דאָס לעבן פון די יידן. נאָר נאַטירלעך וועט עס נאָר דאַן מעגלעך זיין, אויב עס וועט זיין אַ אָרדענונג". אונזער לאַגע איז געוואָרן אַ פאַרצווייפלטע: אַריינצוטרעטן אין „קאָמיטעט אָכראני"—האָט געהייסן—קודם=כּל, נעמען אויף זיך אַ גרויסע פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און צווייטנס, טאָמער פאַלט דער „קאָמיטעט" דורך—קענען מיר אַרויפברענגען אַ סך צרות אויף דער יידישער באַפעלקערונג. ווידער, אָפּזאָגן זיך אַריינטרעטן אין אַזאַ לינקן אוקראַינישן קאָמיטעט — האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן מצד די אוקראַינער אַלס קעגן אוקראַינישע אָריענטאַציע. מיר האָבן באַשטימט דעריבער אָפּצוּוואַרטן, ניט געבן גלייך קיין קלאָרן ענטפער. אין דעמזעלבן טאָג האָבן מיר באַקומען ידיעות, אַז עס זיינען אָנגעקומען פאַרדעכטיקע „טיפּן", וואָס זוכן אין קאָמיטעט זשידעס. ביי אַזאַ מצב, וואָלט געווען זייער לייכט צו ערקלערן, פאַרוואָס די אָנגעזעענסטע אוקראַינישע טוער זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן

---

*) אזוי האָט געהייסן דער קאָמיטעט.

דער „דירעקטאָריע"*).

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ה' טשעכאָווסקי באַשטעטיקט אונזער פּאָליטיק און האָט צוגעגעבן: „די איינציקע זאַך, וואָס דער קאָמיטעט האָט אויפגעטאָן, איז—וואָס ער האָט געראַטעוועט די יידישע באַפעלקערונג פון אַ פּאָגראָם".

פון „קאָמיטעט אָכראַני" האָט זיך גאָרנים אויסגעלאָזט. צו די באָלשעוויקעס האָט מען אַפילו קיין דעלעגאַציע אויך נים געשיקט. די דירעקטאָריע האָט נים געוואָלט פירן קיין אונטער-האַנדלונגען מים דער דעלעגאַציע, וועלכע איז געווען געשיקט צו איר. די דעלעגאַטן האָט מען אַרעסטירט.

אין קאַמענעץ איז דערווייל געקומען אַ „אַטאַמאַנדל" כאָמאַדענקאָ און האָט אַרעסטירט די אָנגעזעענסטע אוקראַאינישע טוער, ווי גאָלובאָוויטשן (געוועזענער פּרעמיער), א. זשוקאָווסקי, מאַזעפּאַ, אַ. סטעפּאַנענקאָ; די אַרעסטירטע אוקראַאינישע טוער האָט מען אין דעמזעלבן טאָג אַרויסגעלאָזן.

דער „אַטאַמאַנדל" האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס אין דער „חתונה" האָבן נים גענומען קיין אָנטייל די „זשידעס".

— אַהאַ, האָט ער געזאָגט,— מיר האָבן זיי שוין גוט אויסגעלערנט אין פּראָסקוראָוו.

דער „אַטאַמאַנדל" האָט זיך נים באַרואיקט און האָט גע-וואָלט מאַכן רעוויזיעס אין די הייזער, כלומרשט צו זוכן געווער. מים וואָס דאָס שמעקט, האָט די ייד'שע באַפעלקערונג גאַנץ גוט געוואוסט,— און אין שטאָט איז געוואָרן אומרואיק. צום גליק פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, האָט דער „אַטאַמאַנטשיק" אָנגערירט אָנגעזעענע אוקראַאינישע כלל-טוער, און פון גאַליציע איז אַרויס-גערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע גאַליצישע אָפּטיילונג, וועלכע האָט אַרעסטירט דעם „אַטאַמאַנדל" און אַנטוואָפנט זיינע קאָזאַקן.

אין שטאָט איז געוואָרן רואיקער. די גאַליצישע אָפּטיילונג האָט זיך געפונען אין שטאָט ביז דעם אַריינקומען פון די באָל-

*) די „דירעקטאָריע" האָט געזעסן אין דעם „קאָמיטעט אָכראַני" „פּאַרמאַסקירטן באָלשעוויסטישן רעוואָקאָם"

Вільна Україна, Львів 1921, (זייטע 44)

שעוויקעס — און האָט פּולקום אָפּגעהיט די אָרדענונג. די אָר־דענונג האָבן אויך געהאָלפן אָפּהיטן די „יונאַקעס" (יונקערס).

אין דער פּראָווינץ איז די לאַגע געווען אַ סך ערגער, ווי אין קאַמענעץ. דאָ האָט מען כאָטש געקענט ריידן צו אַ מאַכט, צו געזעלשאַפטלעכע טוער; אין די קליינע שטעטלעך איז געווען געענוג עס זאָלן זיך אַרייַנרייסן אייניקע באַוואָפנטע זעלנער, אָדער, פּשוט, באַנדיטן, און אָנמאַכן די גרעסטע אומגליקן.

די אוקראַינישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, אויב מען זאָל ניט רעכענען דעם „קאָמיטעט אָכראַני", האָבן זיך געהאַלטן גאַנץ פּאַסיוו צו די פּאָגראָמען. זיי, מיט זייערע פויערשע קעפּ, האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט פאַרשטיין, אַז די פּאָגראָמען לאַ די וואָס זיי ברענגען אום די יידישע באַפעלקערונג, נאָר זיי מאַכן אויך אַ סוף צו דער עקסיסטענץ פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק.

אין די אוקראַינישע קרייזן אויף וועלכע עס האָט זיך אָנגע־שפּאַרט די אוקראַינישע פאָלקס־רעפּובליק, איז אויך ניט געווען צו מערקן קיין איבעריקס געהויבענע שטימונג.

מיר איז אויסגעקומען אין דעמדאָזיקן פּעריאָד צו אַרבעטן אַלס מיטגליד פון „גובערניאַלן זעמסקן צוזאַמענפאָר"*) מיט דער אוקראַינישער אינטעליגענץ פון פּאָדאָליער גובערניע אויף אַ צוזאַמענפאָר פון די ראַטמענער, נאָך פּראָסקוראָווער פּאָגראָם.

אַ סך פון זיי האָבן גאָרניט געפונען פאַר נייטיק צו באַ־האַלטן זייער נעגאַטיווע באַציאונג צו דער מאַכט פון דער „אוק־ראַינישע פאָלקס־רעפּובליק".

און ווען עס האָט זיך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון פּעט־ליורען, אַז ער האָט פאַרנומען זשיטאָמיר**), האָט מען פאַרגעלייגט אויף דעם צוזאַמענפאָר שיקן פּעטליורען אַ באַגריסונגס־טעלעגראַם.

די טעלעגראַמע איז געווען צוזאַמענגעשטעלט גאַנץ קאַלט און אין איר האָבן די ראַטמענער פאָרגעלייגט פּעטליורען איינ־האַלטן זיין חייל און ניט דערלאָזן צו עקסצעסן.

---

*) Губерніальне Народне Зібрання

**) דאָן איז פאָרגעקומען דער צווייטער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר

פאַר דערדאָזיקער טעלעגראַמע האָבן אויסער מיר און אַ ציוניסטישן ראַטמאַן ניט געשטימט אויך אַ 8—6 אוקראַינער.

פון דעם יידישן מיניסטעריום האָבן מיר די גאַנצע צייט ניט געהאַט קיינע ידיעות. מיר האָבן געהערט, אַז ה׳ רעוואוצקי, דער יידישער מיניסטער (פועלי-ציוניסט), איז נאָך דעם פראָסקוראָווער פאָגראָם אַנטלאָפן און האָט איבערגעגעבן דאָס מיניסטעריום ה׳ קראַסני (פאָלקס-פאַרטיי).

צוזאַמען מיט אַנדערע מיניסטעריומס זיינען אויך געקומען אין קאַמענעץ 2—3 קלענערע באַאַמטע, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז זיי שטעלן פאָר מיט זיך דאָס יידישע מיניסטעריום. —

— דער יידישער מיניסטער ה׳ קראַסני, איז אַוועקגעפאָרן אין אָדעס, און דאָ־וואַרט מען אויף אים.

ווירקלעך, אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז געקומען קיין קאַמענעץ ה׳ קראַסני.

ביי אים איז געוועזן אַ דעלעגאַציע פון דער קאַמענעצער קהילה מיישב זיין זיך וועגן די פאָגראָמען.

איך בין געוועזן ביי אים אין נאָמען פון דער „קולטור-ליגע" צו ריידן מיט אים וועגן די אַנשטאַלטן. ה׳ קראַסני איז אין דעמזעלבן טאָג אַוועקגעפאָרן און מער האָבן מיר אים פון דאַמאָלסט אָן ניט געזען. די אוקראַינישע רעגירונג האָט געמוזט אָפּפאָרן אין ראָוונע.

דאָס יידישע מיניסטעריום האָט געמאַכט אויף אונז דעם ערגסטן איינדרוק. די „פועלי—ציון" זיינען געווען פאַרשעמט, די פאַראייניגטע" און „בונדיסטן" האָבן געשמייכלט.

איך דאַרף נאָך צוגעבן, אַז מיר האָבן געשיקט ספּעציעל אַ קריסטלעכן סטודענט*) קיין וויניצע, בשעת דאָרט איז געווען דאָס יידישע מיניסטעריום, נאָר ער איז געקומען מיט גאָרניט.

די טעג און אפשר די שעהן פון דער „אוקראַינישער פאָלקס-רעפּובליק" זיינען געווען געציילט. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און דער בעסטער טייל פון די אוקראַינער וואַרטן מיט אומגעדולד, ווען וועט מען פון איר שוין פטור ווערן.

---

*) אַ ייד האָט ניט געקענט פאָרן מחמת דער סכנה אויף די באַנען און וועגן.

באלשעוויקעס אין פאראליע.

(פרילינג 1919).

דעם ערב=פסח פון יאָר 1919 האָט די יידישע באַפעלקערונג פון קאַמענעץ פאַרבראַכט זייער אומרואיק. יאַרמאָלינעץ*) איז שוין פאַרנומען געווען פון די באָלשעוויקעס. פון דעם נאָענטסטן שטעטל דונאַעווצי**) זיינען אין דעם טאָג ניט געקומען, ווי געוויינלעך, די בעלי=עגלות, דער בעסטער סימן, אַז די נייע מאַכט איז נאָענט. עס האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט ביי דער שטאָט=פאַרוואַלטונג צו אָפהיטן די אָרדענונג אין שטאָט. נאָך אַסך רייבונגען זיינען אין קאָמיטעט אַריין פאָרשטייער פון די רעכטע און לינקע פאַרטייען. דער נייער גובערניאַלער קאָמיסאַר, סיצינסקי, זייער אַ באַגרעניצטער מענטש , האָט געשטערט מיט אַלע מעגלעכקייטן דער אַרבעט פון קאָמיטעט. ער האָט נעבעך מורא געהאַט, אַז דער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען געווען צווישן 5 מיטגלידער 2 מעסיקע סאָציאַליסטן (איינער אַ אוקראַינער און דער אַנדערער אַ יידישער) און די איבעריקע רעכטע, וועט פאַרכאַפן די מאַכט און פאַרהאַלטן די עוואַקואַציע פון די אוקראַינער. צום גליק, איז אויף דער זייט פון קאָמיטעט געווען דער פאַרוואַלטער מיט דער שטאָט=מיליציע, מיכאַלאָפאָוו, אַ רוסישער מענשעוויק, נאָכדעם אַ באָלשעוויק.

פאַרנאַכט איז די געוואָרן לאַגע ערנסטער. יידן האָבן זיך געגרייט צום סדר און אין דערזעלבער צייט פאַרבאַריקאַדירט די טירן און טויערן.

פון שטאָט=אופראַווע האָט מען מיך געשיקט רופן. דאָרט האָבן זיך שוין געפונען אַלע מיטגלידער פון שטאָט=פאַרוואַלטונג. דאָרט איז געווען דער פאָרזיצער פון דומע מיראַנסקי, אַ רוסישער סאָצי-

*) אַ שטעטל 60 ווערסט פון קאַמענעץ.

**) 30 ווערסט פון קאַמענעץ.

אַליסט=רעוואָליוציאָנער, אַ ייד, דער שטאָט=גאָלאָווא, קילימניק, אוקראַינער סאָציאַל=דעמאָקראַט און אַ סך אַנדערע.

אין אופּראַווע האָט זיך געזעצט. דער קאָמיסאַר, ה׳ סיציבסקי, האָט נאָך אַלץ געדרייט. עס זיינען געקומען פאָרשטייער פון פאַר־שיידענע מיליטערישע טיילן צו רעגיסטרירן זיך אין שטאָט=אופּראַווע און האָבן געמעלדן, אַז זיי פאַרלאָזן ניט די טעריטאָריע פון אוקראַינע און גיבן זיך אונטער די באָלשעוויקעס.

ווי פון דער ערד, האָבן זיך באַוויזן פאַרשיידענע טיפּן פאַרדעכטיקע און ניט פאַרדעכטיקע, יעדערער האָט געפּילדערט, געגעבן עצות און דערציילט וויכטיקע נייס.

פּלוצלונג גיט מען איבער, אַז אין גאַס שלאָגט מען יידן עס ווערט אַ פּאַניק. נאָר צום גליק, ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז געווען נאָר טיילווייז ריכטיק. אייניקע יידן, וואָס זיינען געגאַנגען אין די שולן דאַווענען, האָבן באַקומען קלעפּ פון דעם אָפּטרעטנדיקן חייל. עס ווערט רואיקער. אין שטאָט=אופּראַווע בלייבט אַ מיטגליד פון קאָמיטעט אויף אַ גאַנצע נאַכט. איך און ח׳ ב. גייען צו אַ באַקאַנטן כלל=טוער צום ערשטן סדר. אין שטאָט איז שטיל. קיין יידן טרעפט מען כמעט ניט, אַלע טירן און טויערן זיינען פאַרמאַכט. איבערן שטאָט גייט דורך רואיק אַ גאַליצישע מיליטערישע אָפּטיילונג. מיר קומען אַריין אין פאַרוואַלטונג פון שטאָט=מיליציע. מיר געפינען דאָרט זייער פיל מיליציאָנערן, באַוואָפנטע זעלנער, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין קאַמענעץ און ניט אָפּטרעטן אין גאַליציע.

זייערע עלטסטע זאָגן, אַז עס וועט זיך איינגעבן אָפּהיטן די שטאָט פון אומאָרדענונג. עס ווערט אַ ביסל רואיקער אויף דער נשמה, מיר גייען צום סדר.

דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַ גאַנץ היבשן עולם פון אָנגעזעענע קאַמענעצער כלל=טוער. די שטימונג איז אַ געדריקטע.

ווער ווייס, וואָס וועט זיין אין אַ שעה אַרום? וואָס וועט זיין מאָרגן?

4 אַזייגער ביינאַכט האָט מען אָנגעהייבן קלאַפּן אין די טירן. דער פאַרוואַלטער פון מיליציע, ה׳ מיכאַלאָפּאָוו, איז געקומען.

און איבערגעגעבן אונז, אז דער העלד, ה' סיצינסקי, איז ביינאכט אנטלאָפן און האָט די גאַנצע באַפעלקערונג איבערגעלאָזן אויף הפקר. אין שטאָט איז ניטאָ קיין שום מאַכט.

מיר טוען זיך גלייך אָן און גייען אין שטאָט-אופראַווע. אויפן גאַס קלייבן זיך שוין רעדלעך יידן, יום-טובדיק געקליידט. די שטימונג איז אַ ערנסטע. אין שטאָט-אופראַווע איז שוין געקומען דער פאָרזיצער פון דער דומע*) ה' מיראָנסקי, דער שטאָט-גאָלאָווא, קילימניק און נאָך אַנדערע. עס ווערט גלייך צונויפגעשטעלט אַ נייער „קאָמיטעט צו היטן די אָרדענונג", אין וועלכן עס גייען אַריין נאָר סאָציאַליסטן, אוקראַינישע און יידישע. מען רעכנט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן האָבן מער צוטרוי צו אַזאַ קאָמיטעט—איידער צו אַ אויסגעשפּראָכענעם רעכטן. מען לאָזט אָבער איבער יענעם אייך.

גלייך ווערט אָנגעמערקט אַ פּלאַן פון אַרבעט. מען באַשטימט אַרויסלאָזן אַן אויפרוף, אין וועלכן די שטאָט-פאַרוואַלטונג זאָל מעלדן, אַז די גאַנצע מאַכט איז אַריבער צו איר *) ביז עס וועט ניט קומען קיין געזעצלעכע מאַכט, אַז קיינע עקסצעסן וועלן ניט דערלאָזן ווערן און אַז עס איז דאָ גענוג באַוואָפנטע קראַפט, כדי צו דערשטיקן יעדן אַרויסטריט פון פאַרברעכערישע עלעמענטן.

און ווירקלעך, אין רשות פון דער שטאָט-אופראַווע האָבן זיך געפונען ביז 200 מיליציאָנערן מיט 2 קוילנוואַרפער, עס האָט זיך געבילדעט אַ קאַמף-אָפּטיילונג, דאָס רוב פון געוועזענע יידישע סאָלדאַטן, אונטער דער אָנפירונג פון געוועזענע יידישע יונקערס. עס געפינען זיך אויך אין שטאָט ביז 500-600 מאַן רעגולערע מיליטער וועלכע האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דער שטאָט-אופראַווע.

מען רעגיסטרירט די געבליבענע מיליטער-טיילן, מען פאַרהיט די סקלאַדן פון סחורה און אַמוניציע.

פון טורמע הייבן אָן אָנצוקומען באַאומרואיקנדיקע ידיעות.

---

*) שטאָט-פאַרוואַלטונג.

*) אין אַ פּאָר שעה אַרום איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פון ה' סיצינסקען אַז ער גיט איבער די מאַכט דער שטאָט-פאַרוואַלטונג.

מיר, ווי אַן אַדוואָקאַט, קומט אויס צו פאָרן אין טורמע. איך פאָר מיט דעם פראָקוראָר און דעם פּאַרוואַלטער פון טורמע אַרויסצו־לאָזן, לויט די אינסטרוקציעס פון „קאָמיטעט", די פּאָליטישע אַרעסטירטע. אונזער קומען באַרואיקט די אַרעסטאַנטן. מיר לאָזן אַרויס אַ מאַן 15, צווישן זיי 12 פּויערים, וועלכע מען האָט גע־האַלטן אומגעזעצלעך אין טורמע.

פלוצלונג באַווייזן זיך „הײדאַמאַקעס". זיי טרעטן אָפּ קיין גאַליציע און האָבן פאַרבלאָנדזשעט לעבן דער קאַמענעצער טורמע, וואָס געפינט זיך אַ וויאָרסט 2 פון שטאָט. אויפן האַרצן ווערט ניט פריילעך. אויב די „הײדאַמאַקעס" וועלן זיך צופעליק דער־וויסן, אַז איך, אַ ייד, אַפילו צוזאַמען מיטן פראָקוראָר, לאָז אַרויס פּאָליטישע אַרעסטירטע, שטייט מיר פאָר די געפאַר פון טויט.

עס וועט ניט העלפן קיינע רייד, אַז מיט 15 באַפרייטע פּאָ־ליטישע אַרעסטירטע ראַטעווען מיר די שטאָט, ווייל אין טורמע געפינען זיך ביז 200 קרימינעלע פאַרברעכער.

איך קען זיך אַפילו באַהאַלטן אין טורמע, נאָר איך גלויב ניט דער אַדמיניסטראַציע פון דער טורמע.

איך בלייב אויסערלעך רואיק. צום גליק, האָבן זיך די „הײדאַמאַקעס" געאיילט און ניט אָפּגעשטעלט זיך לעבן דער טורמע.

אין אַ מינוט 20 אַרום דערהערט זיך אַ שיסעריי פון האַרמאַטן, קוילנוואַרפער און ביקסן. דאָס קומט פאָר אַ שלאַכט צווישן די אָפּטרע־טנדיקע אוקראַינישע מיליטער־טיילן, הײדאַמאַקעס און אַנדערע, און דעםמיליטער, וועלכעס האָט באַשטימט־צו פאַרבלייבן אין שטאָט.

נאָר ביסלעכווייז ווערט רואיקער. מען גיט אונז פערד און איך מיט דעם פראָקוראָר פאָרן אין שטאָט. עס איז שוין שטיל. אויף די גאַסן איז שוין אויסגעקלעפּט די מעלדונג פון שטאָט־פאַר־וואַלטונג. די באַפעלקערונג באַרואיקט זיך. איבערן גאַס גייען אַרום פּאַטרולן פון געוועזענע סאָלדאַטן (יידישע און ניט־יידישע).

מיט דער גאַנצער אָרדענונג פירט אָן אַ פּאָליאַק, אַדוואָקאַט ווירזשיקאָווסקי. זיין מיטהעלפער איז אַ יידישער אָפיציר, שקאָלניק.

אויף דער נשמה ווערט זיכערער. הייסט דאָס, קאָמענעץ איז געראַטעוועט פון אַ שחיטה!

פאַרוואָס אָבער האָט דאָס אומגליק געטראָפן פּראָסקוראָוו?

וואָס איז געווען די אורזאַך, וואָס קאָמענעץ, געפינענדיק זיך אין דיזעלבע באַדינגונגען וואָס פּראָסקוראָוו האָט זיך יאָ געראַטעוועט פון אַ פּאָגראָם?

אפשר האָט זיך אין קאָמענעץ צופעליק געפונען אַ סימפּאַטישע אוקראַאינישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט געזען צו פאַרהיטן די יידישע באַפעלקערונג?

אפשר איז אין קאָמענעץ די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ געווען מער ענערגיש?

אפשר האָט פּראָסקוראָווער שחיטה אַלעמען אָנגעשראָקן און דאָס האָט געווירקט?

אפשר? ? ? — — —

*

אין שטאָט איז די שטימונג אַ געהויבענע. יידן, יומטובדיק אויסגעפּוצטע, גייען איבער די גאַסן מוטיק און זיכער.

די שטאָט ווערט צוטיילט אויף 28 ראַיאָנען, און יעדער ראַיאָן שטעלט אַרויס זיינע שומרים. אָט גייט אַ פּאַטרול — אַ גרופּע באַוואָפנטע יידישע יונגעלייט, אונטער דער פירונג פון אַ יידישן אָפיצער, און היטן די אָרדענונג. אין שטאָט איז פולקום רואיק. אַפילו די צאָל געוויינלעכע גנבות פאַרקלענערט זיך.

מען ווייס אַפילו ניט גענוי, ווער עס גייט און וואָס וועלן ברענגען מיט זיך די נייע הערשער, „די באָלשעוויקעס", אָבער איין זאַך איז גוט: געפטערט מיט די „פּאָגראָמשטשיקעס".

מיטאַמאָל קומען אָן ידיעות, אַז אין אָרינין *)טוט זיך מעשים. די אָפּטרעטנדיקע אוקראַאינישע מיליטערישע טיילן מאַכן דאָרט אַ חורבן. עס זיינען שוין פאַראַן געהרגעטע אויך. מ'וויל לויפן, טאָן, בעטן, עס איז אָבער ניטאָ צו וועמען — ס'איז ניטאָ

---

*) א שטעטל 15 וויאָרסט פון קאָמענעץ און 16 וויאָרסט פון דער געוועזענער עסטרײַכישער גרעניץ. ליגט צווישן קאָמענעץ און דעם גרעניץ.

קיין מאכט. די שטימונג איז אן אויפגערודערטע. א סך ווילן פארן קיין אָריגין, נאר עס בלייבט איך זאל פארן.

איך, צוזאמען מיט נאך 4 מיליציאנערן, פארן אויף א דראזש־קע, מיר קומען אן אין שטעטל. דארטן איז שוין רואיק, עס זיי־נען דא 2 קרבנות, און ניט ווייט פון שטאט געפינען זיך נאך די „היידאמאקעס". מיר האבן פארבראכט א פאר שעה און אפגעפארן. עס האט זיך איינגעגעבן דאס שטעטל עטוואס צו בארואיקן. אבער וואס וועט זיין ווייטער?

אין א פאר טעג ארום זייען אין קאמענעץ אריין קליינע אפטעריסענע באלשעוויסטישע מיליטער־טיילן און די גאנצע שטאט האט זיי באגעגנט מיט גרויס פאראד, דערהויפט די יידישע בא־פעלקערונג. קליין און גרויס, ארים און רייך, – אלע זיינען געווען אויף דער גאס. מ'איז צופרידן, ניטא ביי קיינעם קיין ספיקות.

— זאלן די באלשעוויקעס ביי אונז צונעמען אלץ, וואס מיר האבן—אבער אונזער לעבן וועלן זיי ניט צונעמען—האט געטענהט די פארמעגלעכע באפעלקערונג.

„אבער וואס וועט ווערן מיט דער יידישער באפעלקערונג, אויב די גזלנים, די היידאמאקעס, וועלן זיך אריינרייסן אין שטאט אדער אין שטעטל? זיי וועלן דאך אלץ צונעמען און נאך הרגע־נען דערצו א סך אומשולדיקע יידישע נפשות?

אט שטייען אין קאמענעץ ביינאכט אויף דעם גובערנאטארס פאלאץ באוואפנטע זעלנער—באלשעוויקעס מיט קאנאנען און קוילנ־ווארפער. איך גיי צו נעענטער און זע צווישן זיי דעם אריני־צער רב און נאך יידן.

וואס איז? פרעג איך,ווי קומט איר אהער?—שלעכט—ענט־פערן זיי, אין אָריגין זיינען ווייטער אריין די „היידאמאקעס" און זיי טוען אן מעשים נוראים. דער איינציקער משיח—דאס זיינען די באלשעוויקעס.

אט גייען צו מיר צו אין קאמענעץ צוויי יידן, א רייכער סוחר א. ש—ער און א אינטעליגענט, א צעירי־ציוניק:—וואס וועט זיין, מען זאגט די היידאמאקעס גייען? זייערע פנימער זיינען פול מיט יאוש—די איינציקע האפענונג פאר דעם רייכן יידישן סוחר

איז, עס זאָל בלייבן „דער באָלשעוויק", כאָטש ער וויל אים אַרויס־וואַרפן פון זיין דירה. אָבער הרגענען וועט ער אים דאָך ניט?

דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט געפינען פיל, פיל מאַטעריאַל, ווי אַזוי די יידישע באַפעלקערונג און די יידישע אַר־בעטער האָבן העלדיש געקעמפט מיט די פאַרשיידענע אוקראַאינישע באַנדעס, וועלכע האָבן, פירנדיק אַ קאַמף מיט די באָלשעוויקעס, אויסגעשאָכטן די יידישע באַפעלקערונג. זייער אַ סך האָט מען גע־שריבן און מען שרייבט נאָך וועגן דעם, ווי אַזוי יידן ווערן געקוילעט אָבער זייער ווינציק אָדער כמעט גאָרניט איז געשריבן געוואָרן, ווי די יידן האָבן העלדיש געקעמפט, פאַרטיידיקנדיק זייערע עלטערן, ברי־דער און שוועסטער. יידן ווילן שוין מערניט שטאַרבן, ווי בהמות און לאָזן זיך שוין מער ניט פירן ווי שעפסן צו דער שחיטה, אַזוי ווי אין פראָסקוראָוו.

דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט געפינען זייער אַ סך מאַטעריאַל, וועגן דעם יידישן זעלבסטשוץ. איך וועל זיך דאָ נאָר באַנוגענען מיט אייניקע געשיכטעס.

אַ ר י נ י ן.

אַ קליין יידיש שטעטל, וואָס געפינט זיך צווישן קאַמענעץ און דער גרעניץ (זברוטש). די הייידאַמאַקעס, פאַרטריבן פון די באָלשעוויקעס, האָבן זיך געפונען אויף יענער זייט זברוטש, צוליב פּאָליטישע טעמים. (אין גאַליציע איז דאַן פאָרגעקומען אַ מלחמה צווישן פוילן און גאַליצישע אוקראַאינער) זיינען די באָל־שעוויקעס דעם זברוטש ניט אַריבער און איבערהויפּט האָבן זיי זייער ווייניק אויפמערקזאַמקייט געלייגט אויף דער גרעניץ פון פּאָדאָליע.

אַ לענגערע צייט האָבן אָפּגעהיט די גרעניץ די אָרטיקע פויערים צוזאַמען מיט די יידישע יונגעלייט פון אָרינין און קליינע טיילן פון דער רויטער אַרמיי.

איינמאָל, סוף חודש מאַי, אין אַ פרייטאָג צונאַכט, שיקט דער פּאָרזיצער פון קאַמענעצער רעווקאָם, באַראַן, עקסטרע רופן דעם פאָרשטייער פון די יידישע סאָציאַליסטן („פאַראייניקטער בונד") ח' ב. און דערציילט אים אַזאַ מעשה:

„אין אָרינין האָט זיך אַרייַנגעריסן אַ באַנדע „הײדאַמאַקעס“
און קוילעט אויס די יידישע באַפעלקערונג; דער קאַמענעצער רעוו=
קאָם האָט ניט גענוג כּוחות צו פאַרטרייבן זיי, און אויב די יידישע
באַפעלקערונג וועט ניט מיטהעלפן צו פאַרטיידיקן זיך, קען אומקו=
מען ניט נאָר אָרינין אַליין, עס שטייט אויך אין גרויס געפאַר די
יידישע באַפעלקערונג פון קאַמענעץ“.

לאַנג קלערן איז ניט געווען קיין צייט. אַ באַטאַליאָן פון
יידישע אַרבעטער איז שוין אַוועק אויפן פראָנט, אָבער ס'איז
געווען ווינציק, מ'האָט גאָרנישט געקענט אויפטאָן. מען מוז אָר=
גאַניזירן נייע מיליטער=טיילן. עס קלייבן זיך אויף מענטשן פון
פאַרשיידענע פאַרטייען, געוועזענע סאָלדאַטן און אויך אַזעלכע,
וועלכע זיינען קיין מאָל אין קיין שלאַכט ניט געווען און האָבן
אַפילו קיין מאָל קיין ביקס אין האַנט ניט געהאַלטן. מען גייט אין
אָרינין, קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ.

אַרויס איז מען פון קאַמענעץ בייַנאַכט. די גאַנצע יידישע
באַפעלקערונג איז רואיק געשלאָפן. עס זיינען געגאַנגען אַ 70=60
רויטע אַרמייער, אַ פּאָר אָפיצערן, 1 האַרמאַט און 60 יידישע קעמפער

מען איז אָפּגעגאַנגען אַ וויאָרסט 8 (ביז אָרינין איז געבליבן
ד וויאָרסט). מיטאַמאָל—אַ באַפעל צו לייגן זיך, און גלייך האָט
זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע שיסעריי פון האַרמאַטן און קוילנ=
וואַרפער מצד די אוקראַינער.

די יידן, וועלכע זיינען שוין געווען אויף מלחמה, האָבן
גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז, אייגנטלעך, ניט קיין פּאָגראָם=
באַנדע, נאָר רעגולערע מיליטער=טיילן, וואָס האָבן בשעתן אַרייַנגיין
אין אָרינין, בדרך הטבע, געמאַכט אַ פּאָגראָם.

ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער רעווקאָם
האָט טאַקע געוואוסט וועגן דעם, נאָר ער האָט דאָס פאַרשוויגן, ווייל
ער איז ניט געווען זיכער, אַז די יידישע יונגעלייט וועלן אַרויס=
טרעטן אָפן קעגן אוקראַינישע רעגולערע טיילן. איינער אַ פּועלי=
ציוניסט, אַ קאָמוניסט, אַ מיטגליד פון רעווקאָם, האָט געוואָלט
מגלה זיין דעם סוד, נאָר מען האָט אים שטרענג פאַרבאָטן.

דאָס אַלץ האָט מען זיך דערוואוסט שפּעטער. וואָס זאָל מען

אָבער איצטער טאָן? איצט איז שלעכט.

פאַראויס שטייט אַ שטאַרקער שונא און פון הינטן שטייען די באָלשעוויקעס מיט שווערדן און רעוואָלווערן און לאָזן קיינעם ניט גיין צוריק. און עס איז ווירקלעך געווען שוין שפּעט אָפּצוטרעטן. ביז קאַמענעץ איז אַ וויאָרסט 8, און דער גאַנצער עולם וועט סיי־ווי־סיי אויסגעהרגעט ווערן אויפן וועג.

און עס איז געשען אַ נס.

די גאַנצע שנאה צו די „רוצחים“, די גאַנצע אויפרעגונג און די געפאַר פאַר זיך און פאַר די נאָענטע האָבן אַרויסגערופן אַן אומגעוויינלאַכן ענטוזיאַזם. די יידישע פרייוויליקע האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם קעגנער, די היידאַמאַקעס, מיטשלעפנדיק מיט זיך און אַריינציענדיק אין קאַמף די רויטע אַרמייער.

די היידאַמאַקעס האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם קאַמף, האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן און גענומען אַנטלויפן אָדער וואַרפן דאָס געווער, פאַלן אויף די קני און בעטן רחמים, מ'זאָל זיי שיינקען דעם לעבן.

מענטשן זיינען פשוט אַרויס פון די כלים. אַזעלכע יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן אין זייער לעבן קיין פליג אויפן וואַנט ניט אָנגערירט, האָבן זיך איינגאַנצן פאַרגעסן וואו זיי זיינען אין דער וועלט און האָבן אָן רחמנות געממיתט די היידאַמאַקעס אויף רעכטס און אויף לינקס. איינער אַ יונגער היידאַמאַק האָט זיך געשטעלט אויף די קני און האָט זיך זייער געבעטן, מען זאָל אים לאָזן לעבן.

—וויפיל יידן האָסטו געהרגעט? —

— איינעם.—

אַ טויט־קלאַפּ איז געווען דער ענטפער. 60 פרייוויליגע מיט אייניקע רויטע אַרמייער זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן 600 היידאַמאַקעס און זיי פאַרטריבן. 60 היידאַמאַקעס זיינען געפאַלן געהרגעטע, פון די יידן זיינען געפאַלן 2 (איינער אַ צעירי־ציוניק).

אין די באָלשעוויסטישע „קיעווער ידיעות“ האָט מען געמאָלדן, אַז „דער אָנגריף אויף קאַמענעץ איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן און אויף דעם שלאַכט־פעלד זיינען געבליבן 60 געהרגעטע“.

די יידן האָבן באַוויזן די אוקראַינישע „אַטאַמאַנדלאַך“, אַז צו נאָך אַזאַ פראָסקוראָוו וועלן זיי ניט דערלאָזן.

נאָכן שלאַכט האָבן די רויטע אַרמייער ניט געוואָלט אָפּלאָזן די יידישע פּרייוויליקע און געהאַלטן זיי פּאַר מאָבּיליזירט. מיט גרויס מי האָט זיך די יידן איינגעגעבן צו באַפרייען זיך.

די יידישע באַפעלקערונג פון אָרינין איז אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן. זי איז בלויז „אָפּגעקומען" מיט 15 קרבנות. דאָס גאַנצע שטעטל פון קליין ביז גרויס איז אַוועק צופוס קיין קאַמענעץ.

דערווייל איז אין קאַמענעץ געוואָרן שטאַרק אומרואיק. עס זיינען אַוועקגעגאַנגען קיין אָרינין אַלס פּרייוויליקע די אָנגעזעענסטע כלל־טוער און מען ווייס ניט, וואָס מיט זיי איז געוואָרן, מען האָט אויך ניט געוואוסט, וואָס עס וועט זיין מיט קאַמענעץ גופא, און זייער גרויס איז געווען די שמחה, אַז מ'האָט דערזען אומקערנדיק זיך די קאַמענעצער העלדן. אַ ווארימן קבלת־פנים האָבן אויך געהאַט די אַנטלאָפענע אָרינינער יידן.

ערשט נאָך דער שלאַכט, זיינען אויף אַ דראָזשקע געקומען קיין אָרינין די לידערס פון די יידישע קאָמוניסטן.

ווי אַ ליכטיקער זון־שטראַל צווישן שוואַרצע כמאַרעס האָט אַרויסגעשיינט די „אָרינינער געשיכטע" צווישן די שרעקלעכע פּאָגראָם־עקסצעסן אין פּאָדאָליע.

וויניצע.

ניט ווייט פון וויניצע געפינט זיך אַ קליין יידיש פּאָוויטאָווע שטעטל, ליטין. דאָס דאָזיקע שטעטל האָט שרעקלעך געליטן פון די פאַרשיידענע פּאָגראָמם־באַנדעס, וואָס זייער פירער איז געווען דער באַנדיט שעפּעל.

די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט אַ פּשוטן מיטל קעגן די „פּאָווסטאַנצעס" (אינסורגענטן) פון דעמדאָזיקן ראַיאָן.

זיי פלעגען אַרויסשיקן קעגן די דערפער, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן די באַנדיטען, אָפּטיילונגען פון די טשרעזוויטשאַיקעס און יענע פלעגן באַשיסן די דערפער פון האַרמאַטן און זיך אומקערן דערנאָך צוריק אין שטאָט (וויניצע).

די פויערים האָבן אָבער די אָנפירער פון די „פּאָווסטאַנצעס" ניט אַרויסגעגעבן, און נאָך אַזעלכע אָנגעווענדעטע מיטלען פלעגן זיי

נאָך מער אויפגערעגט ווערן קעגן דער ראַטן=מאַכט, אָדער, ווי די „פּאָווסטאַנצעס" האָבן שטענדיק געזאָגט:

„קעגן די קאָמוניסטן און די זשידעס".

אין מאי פון יאָר 1919 (בכלל איז דערדאָזיקער חודש מאַי אין צוזאַמענהאַנג מיט גריגאָריעווס אויפשטאַנד געווען זייער אַ אומגליקלעכער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע) האָבן זיך אויפגעקליבן 2=3 טויזנט פויערים פון די אַרומיקע דערפער און באַשלאָסן גיין אויף וויניצע. *) אַ גרויסע טייל פויערים זייגען געווען באַוואָפנט מיט העק, ווילעס, א. אַנד. כלי=זיין.

די לאַגע פון דער יידישע באַפעלקערונג אין וויניצע איז געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל. די טיילן פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָבן זיך דאַמאָלסט געפונען אין וויניצע, זייגען געווען געשטימט אַנטי=באָלשעוויסטיש, און זייגען אַרויסגעטראָטן קעגן די „טשרעז=וויטשאַיקעס". ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן הייבט זיך גלייך אָן אַן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. די יידישע באַפעלקערונג איז געווען אין אַ גרויסער סכנה און די רויטע אַרמיי האָט זיך צו דעם באַ=צויגן גאַנץ פּאַסיוו. אַדרבא, מען האָט נאָך געקענט רעכענען, אַז אויב די פויערים וועלן זיך אַריינרייסן אין וויניצע, וועט צו די פּאָ=גראָמשטשיקעס צושטיין אויך די רויטע אַרמיי.

די יידן האָבן געגומען זוכן אַ באַהעלטעניש. אין שטאָט איז געוואָרן אַ שרעקלאַכע פּאַניק.

עס הייבן אָן אָנקומען ידיעות, אַז די „פּאָווסטאַנצעס" זייגען שוין אַ פּאָר וויאָרסט פון שטאָט.

נאָר „פּראָסקוראָווער געשיכטע" האָט געראַטעוועט. מען קען שוין מער ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז יונגע מענטשן זאָלן זיך באַהאַלטן אויף די בוידימער און אין די קעלערס און לאָזן זיך אויסקוילן, ווי שאָף.

עס בילדן זיך גלייך אָפּטיילונגען פון יידישע אַרבעטער און

---

*) ליטין האָבן זיי שוין דאַן געהאַט צעראַבירט. דעם 15-טן מאַי איז פאָרגעקומען דער ערשטער ליטינער פּאָגראָם. עס זיינען דאָרט געהרגעט גע-וואָרן ביז 110 יידן.

יידישע יונגע־לייט. פון אַ פאַנצער־צוג באַשיסט מען „די פּאָוואָסטאַנ־צעס" פון וואָקזאַל. אַ יידישער קאָמוניסט, הײדעלמאַן, פירט אָן מיט די טיילן, וואָס טרעטן אַרויס קעגן די פּויערים־באַנדעס. די ניט־אָרגאַניזירטע פּויערשע מאַסע, באַקומענדיק אַ געהעריקן ווידער־שטאַנד צעלויפט זיך אין גרויס פּאַניק. די יידישע באַפעלקערונג אין וויניצע איז געראַטעוועט!

אין דעמדאָזיקן שלאַכט איז געפאַלן דער העלד הײדעלמאַן, וועלכער איז געגאַנגען אין די ערשטע רייען.

פּראָסקוראָוו.

דער פּראָסקוראָווער פּאָגראָם האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבער־קערעניש אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פּראָסקוראָווער יידישער אַר־בעטערשאַפט.

אַ טייל איז געוואָרן פּאַסיוו, אינדיפערענט צום גאַנצן פּאָ־ליטישן לעבן. דער גרעסטער טייל אָבער איז צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס.

די באָלשעוויקעס האָבן פאַרשטאַנען, ווי אויסצונוצן די גע־שאַפענע סיטואַציע און האָבן גלייך, ווי זיי זיינען אַריינגעקומען אין פּראָסקוראָוו — נאָך דעם פּעברואַר־פּאָגראָם,— אָנגענומען ענער־גישע מיטלען, כדי אַריינצוציען אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי די יידישע אַרבעטער, וואָס פלעגן איבערהויפּט קעמפן העלדיש מיט די „פּעטלוראָווצעס".

ווען די אוקראַינער האָבן געמאַכט זייער אָנגריף אויף פּאָ־דאָליע אין יוני 1919, האָבן זיך געבילדעט רעגימענטן פון יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער.

די רויטע אַרמיי, וואָס איז דאַן געווען זייער דעמאָראַליזירט, איז באַלד אָפּגעטראָטן און אַ לאַנגע צייט האָבן פאַרטיידיקט די שטאָט פּראָסקוראָוו נאָר די אַרבעטער. די אוקראַינישע מיליטערי־שע קרייזן האָבן נאָכדעם אַליין אָנערקענט, אַז די יידישע אַר־בעטער האָבן זיך געשלאָגן העלדיש.

כמעלניק.

אַ שטעטל מיט אַ 10 000 יידישע אײנוואױנער, ליגט אין זײער אַ פאַרװאָרפן װינקל. פאַר די באָלשעװיקעס האָט דאָס שטעטל פון סטראַטעגישן שטאַנדפונקט ניט פאָרגעשטעלט קײן אינטערעס, און דעריבער האָבן זײ אים װײניק פאַרטײדיקט. דאָס שטעטל איז מחמת דעם געװען הפקר. און די „פּאָװסטאַנציעס" פלעגן אָפט באַפאַלן כמעלניק. דאַן האָבן די כמעלניקער יידן באַשלאָסן צו שאַפן אַ זעלבסטשוץ. עס האָבן זיך געבילדעט אין שטעטל 7 ראָטעס צו 100 מאַן. עס איז באַשאַפן געװאָרן אַ פולקומע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. די באָלשעװיקעס האָבן עטלאַכע מאָל געפּרובט צוצונעמען בײ די כמעלניקער יידן דאָס געװער, װי זײ האָבן געװײנלאַך געטאָן מיט יעדן זעלבסט־שוץ; זײ האָבן אָבער באַקומען אַ װידערשטאַנד און האָבן געלאָזן צורו די כמעלניקער יידן.

דער קאַמף מיט די „פּאָװסטאַנצעס" איז געװען אַ פאַרביטערטער.

די „פּאָװסטאַנצעס" זײנען פיל מאָל אָנגעפאַלן אויף כמעלניק און יעדן מאָל האָט מען זײ פאַרטריבן.

אײן ייד האָט זיך געפונען, װאָס איז ניט געװען טרײ דער יידישער באַפעלקערונג האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרמשפּט צום טויט.

די „פּאָװסטאַנצעס" האָבן דאַן געפונען אַן אַנדער מיטל זײ פלעגן באַפאַלן די באַנען, װען זײ גײען אַרויס פון כמעלניק, ערגעץ אָן אַ זײט, אין אַ פאַרװאָרפן װינקל, אַרויסנעמען פון זײ די כמעלניקער יידן, אַ טײל הרגענען און אַ טײל לאָזן צוריק אין כמעלניק, כדי צו װירקן אויף די איבעריקע כמעלניקער יידן, אַז זײ זאָלן זיך אונטערגעבן

כמעלניק איז געװאָרן װי אַ באַלאַגערטע פעסטונג. אַלס פאַרשטײער פון רויטן־קרײץ האָב איך געדאַרפט באַזוכן כמעלניק — און דאָס האָט זיך מיר ניט אײנגעגעבן.

נאָכדעם ווי די כמעלניקר יידן האָבן זיך אין אויגוסט־סעפטעמבער 1919 דערוואוסט, אַז עס גייט אַ רעגולערע גאַליצישע אַרמיי, וועלכע מאַכט ניט קיין פּאָגראָמען, האָבן זיי געשיקט פאָר שטייער אין קאַמענעץ־פּאָד. ערקלערן, אַז זיי האָבן ניט געקעמפט קעגן דער „אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק", נאָר קעגן די פּאָגראָם־באַנדעס.

אַדאַנק די אָנגענומענע מיטלען, זיינען אין כמעלניק אריינגעקומען די גאַליצישע מיליטער־טיילן אָן עקסצעסן.

דאָס שטעטל איז געראַטעוועט געוואָרן פון די פּאָגראָם־באַנדעס

ס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז נאָכדעם האָבן זיך ראַדע איינגעשטעלט אין כמעלניק גוטע באַציאונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און די פויערים.

איך וואָלט געקענט ברענגען נאָך פאַלן, וואו די יידן האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט, נאָר די פיר געבראַכטע געשיכטעס, וועגן וועלכע עס איז פאַראַן אַ גאַנץ היבשער פאַקטישער מאַטעריאַל, באַווייזן קלאָר, אַז אונטער דעם דראַנג פון געשעענישן האָבן זיך די יידן אַ ק ט י ו געשטעלט קעגן די רוצחים, וואָס האָבן געראַבעוועט און געשאָכטן די יידישע באַפעלקערונג.

די באָלשעוויקעס האָבן אויף אַ גלענצענדן אופן אויסגענוצט די פּאָגראָמען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מצד די אוקראַינער.

אויף אַ מיטינג אין קאַמענעץ, גלייך ווי די באָלשעוויקעס יינען אַריינגעקומען, האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט ניט בלויז אַלס קעמפער פאַר דער סאָציאַלער באַפרייאונג, נאָר אויך אַלס פאַרטיידיקער און באַפרייער פון יידישן פאָלק. איינער אַ רעדנער האָט געמאָלדן, אַז ביי זיי איז פאַראַן אַ געהיימער באַפעל פון פּעטליורען, אין וועלכן ער האָט געהייסן אָרגאַניזירן דעם פּראָסקוראָווער און פעלשטינער פּאָגראָם.

און די יידישע באַפעלקערונג האָט געגלויבט, וואָרום ווי קען דאָס אַנדערש זיין, אַז עס זאָלן פאָרקומען אַזעלכע שחיטות, און קיינער זאָל ניט באַשטראָפט ווערן!

אין אַלגעמיין האָבן זיך די באָלשעוויקעס אין דעמדאָזיקן פּעריאָד טאָלעראַנט באַצויגן צו דער יידישער באַפעלקערונג. זיי

האָבן זייער פּראַקטיק דורכגעפירט זייערע עקספּערימענטן אויפן עקאָנאָמישן געביט בנוגע דעם סוחרישן קלאַס.

גאַנץ קאָרעקט האָבן זיך אויך באַצויגן אין יענעם פּעריאָד די באָלשעוויקעס צו די יידישע סאָציאַליסטן, אָננעמענדיק אַלע מיטלען, כּדי צוצוציען זיי צו דער אַרבעט. און די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך דאַן באַצויגן מיט גרויס סימפּאַטיע צו די באָלשעוויקעס, נאָך די אַלע איבערלעבונגען, האָבן באַשלאָסן, ווען אַפילו ניט פאַרנעמען קיין פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, אָבער מיט אַלע כּוחות אונטערצוהאַלטן די ראַטן-מאַכט.

דער קאַמענעצער רעווקאָם איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט געוויסע אינסטרוקציעס פון צענטער, ער זאָל ניט אָנערקענען קיין שום נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, האָט דאָך אָנערקענט דעם „יידישן סאָציאַליסטישן ראַט".

די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען געשטימט אַווטאָנאָמיסטיש, האָבן זיך ניט געקענט באַרואיקן, ביז ס'וועט ניט געשאַפן ווערן אַ אַווטאָנאָמער אָרגאַן, וועלכער זאָל, שטיצנדיק זיך אויף די יידישע אַרבעטענדיקע מאַסן, אַרבעטן פאַר דער יידישער קולטור.

דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן צו בילדן אַ צייטווייליקן „יידישן סאָציאַליסטישן ראַט". אין דעמדאָזיקן „ראַט" זיינען געווען פאַרטראָטן: „בונד", „פאַראייניקטע", „פועלי-ציון", „קאָמוניסטישער בונד", „קאָמוניסטישע פאַראייניקטע" און „קאָמוניסטישע פועלי-ציון".

דער „יידישער סאָציאַליסטישער ראַט" האָט איבערגענומען אַלע שולן פון דער קהילה; די העברעאישע שולן פאַרוואַנדלט אין יידישע.

דער „ראַט" האָט אויך באַשטימט דעם גורל פון קאַמענעצער קהילה.

דער „יידישער סאָציאַליסטישער ראַט" האָט געפונען, אַז נאָכדעם ווי די קולטורעלע אַרבעט איז אַריבערגעגאַנגען אין זיין קאָמפּעטענץ און די איבעריקע פונקציעס (הילף, מעטריקאַציע) און אַנדערע ראַטן-אַנשטאַלטן, איז די עקסיסטענץ פון דער קהילה איבעריק.

וועגן דעם האָט דער „ראַט" געמאָלדן דער יידישער באַפעלקערונג.

אויפן גרונד פון דערדאָזיקער מעלדונג האָט דער „רעווקאָם" פונאַנדערגעלאָזט די קהילה.

דער „יידישער סאָציאַליסטישער ראַט" איז אָנערקענט געוואָרן, אחוץ דעם רעווקאָם, אויך פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אַ אינטערעסאַנטן מעמאָראַנדום האָבן די ציוניסטן צוגעשטעלט אין „רעווקאָם".

זיי האָבן געשריבן אין זייער מעמאָראַנדום, אַז זיי אָנערקענען די פּרינציפּן פון דער באָלשעוויסטישער אַרבעט־שול, און זיי מאַכן אויפמערקזאַם דעם רעווקאָם, אַז די הויפּט־ראָל אין „יידישן סאָציאַליסטישן ראַט" שפּילן די יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע ווילן נאָר אויסנוצן די ראַטן־מאַכט, כּדי דורכצופירן זייער פּאַרטיי־פּראָגראַם וועגן דעם „דייטשן זשאַרגאָן"*).

אַ גרויסן אָנטייל אין שאַפן דעם „יידישן סאָציאַליסטישן ראַט" האָט גענומען אין קאַמענעץ די נייע געשאַפענע אָרגאַניזאַציע „פאַראייניקטער בונד", וועלכע איז אַנטשטאַנען אין קאַמענעץ און האָט זיך נאָכדעם פאַרשפּרייט איבער גאַנץ פּאָדאָליע.

שוין פון אַ לענגערער צייט האָט זיך געשאַפן אַ אָפּאָזיציע אין דער פּראָווינץ קעגן די „צענטראַל־קאָמיטעטן", וואָס זיצנדיק אין קיעוו, האָבן זיי געפירט זייער פּאָליטיק אָפּגעריסן פון דער פּראָווינץ. איבערהויפּט האָט זיך דאָס געפילט אין קאַמענעץ, וועלכע ליגט זייער ווייט פון קיעוו.

דאַמאָלסט האָט זיך אויך שטאַרק דיסקוטירט אין צענטער די פּראַגע וועגן פאַראייניקן די 2 פּאַרטייען: „בונד" און „פאַראייניקטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי" (ס.ס און י.ס.)

די הויפּט־מאָמענטן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די צוויי פּאַרטייען, האָבן אַלץ מער און מער פאַרלאָרן זייער שאַרפקייט.

*) די מאַטעריאַלן וועגן דעם „יידישן סאָציאַליסטישן ראַט" זיינען ביז פעברואַר 1921 געווען אין אָרדענונג. וועגן דעם ווייטערדיקן גורל זייערן זיינען ניטאָ קיינע ידיעות.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַזוי פאַרטיפט און פאַרקאָמפליצירט די אַלע פּרינציפּיעלע פראַגעס, אַז ביידע ריכטונגען האָבן זיך געדאַרפט רעווידירן.

עס איז געווען איבעריק צו ריידן וועגן דער קאָמפּעטענץ פון די קהילות, וואו די מערהייט האָבן אין זייער אַ סך ערטער געהאַט די רעכטע און די לינקע האָבן ניט געקענט, סיי־ווי ווירקן אויף דער אַרבעט.

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן מיטגעהאָלפן אין ליקווידירן די יידישע קהילות.

די יידישע סאָציאַליסטן, אַפילו די, וועלכע זיינען ניט געווען קאָמוניסטיש געשטימט, האָבן זיך אין אַ געוויסער מאָס געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער אידעע פון „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט".

זייערע אווטאָנאָמיסטישע פּראָגראַמען האָבן זיי געטרוימט דורכפירן דורך יידישע אַרבעטער־ראַטן. צו אַזאַ מין שטעלונג האָט אויך געווירקט די רעכטע מאַיאָריטעטן אין די קהילות, וועלכע האָבן פאַקטיש געהאַט די מאַכט אין דעם גרעסטן טייל דעמאָקראַטישע קהילות.

אַזוי זיינען די פּרינציפּיעלע טעמים, וואָס האָבן אָפּגעטיילט ביידע פאַרטייען, אַלץ שוואַכער געוואָרן. די געשעענישן, איבערהויפּט די „פּאָגראָם־כוואַליע", די אָפטע איבערגאַנגען פון די מאַכטן, האָבן איבערגעריסן די פאַרבינדונגען פון דער פּראָווינץ מיט קיעוו.

אויסערדעם האָט קיעוו געלעבט ביי אַנדערע פּאָליטישע אומשטענדן, און די שטימונגען פון קיעוו זיינען זייער אָפט ניט צוגעפּאַסט געווען צו די שטימונגען פון דער פּראָווינץ.

די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" און „פאַראייניקטע" האָבן געמוזט פירן אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטיק. און אַזוי ווי אין די ערנסטע מאָמענטן האָט זיך זייער שטאַרק געפילט, ווי ווייט שעדלעך עס איז די צעבראָקלטקייט פון די סאָציאַליסטישע כחות — איז אַנטשטאַנען דער פאַרלאַנג פון פאַראייניקונג. אויף אַזאַ אופן האָט זיך געבילדעט דער „פאַראייניקטער בונד" — אַ פריער אין קאַמענעץ און נאָכדעם אין גאַנץ פּאָדאָליע.

די פּאַראַייניקטע אָרגאַניזאַציעס: „בונד" און „פּאַראַייניקטע" האָבן געטראָגן דעם נאָמען „פּאַראייניקטער בונד".

דעם „פּאַראייניקטן בונד" אַלס זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע (פּאַרטיי) איז נאָכדעם אויסגעקומען צו שפּילן זייער אַ וויכטיקע ראָל.

* * *

אַזוי האָט די יידישע באַפעלקערונג געלעבט מער אָדער ווייניקער רואיק פון פרילינג (אַפּריל) 1919 ביז דעם אָנגריף פון דעם אוקראַינישן חייל, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין יוני.

מען איז געווען זיכער אין היינטיקן טאָג, אָבער וואָס וועט זיין מאָרגן האָט מען ניט געוואוסט.

מען האָט מורא געהאַט פאַר די אוקראַינער, וואָס מאַכן אַזעלכע שרעקלעכע פּאָגראָמען, אָבער מען האָט אויך ניט געגלויבט אין די באָלשעוויקעס...

דער אנגריף פון פעטליורעס חייל אויף פּאָדאָליע.

(זומער 1919)

אין אָנהייב מאַי בין איך אַרויסגעפאָרן אַלס דעלעגאַט אויף אַ קאָנפערענץ פון דער „קולטור-ליגע" אין קיעוו.

צוזאַמען מיט נאָך אייניקע חברים בין איך געפאָרן אין צענטער, פון וועלכן מיר זיינען געווען אָפּגעריסן 8 חדשים, פול מיט האָפענונג, אַז דאָרטן, אין קיעוו, וועלן מיר באַקומען תשובות אויף אַ סך ספיקות, וואָס זיינען ביי אונז אַנטשטאַנען צוזאַמען מיט די קאָשמאַרע איבערלעבונגען אין דער לעצטע צייט.

אויפן וועג קיין קיעוו האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן דעם באַרימטן אויפשטאַנד פון גריגאָריעוו קעגן דער ראַט-

מאַכט.*) אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען אין קיעוו אָנגעקומען באַאומרואיקנדיקע ידיעות וועגן אויפשטאַנד אין פּאָדאָליע.

אין קיעוו גופא איז די שטימונג ביי די יידישע סאָציאַלי־סטישע קרייזן געווען זייער אַ געדריקטע. זייער לאַגע איז בכלל געווען אַ שווערע מחמת דעם אומצוטרוי צו זיי מצד די יידישע קאָמוניסטן. די דאָזיקע שטימונג האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אויף דעם צוזאַמענפאָר פון „קולטור־ליגע״.

ה׳ ראַפעס**) און נאָך אים ה׳ לעוויטאַן***) זיינען געקומען באַ־גריסן די קאָנפערענץ און זיינען אַרויסגעטראָטן אַזוי שאַרף און זאָגאַר גראָב, אַז דער פּרעזידיום האָט געפונען פאַר נייטיק אָפּ־צושטעלן זיי אינמיטן דער באַגריסונג.

מיך האָט אויך פאַראינטערעסירט די קאָנפערענץ פון „קאָ־מוניסטישן בונד״, וועלכע איז פאָרגעקומען צו יענער צייט, און איך האָב זי באַזוכט.

---

*) גריגאָריעוו — אַ געוועזענער אוקראַינער אַטאַמאַן — איז איבער־געגאַנגען צו די באָלשעוויקעס. אין מאי 1919 האָט ער אָרגאַניזירט אַ אויפ־שטאַנד קעגן דער רעטן־מאַכט. אין דעם ראַיאָן פון גריגאָריעווס אויפשטאַנד זיינען פאָרגעקומען זייער שרעקלעכע פּאָגראָמען:

אין קיעווער גוב: אָליוועץ, באָהוסלאַוו, בעלאָזאָר, טשערקאַסי (געהרגעט 1,000 יידן), סמעלא (80 קרבנות), ראַכ־מיסטראָווקע (געהרגעט 30 יידן), שפּאָלעוו (20 קרבנות).

פּאָלטאַווער גוב.: וועסיאָלי פּאָדאָל, זאָלאָטאָנאָ־שי (געהרגעט 20 יידן) קאָבעליאַק, קרעמענטשוק־קריקאָוו (60 קרבנות); אויסערדעם — אין דערזעלבער צייט. יעליזאַוועטגראַד (? 3000 קרבנות) ראַדאָמיסל (1000 קרבנות). די אַלע ידיעות זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון בוך: „די יידישע אַווטאָנאָמיע און דער נאַציאָ־נאַלער סעקרעטאַריאַט אין אוקראַינע, קיעוו 1920״.

**) ראַפעס — אַ לידער פון אוקראַינישן „בונד״, שפּעטער פון „קאָמו־ניסטישן בונד״ און „קאָמפאַרבאַנד״ און נאָכדעם „יידישע סעקצ.״ — „יעוואָט־דיעל״ ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

***) לעוויטאַן — געוועזענער „פאַראייניקטער״, שפּעטער אַמיטגליד פון „קאָמ־פאַרבאַנד״, נאָכדעם אַ מיטגליד פון „יעוואָטדיעל״ ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

אויף דערדאָזיקער קאָנפערענץ איז באַהאַנדעלט געוואָרן די פראַגע וועגן פאַראייניקן זיך מיט די לינקע „פאַראייניקטע". אין נאָמען פון די לינקע „פאַראייניקטע" האָט לעוויטאַן געמאָלדן, אַז זיי זיינען גרייט זיךצו פאַראייניקן מיט דעם „קאָמוניסטישן בונד" און אָפּזאָגן זיך פון זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די נייע פאַרטיי זאָל הייסן: „קאָמפאַרבאַנד".

און אין דערזעלבער צייט האָבן די פּאָגראָם־כוואַליעס געפלייצט אין אַלע קאַנטן פון אוקראַינע. גאַנץ אוקראַינע טרינקט זיך אין יידיש בלוט. פּאָגראָמען אָן אַ ברעג און אָן אַ שיעור. פון אַלע זייטן קומען יידן און דערציילן שרעקלעכע מעשות וועגן דעם, ווי עס גיסט זיך יידיש בלוט — און דער איינציקער אַנשטאַלט — דער צענטראַל־קאָמיטעט צו העלפן די יידן, וואָס האָבן געליטן פון פּאָגראָמען, — ליקווידירט זיך... דער „קאָמוניסטישער בונד" האָט צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום אין די הויכע באָלשעוויסטישע ספערן, אַז פון דעם הילף־קאָמיטעט זיינען אַרויס די יידישע סאָציאַליסטן און אין אים זיינען פאַרבליבן בלויז רעכטע יידישע פאַרטייען.

די מאַכט האָט דאַן באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם קאָמיטעט*).

קיעוו האָט אונז פולקום אַנטטוישט. די ליקווידאַציע פון די אַלטע יידישע אַרבעטער־פאַרטייען, די פאַרלאָרנקייט און מאַכטלאָזיקייט פון די געבליבענע לידערס פון די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, און אין דערזעלבער צייט די שרעקלעכע פּאָגראָם־טראַגעדיע — האָט אינגאַנצן דערדריקט.

מיר באַקומען באַונרואיקנדיקע ידיעות וועגן קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און מיר איילן זיך פאָרן צוריק אַהיים.

אויפן האַרצן איז שווער. מיט מאַטערניש באַקומען מיר אַן אָרט אין וואַגאָן. אויף דער וויניצער סטאַנציע רייסן זיך אַריין צו אונז סאָלדאַטן מיט פאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע אויסרופן, נאָר צו עקסצעסן איז עס ניט דערגאַנגען.

---

*) זע „די יידישע אווטאָנאָמיע און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט אין אוקראַינע. קיעוו 1921, זייט 292.

מיר קומען צו צום פּראָסקוראָווער וואָקזאַל. דאָרט איז אומרואיק. ניט ווייט פון גרעניץ האָבן זיך באַוויזן „היידאַמאַקעס".

איך באַגעגן קאַמענעצער סטודענטן און זיי דערציילן, אַז אין קאַמענעץ איז אויך ניט רואיק...

איך קום קיין קאַמענעץ. די שטימונג איז זייער אַ ערנסטע אין אָרינין, זאָגט מען, זיינען ווייטער אַריין „היידאַמאַקעס". אין „רעווקאָם" איז מען צוטראָגן. מען פילט שוין, אַז די מאַכט פאַלט דער „רויטער אַרמייער" וואָס שטייט ביים טיר פון רעווקאָם, לאָזט אַלעמען אַריין אינעווייניק. די זיצונג פון „רעוואָלוציאָנערן-ראַט" איז איבערגעריסן—מען זאָגט, אַז די „היידאַמאַקעס" שטייען 8 ווי־אָרסט פון קאַמענעץ.

אַרום פילט זיך אַ אַנטיסעמיטישע שטימונג. די באָלשעווי-סטישע מיליטער-טיילן, געוועזענע „אוקראַינישע", זיינען דעמאָראַ-ליזירט. צווישן זיי ווערט געפירט מצד די געוועזענע אוקראַינישע אָפיצערן אַ אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. ניט ווייט פון קאַמענעץ, אין אַ דאָרף, האָבן 2 אוקראַינישע לערער פאַרשפּרייט צווישן די פוי-ערים פּראָקלאַמאַציעס און גערופן זיי צו אַן אויפשטאַנד קעגן די „קאָמוניסטן און די זשידעס". די לערערס און אויך אייניקע אָפיצערן-פּראָוואָקאַטאָרן זיינען דערשאָסן געוואָרן.

דידאָזיקע געשעענישן האָבן אויפגערעגט די באָל-שעוויקעס, און זיי האָבן גענומען אָנווענדן רעפּרעסיווע מיטלען קעגן די אוקראַינישע טוער. דאָס אַלץ האָט באַשאַפן זייער אַן אָנגעשטרענגטע אַנטיסעמיטישע אַטמאָספער. די יידישע באַפעל-קערונג האָט זיך פולקום פאַרלאָרן. די שטימונג ביי זיי איז געוואָרן זייער אַ געדריקטע. אַלע האָבן געוואַרט אויף אַ פּאָגראָם.

איך גיי אין „אַרבעטער-קלוב". דאָרט שפּאַצירן פיל אַרבעטער באַוואָפנטע מיט ביקסן. אַן אימהדיקע שטילקייט הערשט אין שטאָט. די „הויז-קאָמיטעטן", די „שטאָט-שמירה" היטן גלענצנד אָפּ די אָרדענונג. די יידישע באַפעלקערונג שלאָפט נאָך הייגטיקע נאַכט, אָבער וואָס וועט זיין מאָרגן?

אינדערפרי האָט אַ שרעקלעכע שיסעריי פון האַרמאַטן אויפ-

געוועקט די גאַנצע באַפעלקערונג. צו מיר אין טיר קלאַפּט שוין דער סטודענט ס. אַ ביסל לינק, אַביסל באַלעבאַטיש געשטימט —איז ער שטענדיק אָפּאָזיציאָנעל קעגן יעדער מאַכט און זאָגט שטענדיק אָן, ווען אַ מאַכט גוססט.

איך טו זיך אָן, נעם אַ קליין פּעקעלע און באַשליס פאַר־לאָזן קאַמענעץ, אויב די באָלשעוויקעס וועלן אָפּטרעטן. דעמ־זעלבן באַשלוס „אָפריכטן גלות" נעמט אָן אַ גאַנצע גרופּע יידישע סאָציאַליסטן.

די שטאָט איז צערודערט. יידן גייען אַרום נערוועז איבער די גאַסן. ס׳ דערהערט זיך פּלוצלונג אַ שיסעריי פון קוילנוואַרפער— די שלאַכט קומט שוין פאַר לעבן שטאָט . . .

מיר גייען אַריין אין „רעווקאָם" און דערוויסן זיך, אַז די לאַגע איז קאַטאַסטראָפאַל: נאָך היינט בייטאָג קומען די „הײדאַמאַקעס" אין קאַמענעץ. מיר פאַרלאָזן קאַמענעץ, ניט באַוויינזנדיק צו זע־געגען זיך מיט די נאָענטע און פריינד;מיר גייען בלויז אַריין אין שטאָט פאַרוואַלטונג און זעגענען זיך מיט אונזערן אַ חבר, שטאָט־גאָלאָוואַ קילימניק. מיר דערציילן אים, אַז מיר גייען צופוס פון קאַ־מענעץ און בעטן אים, ער זאָל אָננעמען אַלע מיטלען, וואָס ער האָט אין זיין רשות, צו ראַטעווען די יידישע באַפעלקערונג. ער דריקט אונז שטאַרק די האַנט און אויף זיינע אויגן באַווייזן זיך טרערן

אַרויסגייענדיק, באַגעגענען מיר אַ אָנגעזעענעם באָלשעוויק— ס.—און זאָגן אים, אַז מיר האָבן בדעה גיין צופוס פון קאַמענעץ; מיר האָבן געמיינט, אַז ער וועט אונז פאַרלייגן עוואַקואירן זיך צוזאַמען מיט זיי אין צוג.

— נו, גייט —האָט ער אונז קורץ געענטפערט. קיין אָרט אין באַן האָט ער אונז ניט פאָרגעלייגט. משמעות, פאַר אים זיינען מיר ניט קיין „באָלשעוויקעס" און ס׳איז רעכט, מיר זאָלן זיך ניט עוואַקואירן אויך. פאַר די „הײדאַמאַקעס" אָבער זיינען מיר „באָל־שעוויקעס"—און זיי ווילן דאָך אונז אויסקולן. און מיר זיינען אַוועק.

ווי מען האָט נאָכדעם איבערגעגעבן, האָט מען אונז זייער שטאַרק געזוכט די ערשטע טעג, און גראָד שטאַרק האָט מען גע־וואָכט מיך, אַ רעכטן סאָציאַליסט!

מיר גייען אַרויס פון קאַמענעץ. אַ סך פון אונז לאָזן איבער עלטערן, ברידער, שוועסטער...

מיר גייען צופוס און די האַרמאַטן-שיסעריי ווערט אַלץ שטאַרקער. דאָס דועלירן די באָלשעוויסטישע האַרמאַטן מיט די אוקראַינישע.

מיר גייען קיין קיטאַי-גאָראָד.*) דער גאַנצער וועג איז פאַרפלייצט מיט מחנות יידן, יונגעלייט, אַרבעטער, סוחרים, אינטעליגענטן, רייכע—אָרימע, אַלע גייען. עס גייען גאַנצע פאַמיליעס, מיט ווייבער, מיט קליינע קינדער, אַ 72-יאָריקע יידענע גייט אויך מיט אונז. אַ קליינע טייל פאָרט, די איבעריקע גייען צופוס.

מען גייט, ניט וויסנדיק אַפילו וואוהין.

פאַר דער אָנגעשראָקענער, דענערווירטער יידישער באַפעלקערונג איז געווען גענוג דאָס וואָרט „היידאַמאַק", אַז מען זאָל זיך אויפהייבן און לויפן...

מען שטעלט זיך ניט פאָר, וואָס וועט זיין אין דער נאָענטסטער צוקונפט, אַפילו מאָרגן. אַ סך לויפן, פּשוט, ווי זיי שטייען און גייען, אָן אַ קאָפּיקע אין קעשענע, איבערלאָזנדיק אין דערהיים דאָס גאַנצע פאַרמעגן. אַלע האָבן נאָר איין זאַך אין זינען—אַנטלויפן און ראַטעווען דערווייל דאָס לעבן.

ווען דער אָנגריף פון די „אוקראַינער" וואָלט ניט געקומען אַזוי אומגעריכט, וואָלט, מעגלעך, די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אויפגעהויבן זיך און פאַרלאָזט קאַמענעץ.

אָט גייט אַ רייכער יידישער בעקער מיט אַ פרוי און קליינע קינדער, ער שלעפט אויף זיך זעקלעך, אָנגעפּאַקטע מיט „טוביקע זאַכן. עס איז הייס און אים איז שווער די זאַכן צו טראָגן. ניט לאַנג האָט ער באַצאָלט קאָנטריבוציע די באָלשעוויקעס, פאַרשטייט זיך, אַז ער איז זיי ניט קיין גרויסער פריינד, האָט ער דאָך געמעגט בלייבן—טאָ וואָס זשע לויפט ער אויך מיט די באָלשעוויקעס?

---

*) אַ קליין יידיש שטעטל, 14 ווערסט פון קאַמענעץ, ליגט צווישן גרויסע בערג.

נאָר ער האָט נאָך מערער מורא פאַר די „הייד־מאַקעס“.

ער איז אונזערער אַ אַלטער באַקאַנטער, און ער ווענדט־זיך צו אונז בייז:

—זעט, וואָס איר האָט אויפגעטאָן!

אָט איז שוין קיטאַי־גאָראָד. דעם טאָג איז געווען אין קיטאַי־גאָראָד אַ מאַרק. די פּויערים האָבן זיך צונויפגעקליבן און זיך צו־געקוקט, ווי עס לויפן דורכאויס יידן, און האָבן גענומען מורמלען. עס האָבן זיך שוין דערהערט פיינדלעכע כוליגאַנישע אויסרופן. אַ פּחד איז אָנגעפאַלן אויף דעם שטעטל.

מיר גייען אַריין אין אַ יידישער שטוב, אַן אכסניה, און הייסן זיך דערלאַנגען אַ סאַמאָוואַר מיט טיי. ערשט עס קומט אַריין דער־שראָקענער דער באַלעבאָס און בעט אונז אַרויסגיין וואָסגיכער פון זיין שטוב. אין שטעטל, זאָגט ער, גייען אַרום באַנדעס פּויערים און זוכן קאָמענעצער יונגעלייט.

די פּויערים, דערשפּירנדיק, אַז עס איז שוין ניטאָ קיין ראַטן־מאַכט אין דעם געגנט, האָבן, אונטער דער ווירקונג פון אַנ־טיסעמיטישע און פאַרברעכערישע עלעמענטן, געוואָלט נעמען זיך צו די יידן, הרגענען און ראַבירן. די פּאָגראָם־שרעק, וואָס עס האָבן געבראַכט מיט זיך די קאָמענעצער יידן, האָט זיך איבער־געגעבן אויף דער קיטאַי־גאָראָדער יידישער באַפעלקערונג.

נאָכדעם האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז די קיטאַי־גאָראָ־דער יידן האָבן זיך געהאַט פאַרוואָס צו שרעקן *).

מיר פאַרלאָזן דאָס גאַסטהויז און קלייבן אַריבער צו אַ באַ־קאַנטער פאַמיליע. תּחילת נעמט מען אונז אויף זייער פריינדלעך, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום לויפט אַריין די ווירטין און הייבט אונז אָן צו בעטן מיר זאָלן רחמנות האָבן אויף זיי און פאַרלאָזן איר שטוב, מחמת מען איז איר געקומען זאָגן, אַז די פּויערים זוכן קאָמענעצער יידן און זי האָט מורא פאַר איר פאַמיליע.

זעענדיק, אַז מיט אונזער אָנוועזנהייט דענערווירן מיר שטאַרק די ווירטין פון הויז און שפּירנדיק בכלל, אַז אין קיטאַי־גאָראָד איז

---

*) זע דעם פּאָגראָם אין קיטאַי־גאָראָד.

זייער אַ אָנגעשטרענגטע שטימונג, באַשליסן מיר פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ניט-קוקנדיק, וואָס אונז איז געשטאַנען אַ געפאַר מצד די פויערים, וועלכע זיינען זיך צעגאַנגען אין אַלע וועגן נאָך דעם מאַרק און האָבן נאָך אונז געקענט אָנגעגענען.

מיר האָבן אָנגעהויבן דרייען זיך איבער גערטענער, קריכן איבער פּלייטן, ביז וואַנען מיר זיינען אַרויס פון שטעטל. דאַן זיינען מיר נאָך אַריבערגעקראָכן די הויכע בערג, וואָס רינגלען אַרום דאָס שטעטל, און פאַמעלעך זיך צוגעשלאָגן צו אַ וועג.

אָבער דאָ שטעלט זיך אַ פראַגע: וואו גייט מען ווייטער? איינעם פון אונזער חברה האָבן מיר אין טומל פאַרלאָרן, וואָס איז מיט אים, ווייסן מיר ניט; נאָר צו אונזער קאָמפּאַניע זיינען צוגעשטאַנען נייע היימלאָזע: 2 גימנאַזיסטן און סתם יידן.

מיר טרעפן אַ פויער און פרעגן אים, וואו איז דער וועג אין דעם נאָענטסטן שטעטל.

—יאָ, יאָ „כלאָפּצעס"—באַקומען מיר אַן ענטפער—וואָס האָט איר דאָ אָנגעטאָן? עס וועט זיין מיט אייך שלעכט. מען וואַרט שוין אויף אייך—און ווייזט דערביי אויף אַ וועג. מיר באַשליסן ניט צו גיין מיטן אָנגעוויזענעם וועג, נאָר מיט אַן אַנדערן.

מיר לאָזן זיך גיין האַסטיק, פלינק. מיר זיינען אינמיטן פעלד, קיין יידישע הייזער זיינען שוין ניטאָ. מיר רעכענען אויס, אַז פאַר אונז איז וויכטיק פאַרבייגן די דערפער פריער, איידער די פויערים וועלן זיך אומקערן פון מאַרק, פון קיטאַי-גאָראָד.

יעדער זאַך וואָס מיר טרעפן אָן, שרעקט אונז, מיר זיינען שרעקלעך נערוועז. אָט שטייט אַ פויער און באַהאַלט זיך פון אונז — מיר זיינען איבערצייגט, אַז ער שפּירט אונז אויס, און מיר לאָזן זיך גייען גיכער. אָט, זעען מיר, ווי אַ שייגעצל כאַפּט זיך אַרויף רייטנדיק אויף אַ פערד. מיר מיינען שוין, אַז ער פאָרט עס אָנזאָגן אין דאָרף וועגן אונז. פון דערווייטענס דערזעען מיר געשטאַלטן, וואָס באַהאַלטן זיך פאַר אונז—און דאָס האַרץ פאַלט אונז שיר ניט אַרויס פאַר שרעק. נאָר צום סוף ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס זיינען אויך אַנטלאָפענע יידן פון קאַמענעץ — און מיר לויפן שוין צוזאַמען.

לויפנדיק, טרעפן מיר אַ באַקאַנטן יידן. ער לייגט אונז פאָר אַ פור, אָבער אַזוי ווי ניט אַלע קענען פאָרן, און צעשיידן זיך מיט דער קאָמפּאַניע ווילט זיך אויך קיינעם ניט, בלייבט, אַז מיר מאַרשירן אַלע צופוס ווייטער.

פונדערווייטנס דערזעען מיר די פּאַפּיר-פאַבריק „סאָווי-יאַר". דאָ באַשליסן מיר אָפּרוען. שוין אָפּגעגאַנגען 30 וויאָרסט אָן אָפּרו און אָן עסן. אַז מיר גייען אָבער צו דער פאַבריק, דער-פילן מיר באַלד אַ פיינדלעכע באַציאונג צו אונז פון די דאָרטיקע אַרבעטער און מיר לאָזן זיך גיין ווייטער.

מיר גייען אָפּ נאָך אַ פּאָר וויאָרסט און מיר זעען, ווי לעבן אַ קרעטשמע שטייען „רויטע אַרמייער" מיט אַ באַקאַנטן קאָמאַנדיר. עס בלייבט ביי אונז, מיר זאָלן זיך מיט זיי אויפריידן און גיין צו-זאַמען. נאָר די „רויטע אַרמייער" פירן מיט זיך פאַרשיידענע חפצים און האָבן אַליין מורא פאַר די פויערים, און בעטן דעם עולם זיך „אָפּרוקן". מיר גייען ווייטער אַליין.

דער עולם איז אַזוי אָנגעשראָקן, מען ערלויבט זיך ניט אָפּרוען כאָטש אַ 10 מינוט. איך האָב 4 נעכט נאָכאַנאַנד ניט געשלאָפן, דעם גאַנצן טאָג גאָרניט געגעסן, איך פיל, ווי איך פאַל פון די פיס, און בעט זיך ביי דעם עולם, מען זאָל אָפּרוען וויפל ניט איז, נאָר מען הערט מיך ניט. איין פאַרלאַנג איז נאָר דאָ — וואָס ווייטער אַוועקגיין פון קיטאַי-גאָראָד.

אין די דערפער קוקט מען אויף אונז קרום. „וואָס פאַר אַ שיסעריי הערט מען דאָס? און וואָס טוט זיך אין קאָמענעץ?" — פרעגן די פויערים — „די רומענער זיינען דאָרט באַפאַלן".

נור אין איין דאָרף האָט אונז אַ פויער געגעבן וואַסער און אַפילו אַ ביסל קאַרטאָפל.

מיר קליגן זיך ווי נאָר מעגלעך אויסצומיידן די דערפער — מיר זיינען ניט זיכער מיט די פויערים.

— ווען דערזעט מען שוין עפּעס אַ יידישן ישוב, אַ פשוטן יידן? — שרייט דער געוועזענער מענשעוויק ב., — איצט אַ יידישער סאָ-ציאַליסט. וואוהין מיר גייען, ווייסן מיר אַליין ניט. נאָך אונזער רעכנונג נאָך און לויט די אינפאָרמאַציעס פון די פאַרבייגייענדיקע אהין

פויערים ליגט ניט ווייט פון אונז,—10 וויאָרסט—אַ יידיש שטעטל — זשוואַנטשיק ; בלויז נאָך 10 וויאָרסט און מיר זיינען געראַטעוועט!

מיר גייען, ניט מיר גייען, נאָר די נערוון טראָגן אונז. אָבער קיין כוחות איז שוין ביי אונז מער ניטאָ! עס ווערט פינסטערלעך. קיין שטעטל זעט זיךנאָך אַלץ ניט. פאַרשיידענע מחשבות קריכן אין קאָפּ. אונז דוכט זיך, אַז דאָס שטעטל אַנטלויפט פון אונז.. מיר וועלן שוין מער קיינמאָל ניט דערלעבן צו זעען אַ יידיש שטעטל . . .

נאָר אָט באַווייזט זיך זשוואַנטשיק.

מיר רוען זיך אַ ביסל אָפּ פאַרן אַריינגיין אין שטעטל. נאָר די שטימונג איז דאָ אויך ניט קיין רואיקע: די פויערים דערציילן, אַז ניט ווייט פון דאַנען אין אַ דאָרף געפינען זיך אינסורגענטן. עס ווערט סומנע אויפן האַרצן. נאָר ווייטער קענען מיר שוין ניט גיין—ניטאָ מער קיין כוחות. מיר באַשליסן איבערצונעכטיקן די נאַכט און נאָכדעם וועלן מיר זען, וואָס צו טאָן.

מיר גייען אַריין אין שטעטל. ס'איז יום-טוב אינאָוונט, שבו-עות. יידן גייען אין שול יום-טובדיק אָנגעטאָן. מיר קומען אַריין אין אַ יידישן גאַסטהויז. די ווירטין איז ניט שטאַרק צופרידן מיט אונז.

—איך האָב—זאָגט זי—קיין זאַך ניט,אַפילו די וואַסער האָבן די מיליציאָנערן היינט אויסגעטרונקען. אַז מיר ווייזן איר אַ מטבע, ווערט זי ווייכער. זי דערלאַנגט אַ סאַמאָוואַר, אייער,ברייט און אַפילו חלה. דער עולם עסט אָפּ און צעלייגט זיך גלייך אין די בעטן. קיין פיס פילן מיר שוין מער ניט, נאָר שטיקלעך האָלץ אָנשטאָט זיי. מיר דערוויסן זיך, אַז דער פאַרפאַלענער חבר גע-פינט זיך דאָ, אין זשוואַנטשיק: אים האָט זיך אין טומל איינגעגעבן אַרויפכאַפּן זיך אויף אַ יידישער פור און קומען אַהער.

אויף מאָרגן גיי איך זוכן אַ פור, כדי מיר זאָלן גלייך נאָך יום-טוב באַגינען קענען פאָרן ווייטער.

איך כאַפּ אַ יידן אַ בעל-עגלה און הייב מיט אים אָן צו שמועסן וועגן אַ פור, וויל ער גאַר מיר ניט ענטפערן. ס'איז

יום-טוב, ענטפערט ער מיר מיט גדלות, און יום-טוב וויל ער וועגן פורן ניט ריידן.

נאָר אַז איך ערקלער אים, אַז איך בין אַ שליח פון קאָמיטעט צו העלפן די פאָגראָמירטע יידן און הייב אים אָן זאָגן דערביי אַ ביסל מוסר, ווערט ער בעסער.

ער זאָגט צו, אַז מאָרגן גאַנץ פרי וועט ער צושטעלן אַ פור.

און ווירקלעך, אויף מאָרגן באַגינען האָט ער אונז באַזאָרגט מיט אַ פור

מיר לאָזן זיך פאָרן קיין אַלט-אושיצע*).

מיר קומען אַריין אין שטעטל, איך שיק רופן די אָרטיקע כלל-טוער, אַלטע באַקאַנטע, נאָך פון דער געמיינזאַמער אַרבעט אין „יעקאָפאָ".

זיי קומען, נאָר קיין גרויס צופרידנהייט מיט אונזער באַגעגעניש זע איך ניט אויף זייערע פנימער; פאַקערט, זיי וואָלטן געווען צופרידענער, ווען די „היימלאָזע" וואָלטן אויסמיידן אַלט-אושיצע. דער רומענער, זאָגן זיי, וועט דערזען, אַז דאָ קלייבט זיך אָן עולם, וועט זיין שלעכט: ער קען נאָך פון יענער זייט דניעסטער באַשיסן דאָס שטעטל **).

פונדעסטוועגן האָט מען באַזאָרגט דעם עולם מיט קוואַרטיר און עסן. דערווייל קומען אָן נייע אַנטלאָפענע, אַלע באַקאַנטע, אַלע קאַמענעצער — זיי טוליען זיך צו אונזער גרופע.

וואָס עס טוט זיך דערווייל אין קאַמענעץ, ווייס קיינער ניט. ס'בלייבט ביי אונז, מיר זאָלן פון דאַנען פאָרן אין דער פּאָוויאַטאָווער שטאָט און דאָרט זיך דערוויסן נייס.

מיר קומען קיין ניי-אושיצע און די שטימונג אונזערע פאַלט נאָך מער ביי אונז. דער קאַמענעצער „רעווקאָם" האָט זיך שוין

---

*) דאָס דאָזיקע שטעטל ליגט אויף דעם דניעסטער (איצטיקע רומעניש גרעניץ), 50 וויאָרסט פון קאַמענעץ.

**) נאָך אונזער אָפּפאָרן, אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָבן די רומענער טאַקע באַשאָסן דאָס שטעטל.

עוואַקואירט אַזש קיין זשמערינקע *). מיר דערוויסן זיך אַגב, אַז אייניקע אָפּגעריסענע מיליטער-טיילן פון דער רויטער אַרמיי האָבן, אָפּטרעטנדיק, גערויבעוועט די יידישע באַפעלקערונג (דונאַיעווצי, מינקאָווצי). אויפן האַרצן ווערט נאָך מער קאַלעמוטנע.

מיר לאָזן זיך ווייטער—קיין קיעוו.

אין דערדאָזיקער צייט איז קאַמענעץ-פּאָדאָלסק מיט דעם אומגעגנט אויסגעקומען זייער פיל שרעקלעכס איבערצולעבן. אין דעמזעלבן טאָג, וואָס מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון קאַמענעץ, דעם 3 יוני, ערב-שבועות, האָבן אוקראַינישע מיליטערישע טייל, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל אודאָוויטשענקאָ פאַרנומען קאַמענעץ.

מקבל-פּנים זיין דעם מיליטער זיינען אַרויסגעפאָרן אייניקע דע-לעגאַציעס, אין וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען: דער שטאָט-גאָלאָוואַ, אוקראַינער סאָציאַל-דעמאָקראַט קילימניק, בידנעוו, פּראָפעסאָר פון קאַמענעצער אוניווערסיטעט, קליידערמאַן, פאָרזיצער פון קהלה (אַ קאַמענעצער אַחדותניק, מיראַנסקי, פאָרזיצנער פון דומע, און נאָך אייניקע.

די פּאָגראָם-שטימונג צווישן דעם מיליטער איז געווען אַ שרעקלעכע. דערזעענדיק ה׳ קליידערמאַנען, אַ אַלטן יידן מיט אַ גרויסער גרויער באָרד, האָבן זיך די קאָזאַקן גלייך געוואָלט וואַרפן אויף אים און נאָר מיט גרויס מי האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוהאַלטן זיי דערפון.

די דעלעגאַציע האָט שטאַרק געבעטן די אָנפירער פון מי-ליטער, זיי, זאָלן זעען פאַרהיטן קאַמענעץ פון אַ פּאָגראָם, אָבער דער איינדרוק נאָך די געשפּרעכן איז געווען זייער אַ שווערער.

אין שטאָט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. די יידישע באַפעלקערונג איז געלעגן אין די קעלערס און אויף די בוידימער. וועגן בילדן אַ זעלבסטשוץ און פירן אַ קאַמף מיט רעגולערע מילי-טער-טיילן האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. קיין ייד האָט זיך ניט באַוויזן אויף דער ווייסער וועלט. אייניקע יונגעלייט

*) זשמערינקע, אַ באַוואוסטע סטאַנציע צווישן קיעוו און אָדעס, 130 ווערסט פון קאַמענעץ.

האָבן זיך איינגעשטעלט און אַרויס אויף דער גאַס, האָט זיי די ערשטע אויסשפּירונגס־אָפּטיילונג פאַרהאַלטן און געטריבן זיי פאָראויס פאַר די פערד ביזן שטאַב, ווייט אויסן שטאָט. דעם גרעסטן טייל פון זיי האָט מען געהרגעט, בלויז אייניקע האָבן זיך געראַטעוועט, נאָכדעם ווי זיי האָבן איבערגעלעבט זייער אַ סך פיזישע און מאָראַלישע יסורים.

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צו דעם פּאָגראָם, וואָס האָט געדויערט 3 טעג און אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט דאָס מיליטער און די אָרטיקע באַפעלקערונג.

דער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אָן קיין שום שטערונגען מצד דער מיליטערישער מאַכט, וואָס אין איר רשות האָט זיך געפונען די שטאָט. מען האָט געטויט בלויז מאַנסביל, קינדער און פרויען האָט מען ניט געטשעפּעט, אַזוי ווי די פּאָגראָמשטשיקעס וואָלטן געהאַט וועגן דעם געוויסע אינסטרוקציעס.

עס זיינען געהרגעט געוואָרן יידן פון פאַרשיידענע אָנשויאונגען און קלאַסן. די גאַנצע שטאָט איז שרעקלעך צעראַבירט געוואָרן. עס זיינען געווען פאַלן, ווען מען האָט אַפילו אַרויסגעפירט די מעבל פון הויז. גאַנץ אָפט פלעגן די קריסטלעכע דינסטן, וועלכע זיינען צוליב וואָסערע ס'איז סיבה ניט געווען צופרידן מיט זייערע באַלעבאַטים, מסרן זיי, אַז זיי זיינען באָלשעוויקעס.

די מאָרדן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ווילדקייט און אַכזריותדיקייט.

אייניקע אוקראַינער, ווי למשל דער שטאָט־גאָלאָוואַ קילימניק, פּראָפעסאָר בידנעוו און נאָך אייניקע, האָבן ענערגיש פאַרטיידיקט די יידישע באַפעלקערונג און האָבן ניט ווייניק יידן געראַטעוועט.

דער אויבנדערמאָנטער קילימניק האָט געמאָלדן דער אוקראַינישער מאַכט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין פּאָסטן, ווייל עס איז אים אַ חרפּה זיך אָנצורופן גאָלאָוואַ פון אַזאַ אוקראַינישער שטאָט, וואו עס קומען פאָר אַזעלכע ווילדע מעשים, וואו מען הרגעט אויפן מיטן גאַס אומשולדיקע מענטשן. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן.

דער פּאָגראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט ערשט נאָכדעם, ווי דער ווילדער המון האָט זיך אָנגעבושעוועט 3 טעג. די פּאָגראָם־

אַטמאָספער האָט נאָך אָבער געהערשט אַ לאַנגע צייט נאָכדעם. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער טעראָר. די קאַמענעצער, וואָס זיינען אַנטלאָפן אין די אַרומיקע שטעטלעך, דערהערנדיק, אַז דער פּאָגראָם האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אומקערן. אָבער כוליגאַנעס פלעגן זיי טרעפן אויף די וועגן אָדער ביים אַריינגאַנג אין שטעטל און פלעגן זיי אַכזריותדיק דערהרגענען אָדער צוקאַלעטשעען. אַזוי זיינען פאַר די עלטרן אין די אויגן דערהרגעט געוואָרן 2 יונגע ברידער, סטודענטן, מאַכנאָווסקי. בסך־הכל זיינען געהרגעט געוואָרן אין קאַמענעץ און אויף די וועגן 52 יידן*).

ענדלעך איז געקומען אין קאַמענעץ די אוקראַינישע רעגירונג און אין שטאָט איז געוואָרן עטוואָס רויִקער. נאָר צו דער אַרבעט האָט איצט זיך גענומען די „קאָנטר־ראַזוועדקע" (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי). פריער פאַר אַלעמען האָט מען געזוכט, געוויינטלעך, „קאָמוניסטן", פאַר וועלכע מען האָט פאַררעכנט אויך די אַלע, וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן מיט די באָלשעוויקעס, מוירא האָבנדיק פאַר דעם טעראָר, וואָס זיי וועט אויסקומען אויסצושטיין. איבערהויפּט האָט מען געזוכט די יונגעלייט, וואָט האָבן אָנטיילגענומען אין דער „אָרינינער שלאַכט".

די „קאָנטר־ראַזוועדקע" האָט געוואָלט אינסצעניר֒ן פון דער „מעשה־אָרינין" אַ סענסאַציאָנעלן פּאָליטישן פּראָצעס, וואו עס זאָל קלאָר באַוויזן ווערן, אַז יידן פירן מלחמה מיט די אוקראַינער.

כדי צוצוגעבן דעם פּראָצעס אַ ספּעציפישן „קאָלאָריט", האָבן זיי פאַרהאַלטן אַ יידישן יונגנמאַן אַלעקסאַנדר כאָמסקי, אַ זון פון אַ בורזשואַזער האַלב־אַסימילירטער יידישער פאַמיליע.

כאָמסקי האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט צו פּאָליטישע פּאַרטייען בכלל — און קיין אָרינין איז ער געגאַנגען, ווי צענדליקער אַנדערע יידישע יונגעלייט, צו ראַטעווען די אָרינינער יידן פון אַ שחיטה.

*) עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען צווישן די יידן אין אוקראַינע, אַז קאַמענעץ האָט זיך גערעכנט פאַר דער גליקלעכסטער שטאָט, וועלכע האָט ווייניק געליטן.

די רעאַקציאָנערע אוקראַינישע מיליטערישע קרייזן האָבן געוואָלט מיט „כאַמסקעס פּראָצעס" דערווייזן, אַז אַפילו די יידישע בורזשואַזיע קרייזן גייען מיט די באָלשעוויקעס און פירן אַ עפענט־לעכען קאַמף מיט די אוקראַינער, און דאָס וואָלט פאַרשטייט זיך געקענט געבן ניט ווינציק מאַטעריאַל פאַר דער אַנטיסעמיטישער פּאָגראָם־אַגיטאַציע.

„כאַמסקעס פּראָצעס האָט צוגעצויגן די גרעסטע אויפמערק־זאַמקייט פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן; זיי האָבן אין דעם פּראָצעס דערשפּירט אַ גרויס געפאַר.

אַלע באַמיאונגען פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן און פון יידישן מיניסטעריום, ניט צו דערלאָזן צו אַ עפענטלעכן פּראָצעס, האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ אַקטיוון ווידערשטאַנד מצד די מיליטערישע קרייזן.

דער פּראָצעס האָט זיך געפירט זייער טענדענציעז און די גאַנצע באַווייזן האָבן זיך געשטיצט אויף עדות פון אַ אַגענט פון דער „קאָנטער־ראַזוועדקע".

כאַמסקען האָט מען באַשולדיקט אַלס „קאָמוניסט", וואָס האָט געאַרבעט לטובת דער ראַטן־מאַכט קעגן די אינטערעסן פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק.

זייער אָנגעזעענע אוקראַינישע טוער זייבען געקומען און עדות געזאָגט לטובת כאַמסקען, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דאָס געריכט האָט אים פאַרמשפּט צום טויט.

אַ דאַנק די אָנגענומענע ערנערגישע מיטלען מצד דאָס יידישע מיניסטעריום, האָט זיך איינגעגעבן אָפּצושטעלן דאָס אויספירן די טויט־שטראָף.

אַ סך צרותהאָבן די קאַמענעצער געהאַט. אָבער סוף־כל־סוף האָט זיך נאָכן אַריינקומען פון דער ציווילער מאַכט, איינגעשטעלט אַ שטיקל אָרדענונג. די פּראָווינץ, אָבער, איז איבערגעענטפערט גע־וואָרן אינגאַנצן אין די הענט פון „אַטאַמאַנדעלעך". אַ שרעקלעכע פּאָגראָם לויטן גוסח פּראָסקוראָוו איז פאָרגעקומען אין קיטאַי־גאָראָד *)

*) וועגן קיטאַי־גאָראָד האָבן מיר פריער שוין געשריבן. דאָס איז אַ קליין ידיש שטעטל 4 וויאָרסט פון קאַמענעץ.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון, וואָס אין שטעטל איז אַריינגע־קומען אַ מיליטערישע טייל מיט אַ קאָמענדאַנט, און האָט אין אַ משך פון עטלעכע טעג שרעקלעך טעראָריזירט די יידישע באַפעלקע־רונג. ער האָט אַרויפגעלייגט אומאויספירבאַרע פאַר אַ קליין שטע־טעלע קאָנטריבוציע, פונאַנדערגעקלעפט פּאָגראָם־אויפרופן—און גע־ענדיקט האָט זיך עס מיט אַ יידישער שחיטה. אין איין נאַכט זיי־נען אויסגעקוילעט געוואָרן 78 פרויען און מענער*). דערביי האָבן זיי אָנגעטאָן שרעקלעכע אַכזוריותדיקע מעשים.

פּאָגראָמען אין קלענערע מאַסשטאַבן זיינען פאָרגעקומען אין דעמדאָזיקן פעריאָד נאָך אין אַ סך שטעטלעך פון קאַמענעצער ראַיאָן

מען דאַרף באַמערקן, אַז די רומענער האָבן געראַטעוועט איייניקע יידישע שטעטלעך, וואָס ליגן ביים דניעסטער: סטודעניצי (די קיטאַי־גאָראָדער רוצחים האָבן דאָרטן געוואָלט איבערחזרן דעם פּאָגראָם), אַלט־אושיצע, קאַליוס.

די רומענער האָבן, לויט די בקשות פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, געפאָדערט פון די פּאָגראָמטשיקעס, זיי זאָלן גלייך אָפּרייניקן דידאָזיקע שטעטלעך.

די אוקראַינישע באַוועגונג און די יידישע פּאָגראָמען

(זומער 1919)

אַ גאַנץ זומער, פון 1919 יאָר אָן בין איך אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע, אַלס באַפולמעכטיקטער פון „רוסישן רויטן קרייץ", צו העלפן די פּאָגראָמירטע יידן.

אומעטום איז געווען אומרואיק, אומעטום זיינען אויפן סדר־היום געשטאַנען די פאָלגנדיקע פראַגן: אָנגריף פון די אוקראַי־נער, עוואַקואַציע פון דער ראַטן־מאַכט און ... יידישע פּאָגראָמען.

**) די קיטאַי־גאָראָדער יתומים געפינען זיך איצט אין יתומים־הויז פון „אָזע" ביי דער „קולטור־ליגע" אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.

וועגן די פּאָגראָמען אויף אוקראַינע און זייערע סיבות איז שוין דאַמאָלסט זייער פיל געשריבן און גערעדט געוואָרן אין פאַרשיידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קרייזן.

איך וויל דאָ ניט באַטראַכטן די פראַגע אין איר גאַנצער ברייט און טיף, אין וועלכער מ׳דאַרף זי באַטראַכטן, איך וויל דאָ נאָר אָנמערקן אייניקע מאָמענטן און אויף זיי זיך גענויער אָפּשטעלן.

די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען אין רוסלאַנד צווישן שטאָט און דאָרף, וואָס האָבן זיך אין משך פון דער מלחמה נאָך מער פאַרשפּיצט, און דער עיקר נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917, האָבן אָנגענומען אין אוקראַינע זייער אַ שאַרפן כאַראַקטער. דאָרט האָט זיך נאָך די לאַגע שטאַרק פאַרערגערט מחמת דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט.

אין די אוקראַינישע שטעט באַשטייט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון יידן, רוסן, געוועזענע טשינאָווניקעס, און אַ קליינער פּראָצענט אוקראַינער און פּאָליאַקן.

פּאָדאָליע, וועלכע פאַרנעמט כמעט אַזאַ שטח ווי שווייצאַריע, פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון 5 מיליאָן מענטשן. די יידן בילדן דאָ ביז 12% פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוואוינער. צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג בילדן די יידן % 50—60.

דאָס אוקראַינישע פינסטערע, אומבאַוואוסטזיניקע פויערטום האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין לאַנגיאָריקן שלאָף.

בראש פון דער פויערשער באַוועגונג האָט זיך געשטעלט די שאָוויניסטישע קליינבירגערלעכע אוקראַינישע אינטעליגענץ. זי איז געוואָרן די אידעאָלאָגישע פירערין פון די אוקראַינישע פויערים, די קעמפערין פאַר זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

די אוקראַינישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך בלויז געשטיצט אויף פויערים, ניט האָבנדיק אויף איר זייט די שטעט, האָט ניט געקענט שאַפן קיין פּאָזיטיווע מלוכה־מאַכט.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם דער געוועזענער אוקראַינישער פּרעמיער־מיניסטער, דער אוקראַינישער סאָציאַל־דעמאָקראַט מאַזעפּאַ.

„אין אוקראַינע, ביי אַ מערהייט פון דער דאָרפישער פויערשער באַפעלקערונג, זיינען, לויט דער ציילונג פון יאָר 1897, געווען ביז 22% רוסן און יידן, וואָס האָבן אָנגענומען אויסדריקלעך נעגאַטיווע שטעלונג צו דער אוקראַינער אידעע" *).

ווייטער:

„עס איז אַנשטאַנען אַ געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע אין אוקראַינע: פון איין זייט, האָט די ניט-אוקראַינישע שטאָט ניט געקענט דערפירן די רעוואָלוציע אויף אוקראַינע צו אַ נצחון אָן דער הילף פון דעם דאָרף; פון דער אַנדער זייט—האָט דאָס אוקראַינישע דאָרף אָן דער אָנפירנדיקער ראָל פון דער ניט-אוקראַינישער שטאָט נאָך מערער ניט געקענט פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע" **).

און ווייטער.

„די אַלע קולטורעלע צענטערס, אַלע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די רוסן או יידן. דער בעסטער באַווייז זיינען געווען די וואַלן אין די שטאָט-פאַרוואַלטונג, וואָס לויטן געזעץ פון קערענסקען. דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע וואַלן איז געווען, אַז די אוקראַינישע עלעמענטן זיינען אומעטום זייער ווייניק דורכגעגאַנגען, און די מערהייט זיינען געווען רוסן און יידן, וועלכע האָבן ניט נאָר פריינדלעך, נאַר אָפטמאָל אַפילו פיינדלעך זיך באַצויגן צום גענעראַלן-סעקרעטאַריאַט און צו דער אוקראַינישער אידעע בכלל. די קיעווער שטאָט-פאַרוואַלטונג, למשל, שרייבט מ. וויניטשענקאָ, האָט אַלאַנגע צייט ניט געוואָלט געבן קיין לאָקאַל פאַר דעם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט און האָט געמוזט דינגען אַ שמוציקן האָטעל אויף שווערע באַדינגונגען ***

אַזוי שילדערט די באַציאונגען צו דער אוקראַינישער פויערשער באַוועגונג מאַזעפאַ.

*) זייט 15. Вільна Україна· Львів 1921

**) דאָרט, זייט 16

***) דאָרט זייט 23

אין דער ווירקלעכקייט זיינען די באַציאונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג ניט געווען ביי אַלע שיכטן גלייך.

די גרויסע יידישע בורזשואַזיע די (בראָדסקעס און האַלפערנס, למשל) איז געווען אויף אַזויפיל פאַראינטערעסירט אין דער רוסישער רעוואָלוציע, אויף וויפיל זי האָט זיי באַפרייט פון די שענדלעכע באַגרעניצונגען, וואָס די אַלטע צאַריש-פעאָדאַלע אָרדענונג האָט פאַר זיי איינגעשטעלט. די סאָציאַלע זייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז זיי געווען פרעמד און האָט אַפילו זיי געשראָקן.

דעריבער, ווען זיי האָבן דערזען, אַז אַפילו אין דער „צענטראַלער ראַדע" (דער אוקראַאינישער פאַרלאַמענט) האָבן די אַרבעטע און די פויערים אַ מערהייט, האָבן זיי פאַרנומען אַ אָפן פיינדלעכן שטעלונג בנוגע דער אוקראַאינישער פוי=ערשער באַוועגונג (דאָברי, גוטניק *).

אַן אַנדער פּאָזיציע האָט פאַרנומען די יידישע מיטעלע און קלענערע בורזשואַזיע. איר האָט זייער אימפּאָנירט דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער אוקראַאינישער באַוועגונג. די ציוניסטן האָבן שטענדיק אונטערגעשטראָכן זייער פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער אוקראַאינישער באַוועגונג.

אויף דעם פעלקער-צוזאַמענפאָר אין 1919 אין קיעוו, אין דער „צענטראַלער ראַדע", האָבן די ציוניסטן אין אַלע אַרויסטרעטונגען באַטאָנט זייער טרייקייט דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

בראש פון דער יידישער דעלעגאַציע, וואָס איז געגאַנגען באַגעגענען די „דירעקטאָריע" (אין דער דירעקטאָריע זיינען אַרייגגעגאַנגען ווינישענקאָ, פּעטליורע און נאָך אייניקע) אין 1919

---

*) גוטניק, אַ פאָרשטייער פון דער אָדעסער יידישער גרויס-בורזשואַזיע, איז געווען מיניסטער בעת דער ממשלה פון העטמאַן אין אוקראַינע, זיין שטים האָט אויך דעצידירט, אַז עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

אין קיעוו, זיינען געווען ציוניסטן *).

אין קאַמענעץ=פּאָדאָלסק האָט אַלטמאַן (אַ ציוניסטישער דעפּוטאַט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג) אונטערגעשטראָכן די פּאָזיטיווע שטעלונג פון די ציוניסטן צו דער אוקראַאינישער באַוועגונג, בעת ער איז געווען אין דער דעלעגאַציע ביי פּעטליורען.

נאָר ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען האָט זיך צווישן די ציוניסטן און די אוקראַאינישע פּאַרטייען דאָך ניט געשאַפן קיין קאָנטאַקט. די רעכטע אוקראַאינישע פּאַרטייען זיינען געווען אַנ= טיסעמיטיש און מיט די לינקע האָבן זיי זיך ניט געקענט צונויפ= ריידן און דידאָזיקע פּאָזיטיווע שטעלונג פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט גרופירט אַרום זיך דעם גרעסטן טייל פון מיטעלן און קליין=בירגערטום איז געווען בלויז אַן אָפיציעלע.

אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיך דידאָזיקע שיכטן גאָר אַנדערש באַצויגן די= צו דער נייער אוקראַאינישער באַוועגונג.

דער יידישער סוחר, מעקלער און פּאַקטאָר האָט זיך אין אַ משך פון לאַנגע יאָרן צוגעפּאַסט צו די, וואָס האָבן געשפּילט די הויפּט= ראָל אין אוקראַאינע—דעם פּריץ, דעם גענעראַל, דעם באַאַמטן א אַז וו.

זיי איז געווען זייער שווער זיך צוצופּאַסן מיטאַמאָל צו גאָר אַ ניי געשאַפענער סיטואַציע.

דאָס האָט זיך זייער געפילט אין דער צייט פון דעם העט= מאַן, ווען די דייטשן האָבן זיך באַוויזן אין אוקראַאינע—און דער געוועזענער פּריץ האָט אָנגעהויבן שפּילן די פריערדיקע דאָמי= נירנדיקע ראָלע.

די גרופּן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן גע= קענט גיין מיט די פּויערים—זיינען געווען די בעלי=מלאכות. און באמת, זיינען די באַציאונגען צווישן זיי און די פּויערים פאַרהעל= טענישמעסיק געווען בעסער, איידער צו אַנדערע שיכטן. דעם סוחר האָט דער פּויער געהאַלטן פאַר אַ ספּעקולאַנט, וואָס שרויפּט

*) זע די יידישע שטאָטנאָטיצ און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט אין אוקראַאינע, ז. 3.

אַרויף שטענדיק די פּרייזן, און האָט זיך דעריבער באַצויגן צו אים פיינדלעך. לויט דער באַגרעניצטער פאָרשטעלונג פון פויער, וועלכע זיינען אין דעם גייסט געווען שטאַרק באַאיינפלוסט, איז דער יידישער סוחר שולדיק געווען אין דעם גאַנצן יקרות.

צו דעם בעל=מלאכה האָט זיך דער פויער אַנדערש באַצויגן. פאַרלירענדיק דעם באָדן אין שטאָט, איז דער בעל=מלאכה געגאַנגען אין דאָרף, וואו ער האָט זייער אָפט באַקומען פאַר זיין אַרבעט פּראָדוקטן אָנשטאָט געלט.

אַזוי האָבן זיך אין אַ סך ערטער אין פּאָדאָליע איינגעשטעלט פריידלעכע באַציאונגען צווישן די בעלי=מלאכות און די פויערים.

אָבער פּאָליטיש איז דער יידישער בעל=מלאכה ניט געווען אָרגאַניזירט און ער האָט זיך אַממערסטן נאָכגעשלעפּט נאָך אַנדערע פּאַרטייען.

ערשט אין דער לעצטער צייט האָבן די בעלי=מלאכות אָנגעהויבן אַרויסטרעטן מיט זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּלאַטפאָרמען *).

די יידישע אינטעליגענץ האָט פאַרנומען ניט קיין גינסטיקע פּאָזיציע צו דער אוקראַינישער באַוועגונג. אויפגעהאָדעוועט אין די רוסישע גימנאַזיעס און אין די רוסישע אוניווערסיטעטן, דערצויגן אין גייסט פון דער רוסישער קולטור, איז זיי געווען זייער שווער זיך צופּאַסן און באַנעמען די אוקראַינישע באַוועגונג.

אַן אַנדער פּאָזיציע האָבן אויך פאַרנומען די יידישע אַרבעטער אין אוקראַינע. גלייך אין די ערשטע טעג פון דער אוקראַינישער באַוועגונג האָבן זיך די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געשטעלט אויף איר צד. ר אַ פ ע ס (בונדיסט) איז געפאָרן אין 1917 אין פּעטערבורג פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אוקראַינער פאַר דער צייטווייליקער (קערענסקעס) רוסישער רעגירונג. ראַפּעס איז אין יענער צייט זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן

*) זע ביילאַגע 2

קעגן דעם גרויסרוסישן באָלשעוויזם (1917, 1918). ז אָ ל אַ ט אַ ר י אָ ו (בונדיסט) איז געווען גענעראַל-סעקרעטאַר אין דעם אוקראַינישן סעקרעטאַריאַט (מיניסטעריום), ז י ל ב ע ר פ אַ ר ב (פאַראייניקטער) איז געווען דער ערשטער מיניסטער פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע, נ אָ ו אַ ק אָ ו ס ק י (פאַראייניקטער, נאָכדעם אַ אָנגעזעענער קאָמוניסט) איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן די אוקראַינער און האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער „צענטראַלער ראַדע". אויף אַ קאָנפערענץ פון „פאַראייניקטע" אין קיעוו, אין אַפּריל 1918, האָט ער זייער הייס פאַרטיידיקט די אוקראַינישע אָריענטאַציע, און האָט צוגעגעבן, אַז אוקראַינע קען ווערן אַ „אוקראַינאָ-יודעאַ".

די פּועלי-ציון זיינען שטענדיק געגאַנגען מיט די אוקראַינער.

אָבער די אוקראַינער מיט זייער ניט אויסגעהאַלטענער שאָוויניסטישער פּאָליטיק האָבן פון זיך גיך אָפּגעשטויסן די יידישע סאָציאַליסטן.

און ווען פאַר דעם יידישן אַרבעטער אַנטשטייט די פראַגע: צו וועמען צוצושטיין, צי צו דער באָלשעוויסטישער גרויסרוסישער באַוועגונג אָדער צו דער קליינבירגערלעכער אוקראַינישער — קלייבט ער אויס די ערשטע. „ער, וועלכער איז תמיד געגאַנגען אין אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע, וויל ניט און קען ניט בלייבן פון הינטן" — טענהן די נייע יידישע קאָמוניסטן *).

דערנאָך האָבן זיך צום גרעסטן אומגליק פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, אָנגעהויבן אין אוקראַינע, פאַרשיידענע איבערקערענישן, וואָס האָבן געבראַכט צו די בלוטיקסטע יידישע שחיטות.

אַזוי זיינען געווען די יידיש-אוקראַינישע באַציאונגען אין די יאָרן 1917, 1918 פון דער רעוואָלוציע.

אַלס אילוסטראַציע, וויפיל מאַכטן עס זיינען געווען בלויז אין פּראָסקוראָוו אַליין פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע ביז 1-טן יאַנואַר 1921, קען דינען פאָלגנדיקע טאַבעלע:

М Рафес.

Два года революции на Украйне или кризис Бунда.

קערענסקעס רעגירונג
אוקראַינישע מאַכט
באָלשעוויקעס
דייטשן מיט דער „צענטראַלער ראַדע״
העטמאַן
דירעקטאָריע
באָלשעוויקעס
דירעקטאָריע
באָלשעוויקעס
די דירעקטאָריע מיט, גאַליצישן חייל
דעניקין
פּאָלאַקן
אוקראַינער—פּאָלאַקן
באָלשעוויקעס
אוקראַינער
באָלשעוויקעס.

ווי אין אַ קינעמאַטאָגראַף האָבן זיך געביטן די פאַרשיידענע מאַכטן—און יעדער מאַכט קומט מיט נייע פאָדערונגען, און צו יעדער מאַכט שאַרן זיך צו פּראָפעסיאָנאַלן-באַנדיטן. און די יידישע באַפעלקערונג האָט גוט געפילט דעם טעם פון זיי!

דאָס זיינען געווען קאַטעגאָריעס מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין פּראָצעס פון דער מלחמה. זייער פּראָפעסיע איז געוואָרן: רויבן, הרגענען, קוילן—און, געוויינלעך, האָט מען דאָס לייכטער פאַר אַלץ געקענט אָנווענדן בנוגע דער שוצלאָזער, יידישער באַפעלקערונג.

אין די ערטער, וואו די יידישע באַפעלקערונג האָט געגעבן אַ אָרגאַניזירטן אַקטיוון ווידערשטאַנד, זיינען די רויבער אָפּגעטראָטן.

איבערהויפּט זיינען געווען געפערלעך פאַר דער יידישער באַפעלקערונג צוויי מאָמענטן: „דאָס אַריינגיין און אַרויסגיין פון אַ מאַכט״. דער אָפּגעריסענער הונגעריקער סאָלדאַט פלעגט זיך אין אַזעלכע פאַלן זייער אָפט אַ לאָז טאָן אין שטעטל צו

זוכן פאַר זיך עפּעס עסן און קליידער—און דאָס פלעגט זיך ניט זעלטן ענדיקן מיט אַ פּאָגראָם.

נאָר געפערלעכער ווי אַלץ איז געווען די קולטיווירטע ספּעציפישע שנאה צו די יידן, וועלכע מען האָט אויסגענוצט אין דער אוקראַינישער באַוועגונג אַלס מיטל, אַלס גוט באַקאַנטן מיטל נאָך פון די צייטן פון צאַריזם, צו באַרואיקן דעם אומצופרידענעם פויער און קאָזאַק.

דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט געשלאָגן אויף אוקראַינער טיפע וואָרצלען, האָט זיך איצט ברייט פונאַנדערגעבלים. ניטאָ קיין זאַלץ, ניטאָ קיין פּראָדוקטן, ניטאָ קיין שטיוול, ניטאָ קיין וועש און קיין קליידער—די זשידעס באַהאַלטן.

די באָלשעוויקעס מאַכן אַ אָנגריף אויף אוקראַינע, עס ווערט שלעכט—אין דעם זיינען שולדיק די קאַצאַפּעס מיט די זשידעס. און ביסלעכווייז ווערט איינגעוואָרצלט דער געדאַנק, אַז אין אַלץ זיינען שולדיק די זשידעס.

מען האָט געוועקט און גערייצט די ווילדסטע אינסטינקטן ביי די פינסטערע מאַסן — און מיט דעם האָט מען געוואָלט געווינען זייער סימפּאַטיע.

די זשידעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט — דאָס איז געווען דער לאָזונג פון די פּאָווסטאַנצעס.

אין דערווירקלעכקייט אָבער איז דאָס געווען אַבסאָלוט ניט ריכטיק. די יידן האָבן געוויס גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין די ראַטן-אַנשטאַלטן און אין די רעווקאָמען, נאָר זיי האָבן געבילדעט גאָר אַ קליינעם פּראָצענט, די ניט-יידן. מערניט די יידן האָבן זיך געוואָרפן שטאַרק אין די אויגן, מחמת די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז פון שטענדיק אָן געווען געוויינט צו קומען אין די מלוכה-אַנשטאַלטן און ניט געפינען דאָרט קיין יידישע באַאַמטע.

אין 1920-טן יאָר האָבן די באָלשעוויקעס אויפגעהערט שיקן קיין אוקראַינע און פּאָדאָליע יידישע אינסטרוקטאָרן, מיטאַרבעטער, נעמענדיק אין אַכט די שטימונג פון דער ניט-יידישער באַפעלקערונג.

די גרעסטע שולד ליגט אויף די פירנדיקע עלעמענטן פון דער אוקראַינישער באַוועגונג. זיי האָבן באַגאַנגען אַ אומפאַרציילעכן שווערן פאַרברעך קעגן דער יידישער באַפעלקערונג און אַ שולד בנוגע דער אוקראַינישער באַוועגונג.

די אוקראַינישע אינטעליגענץ האָט כמעט אינגאַנצן פאַרשוויגן, אויף אַ פאַרברעכערישן אופן, די יידישע פּאָגראָמען, אָדער, אין בעסטן פאַל, ווינציק אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן דעם קאַמף מיט די פּאָגראָמען=מאַכערס *).

עס איז אינטערעסאַנט צו ברענגען אייניקע ערטער פון גאָלדעלמאַנס בוך, (געוועזענעם געהילף=מיניסטער פון אַרבעט ביי די אוקראַינער)**):

„איך מוז מיט באַדויערן קאָנסטאַטירן", שרייבט ער, אין יוני 1919 „אַז די מערהייט פון די היגע מיניסטאָרן, סאָציאַל=רעוואָלוציאָנערן און זייערע לידערס, זיינען ענטוועדער באַהערשט געוואָרן פון דער אידעאָלאָגיע, וואָס פאַרבינדט פּרינציפּיעל יעדן קאַמף מיט די באָלשעוויקעס ניט אַנדערש, ווי מיט יידישע פּאָגראָמען, אָדער זיי זיינען אַזוי ווייט פאַרקראָכן אין זייער שאָוויניזם, אַז זיי זיינען גרייט אויסצונוצן די פּאָגראָם=שטימונג פון דעם פּוי=ערטום לטובת דער אוקראַינישער באַוועגונג (קורסיוו מיינער)"

ווייטער:

„איך האָב זיך געמוזט נעמען פאַר „אויפקלערונגס=אַרבעט". כל=זמן די ס.=ד. זיינען נאָך ניט קראַנק אויף דערדאָזיקער

---

*) זע די יידישע אווטאָנאָמיע און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט אין אוקראַינע, זייט 99 און ווייטער.

**)С. Гольдельман.

Листі жидівскаго соціял-демократа про Україну.

מחלה—דאַרף מען ענערגיש אָפּשטעלן די מעגלאַכקייט פון איר אַנטוויקלונג.

איך האָב זיך געמוזט נעמען פאַר „אויפקלערונגס״=אַרבעט צווישן די אוקראַינישע מיניסטאָרן און די לידערס פון רעוואָלוציאָ=נעם סאָציאַליזם״ *).

עס זיינען אַפילו געבילדעט געוואָרן, נאָך די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין 1919 יאָר, „אויספאָרשונגס=קאָמיסיעס״, נאָר זיי האָבן גאָרניט אויפגעטאָן. די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון די יידישע פּאָגראָמען (פּאָליענקאָ, סימאָסענקאָ און אַנדערע) זיינען ניט באַשטראָפט געוואָרן.

די אויספאָרשונגס=קאָמיסיעס האָבן זייער שוואַך געאַרבעט—און דעריבער האָט די יידישע באַפעלקערונג ניט געגלויבט זיי און האָט זיך באַצויגן צו זיי קאַלט.

אָט די אומבאַשטראָפטקייט, דאָס טאָלערירן די *באַנדיטן—האָט באַשאַפן אַזאַ מין שטימונג ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אַז יידן* מעג מען קוילן.

אמת, עס זיינען אַרויסגעלאָזן געוואָרן אויפרופן וועגן די פּאָגראָמען, אָבער קיין ממשותדיקע טאַטן האָט מען ניט געזען.

די פּאָגראָמען האָבן אָפּגעמעקט פון דער ערד גאַנצע יידישע שטעט און שטעטלעך, אויסגעקוילעט צענדליקע טויזנטער יידן, הרוב געמאַכט דעם גרויסן יידישן ישוב אין אוקראַינע.

דו פּאָגראָמען האָבן אָבער פאַרניכטעט אויך אוקראַינישע שטעט, דעמאָראַליזירט דאָס אוקראַינישע חייל און קאָמפּראָמע=טירט די אוקראַינישע באַוועגונג.

די פּאָגראָמען האָבן געשטויסן אַפילו די יידישע בירגערלע=כע גרופּן אין די רייען פון די באָלשעוויקעס.

די יידישע אַרבעטער האָבן אין 1919 געפירט אַ אַקטיוון קאַמף קעגן די אוקראַינשע „פּאָוסטאַנצעס״, ווייל וואו זיי פלעגן נאָר קומען, פלעגן זיי פשוט אויסשניידן אַלע יידן.

עס האָט זיך געפירט אַן אמתע מלחמה, וואו אויף איין זייט איז גע=

---

*) דאָרט, זייט 37.

שטאַנען אַ רעגולערע אַרמיי, באַוואָפנטע פויערים, און אויף דער אַנדער זייט—די אומבאַוואָפנטע יידישע שטעטלאַך.

„נאָך דעם ווי מיר האָבן געענדיקט די מלחמה מיט דער יידישער באַפעלקערונג"... שרייבט אַ פּאָווסטאַניעץ אין ליטין אין איינעם פון זיינע אויפרופן...

„שטיל און רואיק האָט זיך געלעבט אונזער קליין שטעטעלע, קיין פּאַרטייען זיינען ביי אונז ניט געווען, קיין פּאָליטיק האָבן מיר ניט געפירט"... שרייבט אַ ייד פון אַ קליין שטעטל צום קאָמענדאַנט־ער קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע פון פּאָגראָמען.

און אין דעם שטילן שטעטעלע אין פּאָדאָליע רייסן זיך אַריין באַנדיטן, הויבן אָן קוילן, שענדן פרויען, רויבן און פּאַרניכטן דעם פּאַרמעגן. די יונגעלייט צולויפן זיך. זיי בעטן געווער ביי די באָלשעוויקעס, זיי ווילן בילדן אַ זעלבסטשוץ, נאָר די באָלשעוויקעס גיבן זיי ניט. „אָדער איר זייט מיט אונז, דאַן גייט אין דער רויטער אַרמיי, אָדער איר זייט קעגן אונז—און דאַן קענען מיר אייך ניט טרויען קיין געווער".

און ווי האָבן זיך דאַמאָלסט אויפגעפירט די יידישע קאָמוניסטן? „אין אַ צייט פון סאָציאַלער רעוואָלוציע—האָבן געשריבן די יידישע קאָמוניסטן אין זייערע צייטונגען—„איז דער איינציקער אויסוועג פאַר די יידישע מאַסן צוזושטיין צו דער ראַטן־מאַכט; אַז ניט—דראָט זיי אַ געפאַר אויסגעראָטן צו ווערן".

און עס האָבן זיך געבילדעט ספּעציעלע יידישע מיליטערישע אָפּטיילונגען מיט אַ צענטראַלן אָרגאַן „יעווסעקציע" אין קיעוו, וואָס האָט דאָס רוב מענטשן־מאַטעריאַל ווערבירט צווישן די פּאָגראָמירטע יידישע שטעטלאַך.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין צוויי טעג אַרום נאָך אַ פּאָגראָם אין אַ יידיש שטעטל ב. וואו מען האָט געוואַרט, אַז די „פּעטליוראָווצעס" זאָל ווידער פאַרנעמען דאָס שטעטל, און איך האָב זיך דערווייל צוגעקוקט צו דער אַרבעט פון אַ אינסטרוקטאָר פון „יעווסעקציע".

ווענן קיטאַי־גאָראָד האָב איך שוין געשריבן פריער.

פאַר דער יידישער יוגנט אין דעם שטעטל זיינען געווען 2 וועגן: אָדער בלייבן אין שטעטל און אויסגעקוילעט ווערן צוזאַמען מיט די עלטערן, ברידער און שוועסטער, אָדער גיין אין דער רויטער אַרמיי און קעמפן מיט די „פּאָגראָמשטשיקעס". די יידישע יונגע־לייט האָבן געשטעלט פּראַגעס דעם אינסטרוקטאָר, זיך מישב גע־ווען — און סוף־כל־סוף האָבן זיי זיך מיט ניט קיין געהויבענער שטימונג צוזעגנט מיט די נאָענטע און אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו.

אַ סך יידישע יונגעלייט פלעגן זיך לערנען מיליטער־קונסט און נאָכדעם אַריינגעגאָסן ווערן אַלס יידישע טיילן אין די אינטער־נאַציאָנאַלע באָלשעוויסטישע פּאָלקן.

אין דערווירקלעכקייט אָבער האָט זיי די ראַטן־מאַכט אויס־גענוצט בלויז קעגן די פּאָגראָם־באַנדעס — און פלעגט זיי, נאָך ניט קיין אויסגעלערנטע און ניט קיין ערפאַרענע, שיקן אויפן פראָנט.

אַ גאַנץ זומער פון יאָר 1919 האָט די יידישע באַפעלקע־רונג פון פּאָדאָליע (וואָס גרעניצט זיך מיט גאַליציע) געליטן פון פּאָגראָמען.

די גרעניצן פון פּאָדאָליע, וואָס האָבן אין אַלגעמיין פון די אויפשטאַנדן ווייניק געליטן, האָבן זייער פיל געליטן פון די רע־גולערע מיליטער־טיילן פון דער „אוקראַינישער פאָלקס־רעפּוב־ליק" — פון די מיליטער־פּאָגראָמען.

דער איבעריקער טייל פון פּאָדאָליע האָט מערער געליטן פון די פּאָגראָמען, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט דורך די „פּאָווסטאַנצעס".

די גרעסטע פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אין די חדשים מאַי—אַווגוסט.

דאָס מיליטער פון דער „אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק" האָט, בעת זיין אָפענסיווע קעגן די באָלשעוויקעס אין די חדשים מאַי, יוני, אַווגוסט 1917, געלאָזט נאָך זיך אַ בלוטיקן שליאַך אין אַ סך יידישע שטעט און שטעטלעך.

אין אַנדערע זיינען פאָרגעקומען אייניקע פּאָגראָמען אין די חדשים

מאַי און יוני; דערביי זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן 28 מענטשן.

די איבעריקע מיליטער־פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אין פאָלגנדיקע שטעט און שטעטלעך:

שאַטאָוואָ, דונאַעווצי, מינקאָווצי, יאַל־טושקאָוו, מוראַוואַני־קורילאָווצי, ווערבאָווצי, באַר, זשמערינקאַ, בראַילאָוו (געהרגעט 28 באַרער יונגעלייט), קאַפּאַי־גאָראָד, ווילקאָווינצי, דעראַזשנע, סאָלאָבקאָווצי (זייער פיל געליטן), יאַרמעלינעץ, יאַרישעוו, זשוואַנטשיק, פּראָסקוראָוו; די פּאָוויאַטן: קאַמענעצער, פּראָסקוראָווער, מאָהילעווער, ניי־אושיצער.

ווי שרעקלעך עס זיינען אָבער ניט געווען די פּאָגראָמען פון די מיליטערישע טיילן—האָט נאָך די אַכזריות פון די פּאָגראָמען פון די פויערים־באַנדעס זיי אַריבערגעשטיגן.

אַ גאַנץ זומער האָבן די צעווילדעוועטע פּויערשע באַנדעס געבושעוועט: זיי האָבן געקוילעט, געראַבירט און געשענדט. עס איז פאָרגעקומען אַ פּערמאַנענטער פּאָגראָם.

זייער שטאַרק האָבן געליטן ליטינער, הייסינער און בראַצלאַווער פּאָוויאַטן. אין הייסין זיינען געפאַלן הונדערטער יידישע קרבנות.

הייסין — אַ פּאָוויאַטאָווע שטאָט, וואָס האָט געלעבט מיט אַ אינטענסיוון קולטורעלן לעבן (דאָרט איז געווען אַפילו אַ יידישע גמנאַזיע), איז פולקום חרוב געוואָרן.

(אין הייסינער פּאָוויאַט זיינען נאָך פריער מיט אייניקע חדשים פאָרגעקומען פּאָגראָמען אין די שטעטלעך:

גראַנאָוו. אָרגאַניזירט האָט דאָרט דעם פּאָגראָם פעטליורעס חייל, האָט פאַרברענט דאָס שטעטל און 5 יידן געהרגעט.

קובליטש. דעם פּאָגראָם האָט געמאַכט פעטליורעס חייל, 30 יידן זיינען דערהרגעט געוואָרן.

טעפּליק. דאָס גאַנצע שטעטל איז צעראַבירט געוואָרן. הונדערטער קרבנות זיינען געפאַלן. דעם פּאָגראָם האָט דאָרט גע־

מאַכט פעטליורעס חייל. (אַלע ידיעות גענומען פון בוך: יידישע אַווטאָנאָמיע אין נאַצי. סעקר. אין אוקר.)

פון 11=9 מאַי איז פאָרגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם אין בראַצלאַוו, אָרגאַניזירט פון אַטאַמאַן וואָלינעץ. עס זיינען דאָרט געווען ביז 200 הרוגים. ווי אין הייסין, אַזוי אויך אין בראַצלאַוו, קומען פאַר פּאָגראָמען דעם גאַנצן זומער. זייער פיל האָט אויך געליטן דער בראַצלאַווער פּאָוויאַט. עס האָבן שטאַרק געליטן געמיראָוו, יטולטשין, שפיקאָוו, פעטשאָ=ראַ (30 מיידלעך געשענדעט ווערן קראַנק ווענעריש).

אַ שרעקלאַכער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אין טראָסט=יאַניעץ. דער טראָסטיאַניעצער גאַרניזאָן איז בעשטאַנען פון הונדערט רויטע אַרמייער, לערך אַ העלפט פון זיי יידן, די איבע=ריקע קריסטן, בעת דעם פויערים= אויפשטאַנד גייען די רויטע אַרמייער אַריבער צו די „פּאָווסטאַנצעס״.

דעם 14=טן מאַי טרייבן זיי צונויף די גאַנצע יידישע באַפעל=קערונג, פון 12 יאָר אָן, אין דער דירה פון „רעווקאָם״ און הרגענען זיי אַלעמען אויס — ביז 250 נפשות — בלויז מאַנסבילן עס בלייבן 900 יתומים און אלמנות.

אין יאַמפּאָליער פּאָוויאַט האָבן געליטן:

יאַמפּאָל, פּאָפּאָוויצי, קאָפּאַי=גאָראָד, יאַרישעוו, לוטשינעץ, אָזאַרינצי, שאַרגאָראָד, קראַסנאָיע.

אין אָליגאָפּאָליער *) פּאָוויאַט האָבן געליטן:

בערשאַד, טשעטשעלניק, לאַדיזשין.

שרעקלאַך האָט אויך געליטן באַלטער געגנט:

באַלטאַ, פּעסטשאַנקע, ריבניצי.

אין אָנהויב פעברואַר 1919 גייט באַלטע אַריבער פון די באָלשעוויקעס צוריק צו פּעטליורעס חייל. די „סיטשעוויקעס״ (אוקראַאינער זעלנער) הויבן אָן גלייך צו ראַבעווען און פייניקן

*) וועגן אָליגאָפּאָליער און באַלטער געגנטן האָבן מיר ג' האָט זייער ווייניק ידיעות.

כמעט אַלע יידישע הייזער און קראָמען ווערן צוראַבירט. 27 יידן ווערן דערשאָסן, פאַראַן אַ סך פאַרוואונדעטע, פאַראַן אויך געשענדעטע פרויען.

מיט אַ חודש שפּעטער קומט פאָר דער צווייטער פּאָגראָם; עס שפּילן זיך אַכזריותדיקע שוידערלעכע מעשים. מען הרגעט זקנים, פרויען, מען זעצט אַרויף קינדער אויף די פּיקעס, מען נעמט אַראָפּ גאָלדענע רינגען צוזאַמען מיט די פינגער. די קערפּערס פון די דערהרגעטע וואַלגערן זיך אַ גאַנצע וואָך און מען ערלויבט ניט ברענגען זיי צו קבורה.

אין אַ לענגערע צייט אַרום איז אין באַלטע נאָכאַמאָל געווען אַ פּאָגראָם אַ גרויסער טייל שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן.

אין ווינניצער ראַיאָן האָבן געליטן: יאַנאָוו, קאַלינאָווקאַ, פּיקאָוו, בראַילאָוו, זשמערינקע.

די שטאָט ווינניצע גופא האָט ניט געליטן.

אין ליטינער ראַיאָן האָט שרעקלעך געליטן די פּאָוויאַטאָווע שטאָט ליטין.

דער ערשטער פּאָגראָם איז דאָרט פאָרגעקומען דעם 15=טן; עס זיינען געפאַלן ביז 110 קרבנות, נאָכדעם האָט ליטין אַ גאַנץ זומער געליטן פון אַ פּערמאַנענטן פּאָגראָם. די צאָל קרבנות נאָך דעמדאָזיקן פּאָגראָם זיינען פאַרהעלטענישמעסיק ניט געווען גרויס, נאָר די שטאָט איז אינגאַנצן חרוב געוואָרן. אַ סך הייזער און די מאַרק=קראָמען זיינען פאַרברענט געוואָרן.

די באַנדיטן האָבן איינגעשפּאַנט אין אַ פור 2 אַלטע יידן. זיי געצוואונגען פאָרן אין וואַלד אַריין און דאָרט זיי אויפגעהאַנגען.

די איינוואוינער פון שטאָט זיינען זיך צעלאָפן אין ווינניצע. בראש פון די באַנדיטן איז געשטאַנען איינער שעפּעל.

אין ליטינער פּאָוויאַט האָבן זייער פיל געליטן ניי=קאָנסטאַנטינאָוו, אַלט=סינאַוועו און פּיליאַווע.

לעטיטשעווער פּאָוויאַט האָט פאַרהעלטענישמעסיק ווייניקער געליטן; מערער האָבן געליטן: דעראַזשנע, מיכאַמפּאָל, ווילקאָווינצי.

אַ סך יידן זיינען אויך דערהרגעט געוואָרן אויף די וועגן און דערהויפּט אין די דערפער. אין פּאָדאָליער גובערניע זיינען געווען אַ סך יידישע ישובים אין די דערפער—און אַלע זיינען זיי אויסגעראָטן געוואָרן.

אַ געוויסע צאָל פּאָגראָמען זיינען אויך געמאַכט געוואָרן דורך אייניקע באָלשעוויסטישע מיליטער-טיילן: „טאַראַשטשאַנער דיוויזיע" און „בעסאַראַבער דיוויזיע". די פּאָגראָמען פון דער רויטער אַרמיי זיינען פּאָרגעקומען אין פּאָלגנדע פּונקטן: מינקאָווצי, יאַלטישקאָוו (לויט דער עדות פון ד"ר ש., אַ יידישער קאָמוניסט), אין ראַיאָן פון וואַפּניערקאָ, פּראָסקוראָוו (2 געהרגעטע), מיכאַלפּאָל. אין יולי-אַווגוסט האָט זיך דאָס שטעטל סאָלאָבקאָווצי געפונען צווישן דעם באָלשעוויסטישן פראָנט און דעם אוקראַינישן. עס זיינען געווען אָפטע פאַלן, ווען טיילן פון די ביידע פיינדלעכע אַרמייען האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי פאַרשיידענע עקן פון שטאָט און געראַבעוועט און געהרגעט די יידישע באַפעלקערונג. אייניקע יידן פון סאָלאָבקאָווצי זיינען פון שרעק אַראָפּ פון זינען.

אין טעאָפּיפּאָל (וואָל. גוב.), ניט ווייט פון פּראָסקוראָוו, זיינען יידן צוזאַמען מיט פויערים אַרויסגעטראָטן קעגן דער ראַטן-מאַכט. נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן דערשטיקט דעם אויפשטאַנד איז דאָרט פּאָרגעקומען אַ פּאָגראָם—דאָס שטעטל איז צעראַבירט געוואָרן און ביז 50 מענטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן.

אין ליטין האָט אַ באָלשעוויסטישע אָפּטיילונג נאָך דעם פּאָגראָם פון 15-טן מאַי אין אַ משך פון 2 וואָכן טעראָריזירט און געראַבעוועט די יידישע באַפעלקערונג.

אין אַלגעמיין האָבן די רויטע אַרמייער, וואו זיי האָבן שוין אפילו געמאַכט פּאָגראָמען, דאָס רוב באַנוגנט זיך בלויז מיט ראַבעווען—אין זעלטענע פאַלן האָבן זיי געהרגעט יידן.

נאָר דאָס אַלץ, וואָס איך באַשרייב דאָ, איז ממש אַ טראָפּן פון דעם ים יסורים און פּיין, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט אין משך פון זומער 1919. עס זיינען געווען פאַלן,

וואו די רוצחים האָבן געפּייניקט זייערע קרבנות מיט אזאַ ווילדן סאַדיזם, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר.

די געבראַכטע ידיעות גיבן נאָר אַ אויבנאויפיקע בלאַסע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס איז אין דער ווירקלעכקייט פאָרגעקומען אין דער פאַרפּלייצטער מיט בלוט פּאָדאָליע.

עס איז קיין וואונדער ניט דעריבער, אַז די יידישע באַ־פעלקערונג האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן, אַרומגעכאַפּט פון אַ טויט־שרעק.

אַ טייל איז צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס און איז אַריינ־געטראָטן אין דער רויטער אַרמיי, אַ גרויסע טייל אָבער האָט פאַר־לאָזט די הייזער, דעם פאַרמעגן, דאָס לעצטע ביסל בעבעכעס און האָט זיך געלאָזט, וואוהין די אויגן וועלן טראָגן. גאַנצע מחנות יידן האָבן געוואַנדערט איבער די וועגן, ניט וויסנדיק,וואוהין זיי גייען. צום סוף האָט זיך ביי דער יידישער באַפעלקערונג פון די קליינע שטעטלעך באַוויזן אַ שטרעבונג אַריבערצופאָרן אין גרעסערע שטעט (קאַמענעץ, ווינניצע, קיעוו, אָדעס א. אַז. וו.). מען האָט זיך געריסן צום דניעסטער, און פון דאָרט האָט מען גערעכנט אַרי־בערפעקלען זיך קיין בעסאַראַביע (רומעניע).

א ישוב פון א האלב מיליאן יידן איז אין משך פון א קלײנער צײט חרוב געװארן.

די פאַרבליבענע באַפעלקערונג איז אויסגעמאַטערטע, טעראָריזירט און ליידט שרעקלעכע נויט.

דאָס, וואָס די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן ניט באַוויזן צו פאַר־ענדיקן, האָט פאַרענדיקט דער פלעק־טיפוס, וועלכער האָט צוגע־נומען טויזנטער יידישע קרבנות.

די פּאָגראָמירטע יידישע באַפעלקערונג, ביי וועלכער מען האָט צעראַבירט ביז דעם לעצטן שנירל, אַפילו די לעצטע פּאָר וועש, האָט געלעבט אין שמוץ—און דאָס האָט מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון פלעק־טיפוס.

גאַנצע שטעטלעך האָבן געליטן הונגער. עס זיינען געווען פאַלן, ווען באָרוועסע, אָפּגעריסענע יידן זיינען פון קליין ביז

גרויס געגאַנגען אַרבעטן צו די פויערים אויף די פעלדער, כדי צו פאַרדינען אויף דעם טאָג חיונה.

די הילפס־אקציע פאר די געליטענע.

די שרעקלעכע פּאָגראָמען, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט, האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויזאַמע ירושה:

טויזנטער יתומים, הונדערטער אַלמנות, חרובע שטעט און שטעטלעך, געשענדעטע פרויען.

נאָך אַ גרויסע אָנשטרענגונג פון אַלע אַקטיווע כוחות פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָלטן געקענט עטוואָס פאַרגרינגערן און היילן די שרעקלעכע וואונדן פון די געליטענע.

אין קיעוו האָט זיך, נאָך אַ סך פאַרטייאישע רייבונגען, גע־בילדעט אין יאַנואַר 1919, נאָך דעם בערדיטשעווער און זשי־טאָמירער פּאָגראָם, אַ הילפס־קאָמיטעט אונטער דעם נאָמען „צענט־ראַלער יידישער־קאָמיטעט צו העלפן די יידן, וואָס האָבן געליטן פון די פּאָגראָמען".

פון די צוגעזאָגטע 5 מיליאָן רובל, וואָס די דירעקטאָריע האָט געשענקט פאַר די געליטענע, האָט דער צענטראַלער הילפס־קאָמיטעט באַקומען דורכן יידישן מיניסטעריום בלויז $1^1/_2$ מיליאָן; אויסערדעם איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן פּריוואַט לערך 400,000 רובל *). מ׳איז צוגעטראָטן צו דער הילפס־אַרבעט כאָטש מיט דער קליינער סומע. ניט לאַנג אָבער האָט געדויערט די אַלגעמיינע אַרבעט.

עס האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן רייבונגען אין קאָמיטעט און די לינקע זייַנען אַרויסגעטראָטן פון אים. די לאַגע פון קאָמי־טעט איז געוואָרן אַ שווערע. אַ אויסגעשפּראָכענער רעכטער קאָ־מיטעט האָט ניט געקענט עקסיסטירן בײַ דער ראַטן־מאַכט.

דער „קאָמוניסטישער בונד" האָט טאַקע גלייך צוגע־

*) ז. די יידישע אווטאָנאָמיע און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט אין אוקראַינע. קיעוו 1920, זייט—292, 291

שטעלט אַ „מעמאָראַנדום" צו די באָלשעוויקעס — און דער גורל פון קאָמיטעט איז דעצידירט געוואָרן. די ראַטן-מאַכט האָט אַרויסגע-געבן אַ דעקרעט צו פאַרמאַכן דעם קאָמיטעט. און אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך געגאָסן טייכן יידיש בלוט, איז פאַרמאַכט געוואָרן, אין מאַי 1919 יאָר, דער איינציקער אַנשטאַלט, וואָס האָט כאָטש וויפיל-ניט-איז געהאָלפן די פּאָגראָמירטע, וואָס האָט כאָטש עפּעס געטאָן.

דער אומגליק איז גרויס, אַלע טאָג קומען צו נייע קרבנות — און העלפן זיי איז ניט ערלויבט.

דאַן האָבן די טוער פון „יעקאָפּאָ", דער לינקער פליגל פון פאַרמאַכטן קאָמיטעט, אָנגעהויבן פאָדערן פון דער ראַטן-מאַכט, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ נייער אַנשטאַלט, וועלכער זאָל זאָרגן וועגן די געליטענע יידן. נאָר דאָ האָבן זיך אַרויסגעוויזן שפּאָל-טונגען.

דער „קאָמוניסטישער בונד" האָט ניט געוואָלט צולאָזן צו דער אַרבעט די יידישע סאָציאַליסטן, טוער פון „יעקאָפּאָ", „אָזע" א. אַז. וו. די באָלשעוויקעס ווידער, זיינען בכלל געווען קעגן שאַפן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט העלפן די פּאָגראָמירטע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די גאַנצע אַרבעט צו העלפן די יידן, וואָס האָבן געליטן פון די פּאָגראָמען, דאַרף אַרונטערפאַלן אונטער דער דיספּאָזיציע פון דער „אָפּטיילונג צו העלפן די קרבנות פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע" ביים „סאָבעז" (סאָציאַלע פאַרזאָרגונג).

מיר איז צופעליק אויסגעקומען אין דערדאָזיקער צייט צו זיין אין קיעוו און צו שמועסן מיט דעם פאַרוואַלטער פון דער „אָפּ-טיילונג צו העלפן די קרבנות פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע" אויף גאַנץ אוקראַינע מ—קאָ. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דערדאָזיקער מ—קאָ אַ יונגער מאַן אַ קריסט, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין שום אַנונג וועגן אַזאַ מין אַרבעט בכלל, און צווישן דער יידישער באַפעלקערונג בפרט — און אים האָט מען עס איבער-געגעבן אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן.

נאָך זיין מיינונג איז אויסגעקומען, אַז די גרעסטע „געפאַר"

פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איז די „נאַציאָנאַליסטישע" פּאָליטיק פון „קאָמוניסטישן בונד", וועלכער האָט געפאָדערט אַ זעלבשטענדיקע יידישע סעקציע ביי דער „אָפּטיילונג צו העלפן די קרבנות פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע".

נאָך אַ סך אונטערהאַנדלונגען האָט זיך איינגעגעבן צו בילדן אַזאַ סעקציע, אין וועלכער עס האָבן געקענט אַריינגיין נאָר קאָמוניסטן. אָבער אויב אין קיעוו איז דאָס געווען גאַנץ לייכט צו רעאַליזירן, איז אין וויניצע — צו יענער צייט דער צענטער פון פּאָדאָליע — אָנגעקומען דאָס זייער שווער, און אין דער פּראָווינץ איז דאָס שוין פּשוט לעכערלעך אויסגעקומען.

מיר איז אין יענער צייט אויסגעקומען זיך צו טרעפן אין ל - ט י ן מיט אַ אינסטרוקטאָר פון „יעווסעקציע" (יידישע סעקציע). דערדאָזיקער אינספּעקטאָר האָט געהאַט ביי זיך געלט צו צעטיילן דער געליטענער באַפעלקערונג און האָט עס געוואָלט איבערגעבן די ליטינער יידישע בלל-טוער. אָבער די טוער האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט נעמען דאָס געלט.

אַ גרויסן פּלאָנטער האָט אַריינגעבראַכט אין דער אַרבעט די איינצייטיקע עקסיסטענץ פון 2 אַנשטאַלטן: „די יידישע סעקציע" און די אָפּטיילונג פון „רויטן קרייץ", וועלכע האָבן אייגנטלעך געדאַרפט טאָן איינע און דיזעלבע אַרבעט.

די אָפּטיילונג פון רוסישן „רויטן קרייץ" צו העלפן די יידישע קרבנות פון די פּאָגראָמען האָט זיך געבילדעט, נאָכדעם ווי מ'האָט פונאַנדערגעלאָזן דעם „פּאָגראָם-קאָמיטעט", לויט דער איניציאַטיוו פון די רעכטע סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטישע טוער.

די יידישע קאָמוניסטן האָבן גלייך אָנגעהויבן קוקן קרום אויף דער אַרבעט פון „רויטן קרייץ" און גענומען שטערן אויך אים אין זיין אַרבעט אויף וויפיל זיי האָבן נאָר געקענט.

זומער 1919 איז מיר אויסגעקומען אַרומצופאָרן אַלס באַפולמעכטיקטער פון „רויטן קרייץ". איבער פּאָדאָליער גובערניע, מיין אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות, מחמת מיר פלעגט אויסקומען צו באַזוכן די שטעטלעך, אַרום וועלכע עס פלעגן

פאַרקומען אויפשטאַנדן. די געלט-מיטלען פון „רויטן קרייץ" זיי- נען געווען גאַנץ באַגרעניצטע, קיין הילף פון די ראַטן-אַנשטאַלטן האָבן מיר, פאַרשטייער פון „רויטן-קרייץ", ניט באַקומען — און די נויט צווישן די געליטענע איז אין דערזעלבער צייט געווען זייער גרויס.

ווען אין יולי איז וויניצע געווען אין פאַגראָם-געפאַר, בין איך אַוועקגעפאָרן אין קיעוו און האָב אָנגעהויבן פאָדערן פון „רויטן- קרייץ" מער מעגלעכקייטן דורכצופירן די שווערע און פאַראַנט- וואָרטלעכע אַרבעט.

קיין פאָזיטיוון ענטפער האָב איך אָבער ניט באַקומען. מען האָט מיר נאָר געגעבן אַ ביסל וועש, וועלכע איך האָב מיט גרויס מאַטעריעלע איבערגעפירט קיין וויניצע. קיין געלט האָט מען מיר אָבער ניט געגעבן בסך-הכל האָב איך באַקומען 300,000 ראַטן- רובל כמעט פאַר דער גאַנצער פאָדאָליער גובערניע.

און אַלע אַנשטאַלטן, וואָס עס זיינען געגרינדעט געוואָרן (וויניציע, ליטין, קאַלינאָווקע, אָרינין), האָבן זיך אין דעם איבער- גאַנגס-פעריאָד פאַרמאַכט, פון זיי איז בלויז געבליבן דער „קינ- דער-היים", וועלכער עקסיסטירט עד היום אין פראָסקוראָוו.

די היימלאָזע האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער לאַגע. אין וויניצע אַליין האָבן זיך געפונען טויזנטער היימלאָזע, וועלכע מען האָט געקענט העלפן נאָר מיט אַ ברייטער הילפס-אַקציע. דער פלעק-טיפוס האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן די אַנטלאָפענע און בכלל צווישן די צעראַבירטע יידן אין די קליינע שטעטלעך.

מחנות יידן האָבן זיך געוואַלגערט אין די פאַרשיידענע גע- זעלשאַפטלעכע געביידעס אין וויניצע און האָבן נאָך מערער פאַר- שפּרייט די קראַנקהייטן.

אַ סך יידן, דערהויפּט די יתומים און די אַלמנות פון די הרוגים, האָבן זיך געוואַלגערט אין די וועלדער און פלעגן בעטן נדבות ביי די פויערים, וועלכע פלעגן אַמאָל רחמנות האָבן אויף זיי און געבן זיי עטוואָס.

און דער איינציקער אַנשטאַלט, וואָס האָט יאָ פאַרמאָגט גענוג

געלט דערצו—„יעווסעקציע"—איז ניט נעווען פעאיק צו אַנטוויקלען אַזאַ גרויסע הלפס=אַקציע.

איך האָב זיך געווענדט, אַלס פאָרשטייער פון „רויטן קרייץ", צו דער וויניצער „יעווסעקציע" מיט אַ בקשה, זי זאָל מיר אנטלייען אַ מיליאָן רובל, אָן וועלכע עס איז אוממעגלעך געווען דורכפירן די אַרבעט. די אָרטיקע טוער פון „יעווסעקציע" האָבן געוועזט איינגעשטימט אויף דעם, נאָר דער צענטער האָט קאַטעגאָריש פאַרבאָטן אַרויסגעבן אַ הלוואה דעם רויטן קרייץ.

די רעזולטאַטן דערפון זיינען געווען, אַז בעת דער עוואַקואַציע פון יאָר 1919 האָט די „יעווסעקציע" אַרויסגעפירט מיליאָנען געלט, וועלכע זי האָט ניט באַוויזן אויסצוניצן.

אין דעמדאָזיקן פעריאָד, אין חודש יוני, האָט זיך ביים יידישן מיניסטעריום אין קאַמענעץ געגרינדעט אַ יידישער צענטראַל=קאָמיטעט פאַר די פּאָגראָם=געליטענע.

אין קאָמיטעט זיינען געווען פאַרטראָטן פאַרשיידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע גרופּן (אחדות, ציוניסטן, צעירי=ציון, בעלי=מלאָכות, פועלי=ציון, פאַראייניקטער בונד און צענטראַל=ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען).

די געלט־מיטלען האָט דער צענטראַל=קאָמיטעט באַקומען פון דער אוקראַינישער רעגירונג.

דער צ. ק. האָט געאַרבעט אויף דער טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט דעם אוקראַינישן חייל. פאַר די פּראָסקוראָווער געליטענע איז ספּעציעל אַסיגנירט געוואָרן 2,0000,000 גריוונעס. די פּראָסקוראָווער קהילה האָט לכתחילה ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט פון דער אוקראַינישער רעגירונג, וועלכער זיי האָבן געהאַלטן פאַר שולדיק אין דעם גרויסן פּראָסקוראָווער אומגליק, נאָר נאָכדעם האָט זי מסכים געווען צו נעמען דאָס געלט און שפּעטער האָט זי אַפילו גענומען נאָך געלט פון צ. ק.

די שטימונגען פון דער יידישער באפעלקערונג ביי דער ראטן־מאכט.

זומער 1919.

אין אזא מין גיהנום איז קיין וואונדער ניט, וואס די שטי־מונג ביי די יידישע באפעלקערונג אין אוקראינע איז געווען אין זומער 1919 א שרעקלעכע.

פאגראמען, פאגראמען און פאגראמען אן א סוף... און דער עיקר — ס'זעט זיך גארניט קיין האפענונג אויף בעסערס. א טייל פון דער אינטעליגענץ פעקלט זיך אריבער קיין גרויס־רוסלאנד, אבער דאס איז בלויז א אומבאדייטנדיקער טייל פון דער יידישער בא־פעלקערונג.

און מ'קומט ביסלעכוויז צו דער איבערצייגונג, אז עס איז ניטא פון וועמען צו ערווארטן קיין הילף.

פון איין זייט די אוקראינישע ארמיי, וועלכע נוצט אויס איר אנגריף צו מאכן יידישע פאגראמען; דערנאך די „פאוווסטאנצעס", וואס טעראריזירן און פארטיליקן די יידישע באפעלקערונג; און פון דער אנדער זייט — א פולשטענדיקע מאכטלאזיקייט פון דער ראטן־מאכט. אין לאנד הערשט א פולקומע אנארכיע. און בשעת גרעסע־רע שטעט ווערן גאך פיל־וויניקער פארטיידיקט, זיינען די קליינע שטעטלעך לגמרי הפקר.

עס גיט זיך ניט איין אפילו צו ארגאניזירן הילף פאר די פאגראם־געליטענע.

די גאנצע יידישע באפעלקערונג איז דורכגעדרונגען מיט פאגראם־שרעק.

די נערוואזיטעט און אויסגעמאטערטקייט נעמען אן זייער א שארפן כאראקטער.

די יאוש־שטימונג כאפט ארום ניט נאר דעם יידן פון א גאנץ־יאר, נאר אויך ערפארענע פאליטישע און געזעלשאפטלעכע טוער.

מיר איז אויסגעקומען אין יענער צייט צו גיין אויף א

באַראַטונג פון אָנגעזעענע יידישע כלל־טוער אין קיעוו. מען האָט זיך געפּרובט צונויפריידן וועגן דער פראַגע פון זאַמלען פּאָגראָם־מאַטעריאַל און אויך באַטראַכטן די פראַגע וועגן די שולדיקע אין די פּאָגראָמען.

די שטימונג איז געווען אויף דער באַראַטונג זייער אַ געדריקטע.

— וואָס ווייסן מיר, האָט איינער געזאָגט — צי מיר וועלן איבערלעבן דעם יאָר? לאָמיר אָפּדרוקן דעם מאַטעריאַל פון די פּאָגראָמען, וועט כאָטש עפּעס דערגיין צו די קומענדיקע דורות.

קיינעם האָט זיך ניט געגלויבט, אַז מען וועט איבערלעבן די פּאָגראָם־כוואַליע.

ווען מיר פלעגט אויסקומען, אַלס באַפולמעכטיקטער פון „רויטן־קרייץ", צו פאָרן אין ראַיאָן אַריין, האָט מען זיך מיט מיר געזעגנט, פּונקט ווי איך וואָלט אַוועקגעפאָרן אויף מלחמה.

און אין דערזעלבער צייט האָבן די יידישע קאָמוניסטן אָנגעהויבן פירן אַ פּאָליטיק פון העגעמאָניע אויף דער יידישער גאַס. זיי האָבן געווירקט, אַז עס זאָלן ליקווידירט ווערן די קהלות און דער „קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע פון די פּאָגראָמען" און פאַרבירט פאַרמאַכן „יעקאָפּאָ" (קאָפּע), ניט דערלאָזנדיק, אַז אין די קאָלעגיעס פון די יידישע סעקציעס צו העלפן די יידישע געליטענע פון פּאָגראָמען זאָלן נעמען אַן אָנטייל די יידישע סאָציאַליסטן.

עס האָבן ניט געהאָלפן די פּראָטעסטן פון די יידישע סאָציאַליסטן אויף די מיטינגען (קיין פרעסע האָבן שוין דאַן די יידישע סאָציאַליסטן ניט פאַרמאָגט).

די יידישע קאָמוניסטן האָבן איבערגענומען אויף זיך די גאַנצע אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג; אָבער ווייטער פון ווערטער זיינען זיי ניט געגאַנגען, מחמת זיי זיינען ניט געווען אומשטאַנד דורכצופירן אַזאַ גראַנדיעזע אַרבעט מיט אייגענע כוחות.

די לאַגע ווערט דערווייל אַלץ ערגער. עס באַקומען זיך אויך ידיעות וועגן אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן געוויסע טיילן

פון דער רויטער אַרמיי, עס באַשטעטיקן זיך די ידיעות וועגן עקס-צעסן מצד דער רויטער אַרמיי.

די שטימונג פאַלט ביסלעכווייז אויך ביי די „קאָמפּאַרבאַנ-דיסטן", איבערהויפּט ביי די פּראָווינץ-טוער.

ס'הייבן אָן אָנצוקומען אומרואיקע ידיעות וועגן דעניקינס אָנגריף אויף אוקראַינע, וועלכער האָט שוין געהאַט פאַרנומען כאַרקאָוו און דערנעענטערט זיך צו קיעוו.

עס שפּירט זיך, אַז די ראַטן-מאַכט אין אוקראַינע פאַלט און עס רוקט זיך אָן די פינסטערע רוסישע רעאַקציע, וואָס טראָגט מיט זיך נייע יידישע פּאָגראָמען.

די באָלשעוויקעס פאַרלירן דעם באָדן אין אוקראַינע און הייבן זיך אָן צו עוואַקואירן.

פיל „קאָמפּאַרבאַנדיסטן" באַשליסן—ניט צו עוואַקואירן זיך מיט די באָלשעוויקס און פאַרבלייבן אין פּאָדאָליע.

איך האָב זיך צו יענער צייט געפונען אין פּראָסקוראָוו, וואו איך האָב אָרגאַניזירט, אַלס פאָרשטייער פון „רויטן קרייץ", הילף פאַר דער געליטענער יידישער באַפעלקערונג.

די באָלשעוויקעס האָבן, אונטער דעם אָנגריף פון די אוק-ראַינער, וועלכע זיינען דאַן אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט די גאַ-ליטשאַנער*), געמוזט פאַרלאָזן פּראָסקוראָוו.

איך און נאָך אייניקע חברים באַשליסן, נאָך לאַנגע ישוב-הדעתן, צו בלייבן אין פּראָסקוראָוו.

דער וועג צווישן פּראָסקוראָוו און זשמערינקע איז איבער-געריסן. עס איז כמעט אוממעגלעך צו פאָרן מיטן באַן, ווייל די רויטע אַרמייער טעראָריזירן יידן, איבערהויפּט אין ציווילע קליי-דער. אויסערדעם האָב איך אַ אינסטרוקציע פון „הויפּט קאָמיטעט" פון „רויטן-קרייץ" אין קיעוו—ניט פאַרלאָזן דעם ראַיאָן, ווייל דאָרט וועלן אַריינקומען די אוקראַינער און זעען אָפּהיטן די אַנשטאַלטן.

---

*) די גאַליצישע רעגימענטן האָבן געמוזט זיך עוואַקואירן פון גאַ-ליציע אונטער דעם דרוק פון פוילישן חייל. זיי זיינען אריין אין פּאָדאָליע און צוגעשטאַנען צו די אוקראַינער.

עס בלייבן אויך אין פראָסקוראָוו אייניקע „קאָמפּאַרבאַנד"־מיטגלידער.

אַ שווערן טאָג און אַ שווערע נאַכט האָט איבערגעלעבט די פּראָסקוראָווער יידישע באַפעלקערונג פאַר דעם אַריינקומען פון די אוקראַינער.

די דעמאָראַליזירטע טיילן פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיך פאַרנומען מיט רויבערייען. עס זיינען אויך געפאַלן פון זייערע הענט 2 יידישע קרבנות. פונדעסטוועגן האָבן זיך די יידן די גאַנצע צייט ניט באַהאַלטן. פאַרקערט, אַלע מאַנסבילן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון די הייזער און מחנותווייז געגאַנגען איבער די גאַסן אַ גאַנצע נאַכט.

רואיק און שטיל זיינען אין סוף אַווגוסט אַריינגעגאַנגען קיין פּראָסקוראָוו די גאַליצישע טיילן.

לויט דער אָנווייזונג פון איינעם אַ גאַסן פּרוי, האָבן די הייַדאַמאַקעס, וועלכע זיינען אויך אַריין אין שטאָט, דערהרגעט אַ יידישן יונגנמאַן. אין אַלגעמיין איז אָבער געווען שטיל.

דערווייל קומען אָן פון קאַמענעץ־פּאָד. אַגענטן פון דער „קאָנטר־ראַזוועדקע" און זוכן אין פּראָסקוראָוו קאַמענעצער יונגעלייט, וועלכע זיינען אַנטלאָפן אין יוני צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס.

איך און נאָך אייניקע חברים האָבן זיך 8 טעג באַהאַלטן אין פּראָסקוראָוו.

דערווייל דערוויסט מען זיך אין קאַמענעץ, אַז מיר געפינען זיך אומלעגאַל אין פּראָסקוראָוו, און אַ דאַנק די אָנגענומענע מיטלען דורך דאָס יידישע מיניסטעריום באַקומען מיר די מעגלעכקייט צו קומען קיין קאַמענעץ־פּאָד.

איך פאָר צוריק קיין קאַמענעץ און דאָ הייבט זיך אָן אַ ניי בלעטל געשיכטע.

אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק איז זייער רואיק. אַלע פּאַרטייען אַרבעטן. יידן מאַכן געשעפטן, מען פאַרדינט געלט. דעם פּאָגראָם האָט מען שוין כמעט פאַרגעסן. מיר דוכט זיך אויס, ווי איך וואָלט קומען פון אַ אַנדער וועלט. מען בעט מיך אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע און וועגן די שטימונגען צווישן די יידישע קרייזן פון יענעם זייט פראָנט.

איך דערציילן זיי, אז אויף יענער זייט פראָנט קוקט מען אויף די „אוקראַינער", ווי אויף „פעטליוראָווצעס" — פאָגראָמשטשי־קעס — און ווער עס קען נאָר, איבערהויפט פון דער יידישער אינטעליגענץ, טרייסלט זיך אָפּ פון זיי. צו די יידישע כלל־טוער, וואָס נעמען אַן אָנטייל אין דער אוקראַינישער רעגירונג, באַציט מען זיך מער ווי נעגאַטיוו.

נאָר אין קאַמענעץ, דערוויס איך זיך, איז גאָר אַן אַנדער שטי־מונג. אין דער צייט, וואָס איך בין ניט געווען, איז פאָרגעקומען אַ געוויסע דערנענטערונג צווישן די אוקראַינער און די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. אין יידישן־מיניסטעריום נעמען אַ אַק־טיוון אָנטייל „פאָלקס־פאַרטיי", „פועלי־ציון" און „פאַראייניקטער בונד". צווישן די מיטאַרבעטער זיינען פאַראַן אַ סך ציוניסטן. מען פרובירט מיך אויך צוציען צו דער אַרבעט און מען לייגט מיר פאָר אַ פאָסטן אין יידישן מיניסטעריום. פאַר מיר איז דאָס אָבער אַלץ אַזוי פרעמד און איך זאָג זיך אָפּ צו נעמען וועלכע עס איז אָנטייל אין יידישן מיניסטעריום ביז די פאַרטיי־קאָנ־פערענץ וועט קלאָר מאַכן דעם ענין.

די יידישע לאַגע אין דעם „קאַמענעצער" פעריאָד פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפובליק.

נאָך דעם קאַמענעצער פאָגראָם (3־6 יוני) איז די שטימונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג פון קאַמענעץ אַ לענגערע צייט געווען זייער אַ געדריקטע. דער אַקטיווער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נאָך ניט געהאַט באַרויִקט. עס האָט געהערשט אַ שרעקלעכער טעראָר. מען האָט געכאַפּט יידן, זאָגאַר 70־יאָריקע זקנים, צו דער אַרבעט. אַז אַ ייד פלעגט, דערזעענדיק אין גאַס אַ „היידאַמאַק" מיט אַ רויטן פראַנז אויף דעם היטעלע, פלעגט ער אים מיט גרויס פּחד אָפּטרעטן דעם וועג.

פון דער פּראָווינץ זיינען די ידיעות אויך ניט געווען קיין פריילעכע. איבער די וועגן האָבן געלויערט באַנדעס רוצחים און ס'איז געפערלעך געווען צו דערווייטערן זיך אויף אַ פּאָר ווערסט פון שטאָט.

די „קאָנטר-ראַזוועדקע" האָט געאַרבעט אויף אַלע כּלים: מען האָט אַרעסטירט אָן שום גרונד און לחלוטין אומשולדיקע יידן זיינען געזעסן אין די טורמעס פון קאַמענעץ און פון דער פּראָווינץ.

דערהיפּט האָט טעראָריזירט דעם יידישן עולם דער רעגי-מענט, וואָס האָט זיך גערופן — „Курень смерти".

אַז מען פלעגט כאַפּן יידן אין גאַס, פלעגט מען זיי אַכזריות-דיק שלאָגן.

אין דעמדאָזיקן פּעריאָד האָט זייער פיל געהאָלפן אין דער שווערער לאַגע די יידישע קהילה. גאַנץ ערנערגיש האָט דער פאָרזיצער פון דער קהילה ל. קליידערמאַן (אחדות) פאַרטיידיקט די יידן פאַר דער מאַכט.

מיט דער הילף פון דעם יידישן מיניסטעריום האָט די קהילה מציל געווען פון טויט זייער פיל יידן.

קיין נאָרמאַלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ביי אַזאַ צושטאַנד, איז געווייגלעך ניט געווען מעגלעך.

דער פּראַכטפולער לאָקאַל פון „אַרבעטער-קלוב", די לאָקאַלן פון דער קולטור-ליגע זיינען געווען פולקום צעראַבירט און צו-רואינירט.

אַזאַ מין לאַגע האָט געדויערט, ביז עס זיינען אַוועקגעגאַנ-גען די מיליטערישע טיילן מיט זייערע „אַטאַמאַנדלעך", און ווע-מעס הענט עס איז געלעגן די פּאַקטישע מאַכט.

עס איז געווען אַ גוואַלטיקער ווידערשפּרוך צווישן די דע-מאָקראַטישע דעקלאַראַציעס און הבטחות פון דער נייער סאָצי-אַליסטישער רעגירונג—און דערווירקלעכקייט, ווייל זי איז ניט געווען בכּוח צו ענדערן די געשאַפענע לאַגע.

די סאָציאַליסטישע קרייזן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום

דעם נייעם „סאָציאַליסטישן קאַבינעט״ *), האָבן מיט אַלע כּוחות געשטרעבט צו באַקומען די סימפּאַטיעס פון די יידישע מאַסן און זיינען אַריין אין אונטערהאַנדלונגען מיט די יידישע סאָציאַליסטן. א באַזונדערע אַקטיוויטעט האָבן אין דער הינזיכט אַרויסגעוויזן די לידערס פון דער אוקראַינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי טשעכאָווסקי, מאַזעפּע, בעזפּאַלקאָ און פעדענקאָ).

כּדי צו באַרואיקן די יידישע באַפעלקערונג און איבער־הויפּט כּדי צו ערווערבן די סימפּאַטיע פון די יידישע אַרבעטער, האָט דאָס מיניסטעריום פון אַרבעט, בראש פון וועלכן ס'איז דאַן געשטאַנען בעזפּאַלקאָ, צונויפגערופן אַ מיטינג, אויף וועלכן עס זיינען אַרויסגעטראָטן אוקראַינישע סאָציאַליסטן, יידישע סאָצי־אַליסטן און אַ צעירי־ציוניסט.

די אוקראַינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן גערופן די יידישע מאַסן צו אַקטיווער אַרבעט און צו אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן די שוואַרצע כּוחות.

די יידישע כלל־טוער, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן אויף דעם מיטינג, האָבן אָנגעוויזן אויף דעם שרעקלעכן טעראָר, וואָס הערשט נאָך בנוגע צו יידן.

דאַן איז אויפגעקומען דער געדאַנק צו שיקן אַ דעלעגאַציע צום פּאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע, פּעטליורע.

אין דער דעלעגאַציע האָבן אָנטייל גענומען: דער קאַמענע־צער רב, אַ פאָרשטייער פון אַחדות, פון די ציוניסטן, פון די בעלי־מלאכות (פאָלקס־פּאַרטיי), פּועלי־ציון און פאַראייניקטער בונד **). אַלע אָנטיילנעמער פון דער דעלעגאַציע האָבן אונטערגע־

---

*) דער נייער סאָציאַליסטישער קאַבינעט האָט זיך געבילדעט אין אָונע אין אפּריל 1919.

**) די פאַראַנטוואָרטלעכסטע טוער פון „פאַראייניקטן בונד״ זיינען אָפּגעטראָטן מיט די באָלשעוויקעס און צו דער צייט זיינען זיי ניט געווען אין קאַמענעץ.

אין נאָמען פון „פאַראייניקטן בונד״ איז אַרויסגעטראָטן ב—ד. נאָך דער פּאַרטיי קאָנפערענץ פון אויגוסט 1919 ווערט ער אַ פאָלקס־פּאַרטייניק. שפּעטער נעמט ער אַ אָנטייל אין דער אוקראַינישער דעלעגאַציע אין וואַרשע.

שטראָכן, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז ניט קעגן דער אידעע פון דער „אוקראַינישער מלוכהשאַפט“, נאָר די פּאָגראָמען, וואָס ווערן געמאַכט דורך דעם אוקראַינישן מיליטער, האָבן געשטויסן די יידישע באַפעלקערונג אין די רייען פון די באָלשעוויקעס.

די דעלעגאַטן האָבן אויך געפאָדערט, עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די בלוט־פאַרגיסונג און דער טעראָר בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג.

נאָך די אַלע שריט איז די אַטמאָספער געוואָרן עטוואָס לייכטער. יידן האָבן אָנגעהויבן פאָרן איבער די וועגן און אויף די באַנען. דאָס לעבן האָט אָנגעהייבן ווערן מער אָדער ווייניקער נאָרמאַל.

אַ געוויסע דערנענטערונג צווישן די יידישע און אוקראַינישע סאָציאַליסטישע קרייזן איז פאָרגעקומען נאָכדעם, ווי די גאַליצישע אַרמיי איז צוגעשטאַנען צו די אוקראַינער און מיט איר הילף פאַרנומען אַ שטיק אוקראַינע כמעט אָן עקסצעסן (פּראָסקוראָוו, וויניצע, בערדיטשעוו).

דאַן הייבט זיך אָן די געשיכטע „דעניקין“. דעניקין פאַרנעמט קיעוו און זעצט פאָר דעם ווייטערדיקן מאַרש אויף אוקראַינע. עס הייבן זיך אָן נייע שחיטות, שוין מצד דעניקינס מיליטער, אין קיעוו און אין פאַסטאָוו.

דער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און די אוקראַינער האָט זיך פאַקטיש אָפּגעשטעלט *).

די יידישע פּאָליטישע גרופּן פון דעם טייל אוקראַינע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורך די אוקראַינער, האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַקטיוויטעט.

סוף אווגוסט איז פאָרגעקומען אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק די קאָנפערענץ פון „פאַראייניקטן בונד“. אויף דערדאָזיקער קאָנפערענץ זיינען געווען פאָרגעשטעלט די פאַראייניקטע און בונד פון קאַ־

*) זע ז. 129, 1.8 Вильна Украiна, Львив

מענעץ־פּאָדאָלסק, פּראָסקוראָוו, מאָהילעוו־פּאָד., ליטין, הייסין, האָראָדאָק, יאַרמאָלינעץ און נאָך אַנדערע פּונקטן.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן דער אַל־געמיינער פּאָליטישער לאַגע און וועגן דער יידישער פראַגע. אין די רעזאָלוציעס איז געוואָרן געזאָגט, אַז די יידישע סאָציאַליסטן זיי־נען גרייט צו גיין מיט די אוקראַינישע סאָציאַליסטן נאָר דאַן, ווען די אוקראַינישע סאָציאַליסטן וועלן זיך קלאָר און דייטלעך אָפּטיילן פון די קליינבירגערלעכע רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס האָבן געבראַכט אַזויפיל אומגליקן אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

דער „פאַראייניקטער בונד" האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער דיקטאַטור פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן מיט זייער קורצ־זיכטיקער פּאָליטיק אין אוקראַינע געבראַכט צו אַ פולקומער רו־אינירונג פון לאַנד און האָבן צוגעגרייט אַ גינסטיקן באָדן פאַר דער קומענדיקער רעאַקציע. דער „פאַראייניקטער בונד" האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט קעגן דער אַנטאַנטע, וואָס שטיצט אויף דער טעריטאָריע פון דער געוועזענער רוסלאַנד אַלע רעאַקציאָנערע כוחות.

די קאָנפערענץ האָט אויך געפאָדערט, עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן דער פּאָליטישער טעראָר.

עס מוז געמאַכט ווערן אַ סוף צו די פּאָגראָמען און די שולדיקע, אָן אויסנאַם, מוזן באַשטראָפט ווערן, די צורואינירטע יידישע שטעט און שטעטלעך מוזן אויפגעשטעלט ווערן.

פון דעם יידישן מיניסטעריום האָט די קאָנפערענץ געפאָדערט אַז עס זאָל זיך בלויז צוהערן צו די שטימען פון דער יידישער דעמאָקראַטיע. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וועגן פאַראייניקונג. אויף דער קאָנפערענץ איז אויסגעוויילט גע־וואָרן אַ הויפּט־ביוראָ, אין וועלכער עס זיינען אַריין אויך פּראָס־קוראָווער, וויניצער, מאָהילעווער און הייסינער ראַיאָנען.

נאָך דער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון שטאָט־טעאַטער אַ פייערלעכע זיצונג. עס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט באַגריסונגען בעזפּאַלקאָ, סאָציאַל־דעמאָקראַט, גאַליטשאַנין, און אין נאָמען פון דער „אוקראַינישער סאָציאַליסטישער רעגירונג" האָט

ער אָנערקענט די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען פון דעם „פאַר־אייניקטן בונד".

דער יידישער מיניסטער קראַסני האָט געמאָלדן, אַז זיין מיניסטעריום וועט זיך צוהערן נאָר צו דער שטימע פון דער יידישער דעמאָקראַטיע. עס זיינען אויך אַרויסגעטראָטן פאָרשטייער פון צ. ק. און פון קאָמענעצער קאָמיטעט פון דער אוקראַינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פון צ. ק. פון די אוקראַינער סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, פון פועלי־ציון, פון דער „דערזשאַווני אינספעקטאָר (אַ ספּעציעלער אָרגאַן אָפּצוהיטן די אָרדענונג אין דער אַרמיי), פון דער „פאָלקס־פּאַרטיי", פון קולטור־ליגע און פון די בעלי־מלאכות.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון „פועלי־ציון". אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען פאָרגעשטעלט: וויניצע, פראָסקוראָוו, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, מאָהילעוו, ליטישעוו און אַנדערע.

אין דעם פעריאָד איז אויך פאָרגעקומען אַ גובערניאַלע קאָנפערענץ פון גאַנץ פּאָדאָליע פון די ציוניסטן און צעירי־ציון. זייער שטעלונג צו דער אוקראַינישער באַוועגונג איז אויך געווען אַ פּאָזיטיווע, נאָר דאָ האָט זיך געפילט אַ שאַרפע אָפּאָזיציע קעגן יידישן מיניסטעריום. אויף דער פייערלעכע זיצונג האָבן זיי איינגעלאַדן די רעגירונג און די פאָרשטייער פון די אוקראַינישע פּאַרטייען. געקומען באַגריסן זיינען בלויז די סאָציאַליסטן־פעדעראַליסטן (אוקראַינישע קאַדעטן).

נאָך דער קאָנפערענץ פון „פאַראייניקטן בונד" און „פועלי־ציון" האָבן די אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געמאַכט פאַרשיידענע פּרובן צוצוציען צו דער רעגירונג פאָרשטייער פון די יידישע דעמאָקראַטישע קרייזן. קיין אַלגעמיינע שטעלונג צו דער־דאָזיקער פראַגע האָבן די יידישע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע גרופּן ניט געהאַט. נאָר יעדערע האָט געאַרבעט אויף איר אייגענער אחריות.

אַזוי האָבן די פועלי־ציון גענומען פאַר זיך דעם פּאָסטן פון געהילף־מיניסטער פון אַרבעט (גאָלדעלמאַן) און די פאָלקס־פּאַרטיי — געהילפס־מיניסטער פון פאָלקס־ווירטשאַפט (סאָלאָדאַר).

אויף די מלוכה־בּאראטונגען, וועלכע זיינען איינציקע מאָל צונויפגערופן געוואָרן אין קאָמעניץ, אין הארבסט 1919, האָבן זיך באטייליקט פון די יידישע פּארטייען: „צעירי־ציון", „פאָלקס־פּארטיי", „פועלי־ציון" און „פאראייניקטער בונד". דיזעלבע פּאַרטייען האָבן דעקלארירט אָפיציעל זייער שטעלונג צו דער „אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובּליק".

די „צעירי־ציון" און די „פאָלקס־פּארטיי" האָבן זיך ארויס־געזאָגט פּאָזיטיוו פאַר דער אוקראַינישער מלוכהשאַפט.

אויף דערזעלבער בּאראטונג איז אַרויסגעטראָטן דער פאָר־שטייער פון „פאראייניקטן בונד" אין נאָמען פון זיין אָרגאַניזאַציע און אין נאָמען פון „פועלי־ציון" און האָט באַטאָנט, אַז די יידי־שע סאָציאַליסטן בּאַציען זיך פּאָזיטיוו צו דער אוקראַינישער פאָלקס־באַוועגונג בכלל, נאָר נאָך דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין אוק־ראַינע, נאָך די בלוטיקע פּאָגראָמען, קען מען פון זיי מערער איבערגעגעבנקייטן, ווי זיי האָבן אַרויסגעוויזן, ניט פאָדערן; זיי האָבן געטאָן נאָך מער ווי זיי האָבן געקענט.

* * *

אין אַלגעמיין איז דער־דאָזיקער פּעריאָד, אין משך פון חודש אַווגוסט, ווען די גאַליטשאַנער האָבן זיך באַוויזן אין אוקראַינע, ביז נאָוועמבער (די עוואַקואַציע פון די אוקראַינער) געווען מער אָדער ווייניקער אַ גינסטיקער און אַ רואיקער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוויסע אויפלעבונג אין דעם מסחר, יידן זיינען געפאָרן פריי אויף די וועגן און אויף די באַנען, די בעלי־מלאכות האָבן געהאַט אַרבעט. ביז 200 יידישע יונגעלייט און פרייוויליגע האָבן געאַרבעט אין יידישן מיניסטעריום, אין צ. ק. צו העלפן די געליטענע פון די פּאָגראָמען און אין אַנדערע מיניסטעריומס.

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט אויך אָנגעהויבן פולסירן מיט אַ גרעסערן טעמפּ.

די פּאָגראָם־כוואַליע האָט זיך במעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

קאַמענעץ-פּאָדאָלסק איז געוואָרן אַ צענטער פון גאַנצן געגנט. פון פאַרשיידענע ווינקלען פון אוקראַינע, וואָס ליגט איבן רעכטן זייט דנעפּער, האָבן אָנגעהויבן צו קומען פאַרשיידענע יידישע דעלעגאַציעס, ביטעס, פאָדערונגען א. אַז. וו.

קאַמענעץ האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַ סך גרעסערע פונקטן פון דעם טייל אוקראַינע: בערדיטשעוו, אומאַן (קיעווער גוב.), אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו, שעפּעטאָווקע, טעאָפּיפּאָל, פּאָלאָנאָע (וואָלינער גוב.), פּראָסקוראָוו, זשמערינקע, וויניצע, מאָהילעוו, ליטין, הייסין, בראַצלאַוו, מעדשיבאָזש, ליטיטשעוו, א. אַז. וו. (פּאָדאָליער גוב.).

ניט קוקנדיק אָבער אויף דער אויסערלעכער רואיקייט און דער פאַרהעלטענישמעסיקער אָרדענונג, האָט די אוקראַינישע און גאַליצישע קאָנטר-ראַזוועדקע ניט אָפּגעשטעלט אירע רעפּרעסיעס.

די אוקראַינישע קאָנטר-ראַזוועדקע האָט איינמאָל זאָגאַר געהאַט אַרעסטירט גאָלדעלמאַנען (געהילף-מיניסטער) אין זשמערינקע.

אין קאַמענעץ איז אויך צוויי מאָל אַרעסטירט געוואָרן דער פאָרזיצער פון הויפּט-ביוראָ פון „פּאַראייניקטן בונד".

איבערהויפּט האָט די קאָנטר-ראַזוועדקע געווילדעוועט בנוגע די יידישע סאָציאַליסטן. און אין פּראָווינץ איז די לאַגע געווען נאָך ערגער, ווי אין קאַמענעץ, וואו די יידישע סאָציאַליסטן זיינען, אונטערן שוץ פון יידישן מיניסטעריום, געווען מער אָדער ווייניקער זיכער.

דאַס יידישע מיניסטעריום אין אויגוסט-נאָוועמבער 1919

(קאַמענעצער פּעריאָד).

דאָס יידישע מיניסטעריום איז אין דעם פּעריאָד ווייט ניט געווען די אָרגאַניזאַציע, וועלכע עס האָבן זיך פאָרגעשטעלט די שאַפערס פון דער נאַציאָנאַל=פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע אין אוקראַינע און די בויערס פון יידישן מיניסטעריום.

דאָס יידישע מיניסטעריום איז סוף=כּל=סוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין יידישן „רויטן קרייץ".

אַלע טוער פון יידישן מיניסטעריום זיינען כמעט אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט שתדלנות ביי די מאַכטהאָבער, כּדי צו= ראַטעווען יידן פון פּאָגראָמען, גזירות, צרות, א. אַז. וו.

דאָס יידישע מיניסטעריום האָט אַ סך אויפגעטאָן, כדי אָפּ צוהיטן די יידישע באַפעלקערונג פון פּאָגראָמען.

לויט דער איניציאַטיוו פון יידישן מיניסטעריום איז אַרויס= געגעבן געוואָרן אַ ריי אויפרופן פון דער מאַכט קעגן די פּאָגראָ= מען. דאָס יידישע מיניסטעריום האָט אויך גענומען אַ גרויסן אָנ= טייל אין שאַפן די אַזויגערופענע „מלוכה=אינספּעקטור".

די אינספּעקטור איז אַנטשטאַנען זומער 1919 און זי האָט געהאַט אירע פאָרשטייער ביי אַלע מיליטער=טיילן.

די ראָל פון דער אינספּעקטור איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט געדאַרפט אַכטונג געבן, צי די מיליטערישע טיילן פירן זיך אויף געזעצלאַך, און ניט דערלאָזן צו קיין שום פאַר= ברעכערישע אַרויסטרעטונגען.

דאָס יידישע מיניסטעריום, באַקומענדיק ידיעות וועגן וועלכע= עס איז עקסצעסן בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג, האָט אַקטיוו רעאַגירט און פלעגט זיך ווענדן צו די אַנטשפּרעכנ=

דיקע אָרגאַנען פון דער מאַכט, זיי זאָלן אָננעמען ענערגישע מיטלען.

די פּאָגראָם-עלעמענטן אויף די ערטער, דערפילנדיק, אַז אין צענטער עקסיסטירט אַ אָרגאַן, וועלכער פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די יידן, פלעגן שוין ניט אַזוי דרייסט אַרויסטרעטן.

דאָס יידישע מיניסטעריום האָט אויך אָנגענומענע מיטלען, עס זאָלן באַשטראָפט ווערן די שולדיקע אין די פּאָגראָמען. מען דאַרף אָבער קאָנסטאַטירן, אַז דאָס לעצטע האָט זיך זייער שוואַך איינגעגעבן דעם יידישן מיניסטעריום.

די פּאָגראָם-אַטמאָספער ווערט ביסלאַכווייז אָפּגעקילט. אַזוי פאַרנעמען די אוקראַינער צום סוף זומער 1919 מיט דער הילף פון דער גאַליציער אַרמיי אַ ריי יידישע שטעט (פּראָסקוראָוו, וויניצע, בערדיטשעוו און אַנד.) כמעט אָן פּאָגראָמען.

די אוקראַינישע מיליטער-טיילן טרעטן נאָכדעם אָפּ (נאָוועמבער 1919) פון אוקראַינע, אונטער דעם דראַנג פון דעניקינען, גאַנץ רואיק און כמעט אָן עקסצעסן.

אויסער די פּאָגראָמען איז אויך געשטאַנען אַקטועל די פראַגע וועגן די ניט-געזעצלעכע מעשים מצד דער אַדמיניסטראַציע בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג.

טאָג-טעגלעך האָבן זיך געווענדט (איבערהויפּט די פּאַרשטייער פון די קלענערע שטעטלעך) מיט אָנקלאַגעס וועגן אומגעזעצלעכע קאָנטריבוציעס, רעקוויזיציעס און פאַרפאָלגונגען. און לויט דער איניציאַטיוו פון יידישן מיניסטעריום זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן מצד די מיליטערישע און ציווילע מאַכטן אַ ריי פּאָדערונגען, וועלכע האָבן געדאַרפט רעגולירן די פראַגע.

אויסערדעם האָבן פיל יידישע שטעטלעך (לאַנצקאָרון, האָראָדאָק, ביי-אושיצע א. אַנד.) זיך געווענדט צום יידישן מיניסטעריום וועגן באַקומען שטיצע און פּריווילעגיעס ביי די אַלגעמיינע מלוכה-אָרגאַנען פאַר דער געליטענער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס יידישע מיניסטעריום איז אויך געווען פאַרוואָרפן מיט בקשות פון איינצעלנע פּערזאָנען, איבערהויפּט פון יידישע סאָצי-

אַליסטן, וואָס זיינען טעראָריזירט געוואָרן פון דער אוקראַינישער קאָנטער־ראַזוועדקע.

אַט קומען פאַרשטייער־ציוניסטן פון אַ קליין שטעטעלע און דערציילן אַזאַ מעשה:

„ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען זייער שטעטל, האָבן זיי געפאָדערט, עס זאָל געבילדעט ווערן אַ רעווקאָם. געווייגלעך, אַז מע הייסט, מוז מען פאָלגן. אַזוי אָבער ווי אין רעווקאָם דאַרפן זיך געפינען אויך אַרבעטער־פאָרשטייער, האָבן זיך די קליינשטעטלשע יידן געווענדט צו איינעם אַן אַרבעטער, ער זאָל ראַטעווען דאָס שטעטל און ווערן אַ מיטגליד אין רעווקאָם. דער אַרבעטער איז אַריין אין רעווקאָם און האָט געטאָן אַ סך טובות דאָס שטעטל. איצט זיינען געקומען די אוקראַינער, האָבן אַרעסטירט דעם אַרבעטער, אַלס באָלשעוויק, און אים שטייט פאָר אַ גרויסע געפאַר.

דעריבער ווענדן זיך די יידן אין נאָמען פון גאַנץ שטעטל צום יידישן מיניסטעריום, ניט צו דערלאָזן, אַז מיטן אַרבעטער זאָל פּאַסירן עפּעס שלעכטס".

געוויינלעך, האָט אין אַזעלכע פאַלן דאָס יידישע מיניסטעריום אָנגענומען אַלע מיטלען, צו ראַטעווען די באַשולדיקטע.

אין אַלגעמיין האָט דאָס יידישע מיניסטעריום ענערגיש פאַרטיידיקט די יידן, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג.

דאָס יידישע מיניסטעריום האָט געפאָדערט, אַז די אַלע יידן, וועלכע זיינען באַשולדיקט אין באָלשעוויזם, און קעגן וועלכע מען האָט ניט געקענט אַרויסשטעלן קיין קאָנקרעטע באַשולדיקונג אין אַ פאַרברעכן, זאָלן ווערן באַהאַנדלט ווי אוקראַינער וועלכע האָבן גענומען אַ אָנטייל אין דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג, וועלכע פלעגן ניט ווערן צוגעצויגן צום געריכט, אויב זיי זיינען ניט באַגאַנגען קיין דירעקטן פאַרברעכן קעגן דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אָפּגעבנדיק די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט דער פראַגע פון פאַרטיידיקן די יידישע באַפעלקערונג פון פאַרשיידענע פאַר־

ברעכערישע עלעמענטן, האָט דאָס יידישע מיניסטעריום זייער ווינציק געקענט אויפטאָן אויף דעם געביט פון פאָלקס־בילדונג און נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג. עס זיינען אויך ניט געווען די געהעריקע גינסטיקע פאָליטישע סיטואַציעס, ביי וועלכע עס וואָלט געקענט אַנטוויקלען זיך אַ ברייטע אַרבעט אויף דעם געביט. אויסערדעם זיינען אין אַזאַ פּראָווינציעלע שטאָט ווי קאַמענעץ ניט געווען די געהעריקע קולטורעלע כּוחות. מען האָט זיך ניט געקענט באַנוצן מיט די מאַטעריאַלן פון דעם יידישן מיניסטעריום, פון קיעווער פּעריאָד אַזוי אַז מען האָט געדאַרפט אָנהייבן אַלץ פון דאָסניי. דער דעפּאַרטאַמענט פון פאָלקס־בילדונג האָט אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס געשטיצט די עקסיסטירנדיקע יידישע שולן, געהאָלפן אויפבויען די צוראַבירטע שולן (האָראָדאָק, יאַרמעלינעץ, פּאָלאָנאָע), אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ גרויסער שול־נעץ פאַר פאָלקס־בילדונג און פּראָפעסיאָנעלער בילדונג.

אַדאַנק דער הילף פון יידישן מיניסטעריום, זיינען דורך דער קאַמענעצער קולטור־ליגע אָרגאַניזירט געוואָרן „פּרעבעל־קורסן“ און „לערער־קורסן“. עס האָבן אויך באַקומען שטיצע אַ ריי אַנדערע אינסטיטוציעס (קינדער־גערטנער, יתומים־הייזער). אין דער פראַגע פון יידיש און העברעאיש האָט זיך דער דעפּאַרטאַמענט באַצויגן טאָלעראַנט אויך צו די העבראישער שולן, הגם ער האָט געפאָדערט, אַז די למודים־שפּראַך זאָל זיין יידיש.

דער דעפּאַרטאַמענט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט דורכגעפירט וואַלן אין אַ גאַנצער ריי קהילות (ליאָנצקאָרון, סמאָטריטש, האָראָדאָק, ניי־קאָנסטאַנטינאָוו) און האָט אויפגעשטעלט די אַלטע קהילות, וואָס האָבן ניט פונקציאָנירט מחמת דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד.

בכלל איז די פינאַנסיעלע לאַגע פון די קהילות אין יענער צייט געווען זייער אַ שווערע.

די גרעסטע קהילות אין פּאָדאָליע (קאַמענעץ־פּאָד., פּראָסקוראָוו, מאָהילעוו־פּאָד.) זיינען ניט געווען אימשטאַנד דורכצופירן אין לעבן די צוואַנגס־באַשטייערונג לויט דעם געזעץ פון 17־טן אַפּריל 1919.

דער יידישער פאַרמעגלעכער קלאַס האָט מיט אַלע כוחות גע־שטערט די דורכפירונג פון דער באַשטייערונג. אין קאַמענעץ־פּאָד. האָבן 28 רייכע יידן דערלאַנגט אַ אָנקלאָגע אויף דער קהילה (דער וועד־הפועל איז באַשטאַנען פון אחדותניקעס און ציוניסטן), אַז די באַשטייערונג איז ניט קיין געזעצלעכע, און דער קאַמענעצער קרייז־געריכט האָט אַנערקענט די אומגעזעצלעכקייט פון דער באַ־שטייערונג.

אין דעם פּעריאָד האָבן די סאָציאַליסטן כמעט ווינציק באַ־טייליקט זיך אין די קהילות. זייער אָפּט זיינען קעגן די קהילות (סמאָטריטש) אַרויסגעטראָטן אויך אַרבעטער, בעלי־מלאכות מיט די באַלעבאַטים (אחדות).

צום יידישן מיניסטעריום האָבן זיך געווענדט אַ גאַנצע ריי קהילות *) נאָך שטיצע, נאָר דאָס יידישע מיניסטעריום, ניט האָבנ־דיק קיין געלט־מיטלען, האָט זיי ניט געקענט באַפרידיקן.

בנוגע דער שפּראַך־פראַגע האָט דער דעפּאַרטאַמענט פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג געפאָדערט פון די קהלות, אַז די געשעפטפירונג זאָל זיין אויף יידיש, און וועגן דעם איז פו־באַנדערגעשיקט געוואָרן אַ ספּעציעלער צירקולאַר **).

עס איז אייך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן יידיש, לויט דעמדאָזיקן פּראָיעקט, האָט יידיש געדאַרפט אָנערקענט ווערן אַלס לימוד־שפּראַך אין אַלערליי קאַטעגאָריעס שולן און אַלס אָפיציעלע שפּראַך אין אַלע אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג. יידן האָבן דאָס פולקומע רעכט זיך באַ־נוצן מיט זייער שפּראַך. פאַר עובר זיין אויף דעם געזעץ (ניט לאָזן ריידן אויף יידיש) האָט געקומט שטראָף (טורמע).

חוץ דעם האָט דאָס יידישע מיניסטעריום פאַרנומען זיך מיט געבן הילף די פּאָגראָם־געליטענע, און צו דעם צוועק איז ביים

*) פּראָסקוראָוו, קאַמענעץ־פּאָד., קהילה־פאַרבאַנד פון מאָהילעוו־ערקרייז, זוויניצער, אַלט־קאָנסטאַנטינאָווער, בערדיטשעווער און נאָך אַ סך אַנדערע.

**) זע ביילאַגע נום. 4.

מיניסטעריום געבילדעט געוואָרן אין זומער 1919 אַ צענטראַל־קאָמיטעט. אין צ. ק. זיינען געווען פאָרגעשטעלט אַלע יידישע פּאַרטייען (אחדות, ציוניסטן, צעירי־ציון, פאָלקס־פּאַרטיי, פּועלי־ציון, פּאַראייניקטער בונד). די אַרבעט לטובת די פּאָגראָם־געלי־טענע האָט זיך פּאַרטאָמאַזירט, ווייל דער צ. ק. איז ניט געווען אימשטאַנד דורכצופירן די שווערע אויפגאַבע. דאַן איז דער צ. ק. פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּריוואַטער אָרגאַניזאַציע. ביים יידישן מיניסטעריום האָט זיך געבילדעט אַ ספּעציעלע קאָלעגיע.

כּדי צו פּאַראייניקן די טעטיקייט פון פּאַרשיידענע דעפּאַר־טאַמענטן האָט ביים יידישן מיניסטעריום עקסיסטירט אַ ראַט, וואו ס'זיינען באַטראַכט געוואָרן פּרינציפּיעלע און מער וויכטיקע פּראַגען. אין די זיצונגען פון ראַט האָבן אָנטייל גענומען: דער יידישער מיניסטער קראַסני (פאָלקס־פּאַרטיי), דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פון אַלגעמיינע ענינים (פאָלקס־פּאַרטיי), דירעקטאָר פון דעפּאַר־טאַמענט פון פאָלקס־בילדונג (אַ ראַדניק, פּועלי־ציוניסט ח' צ.). איך, אַלס שטעל־פּאַרטרעטער פון דירעקטאָר פון דעפּאַרטעמענט, פּאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטפּאַרוואַלטונג (פּאַראייניקטער בונד) און נאָך אַ ראַדניק (פּאַראייניקטער בונד). עס האָט זיך באַקומען אַזאַ סיטואַציע: אין ראַט זיינען געווען 2 שטימען רעכטע (פאָלקס־פּאַרטיי), 2 לינקע (פּאַרייניקטער בונד) און איינע אַ פּועלי־ציו־ניסטישע, וועלכע האָט געדאַרפט געבן דעם איבערוואָג,

די „פּועלי־ציון” האָבן דאָס דוב געשטימט מיט דעם „פּאַר־אייניקטן־בונד”, נאָר אָפּטמאָל, דערהויפּט בשעת עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגן אַ קאָמפּראָמיס מיט די רעכטע יידישע פּאַרטייען, האָט פּועלי־ציון געשטימט מיט פאָלקס־פּאַרטיי.

אין אַלגעמיין איז דאָס יידישע מיניסטעריום געווען פּאָ־פּולער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. אין אַלע שווערע מאָ־מענטן האָבן זיך יידן גלייך געווענדט צום יידישן מיניסטעריום.

פּאַרשיידן אָבער איז געווען די שטעלונג צום מיניסטעריום פון באַזונדערע פּאָליטישע גרופּן.

„פּועלי־ציון” און „פאָלקס־פּאַרטיי” האָבן די גאַנצע צייט

זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צום יידישן מיניסטעריום און אַקטיוו אים אונטערגעהאַלטן. די „פאראייניקטע" און „בונד" האָבן אין דער פראַגע זיך געוואַקלט און ערשט נאָך דער קאָנפערענץ פון אויגוסט 1919 אין קאַמענעץ־פּאָד. איז זייער שטעלונג געוואָרן מער אָדער ווייניקער באַשטימט. די יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך אין דעמדאָזיקן פעריאָד געפונען אין אַ באַזונדערער לאַגע.

אַרויסטרעטנדיק פון די קהילות און אָפּגרעניצנדיק זיך פון די רעכטע יידישע גרופּן, זיינען אָבער די יידישע סאָציאַליסטן אויך ניט מיטגעגאַנגען מיט די באָלשעוויקעס און נאָך דעם אַוועקגיין פון דער. ראַטן־מאַכט פון אוקראַינע (האַרבסט 1919) זיינען זיי געוועזן פולקום איזאָלירט און שרעקלעך טעראָריזירט מצד די פאַרשיידענע „קאָנטר־ראַזוועדקעס" -דעפענסיוועס". און דאָס יידישע מיניסטעריום, וועלכע איז פון דעם ערשטן טאָג אָן פון זיין עקסיסטענץ געוועזן פאַרבונדן מיט די יידישע סאָציאַליסטן, האָט זיי גערופן צו זיך און האָט זיי פאַרטיידיקט.

עס האָבן זיך אויך געווענדט צום יידישן מיניסטעריום פאַרשיידענע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס נאָך שטיצע*).

אַזוי איז, נאָך דעם אַוועקגיין פון דער ראַטן־מאַכט, דאָס יידישע מיניסטעריום געווען דאָס איינציקע אָרט, וואו די יידישע סאָציאַליסטן האָבן געקענט פריי אָפּעטעמען. אין יידישן מיניסטעריום האָבן אויך געאַרבעט אייניקע עקסטרע לינקע עלעמענטן.

די ציוניסטן און די צעירי־ציון האָבן געפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם יידישן מיניסטעריום, טענהנדיק זייער אַלטע טענה נאָך פון קיעוו, אַז די לינקע האָבן פאַרכאַפּט דעם מיניסטעריום, כאָטש צווישן די מיטאַרבעטער פון יידישן מיניסטעריום זיינען געווען אַ סך ציוניסטן, און זאָגאַר אחדותניקעס.

אונטער זייער ווירקונג האָט די קאַמענעצער קהילה, וואו די יידישע סאָציאַליסטן האָבן ניט גענומען קיין שום אָנטייל, גע-

---

*) זע ביילאַגע נומ. 5.

שיקט אַ דעלעגאַציע צו דער אוקראַינישער רעגירונג מיט דעם ציל צו קאָמפּראָמעטירן דאָס יידישע מיניסטעריום.

די דעלעגאַציע האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די גרעסטע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז קעגן מיניסטעריום, ווייל ער איז ניט קיין געקליבענער, און אַז קיינע געזעצן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער יידישער באַפעלקערונג, קענען ניט אַרויסגעגעבן ווערן דורכן יידישן מיניסטעריום; זיי האָבן אויך באַטאָנט, אַז זיי, ד. ה. די ציוניסטן, שטעלן מיט זיך פאָר די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

צווישן די מיטאַרבעטער פון יידישן מיניסטעריום זיינען געווען פיל ציוניסטן, און זאָגאַר אחדותניקעס.

די צווייטע גסיסה פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפובליק.

דעניקינס אַרמיי, בשעת איר גרויסן אָנגריף, וועלכער איז געווען כמעט ספּעציעל געווענדט קעגן די באָלשעוויקעס, האָט זיך צום סוף אָווגוסט 1919 יאָר צוזאַמענגעטראָפן מיט די אוקראַינער אין קיעוו. דעניקין האָט זיך מיט די אוקראַינער ניט געוואָלט פאַרשטענדיקן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן ביידע אַרמייען.

די באָלשעוויקעס, אונטער דעם דרוק פון דעניקינען, האָבן כמעט אָן אַ ווידערשטאַנד פאַרלאָזן דעם רעכטןברעג דניעפּר (פּאָדאָליע, וואָלין און אַ טייל קיעווער גוב.).

די דעניקינצעס האָבן אָנגעהויבן אַטאַקירן דעם אוקראַינישע חייל. אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אָפּגעשטעלט (אָן אַ אָפּמאַך, פון זיך אַליין) די שלאַכטן צווישן די אוקראַינער און די באָלשעוויקעס. דער קאַמף איז נאָר געגאַנגען צווישן דעניקינס חייל און די באָלשעוויקעס און צווישן די אוקראַינער און דעניקינען

די לאַגע פון דער אוקראַינישער אַרמיי איז געווען זייער

אַ קריטישע. זי האָט ניט געהאַט קיין אַמוניציע, ניט קיין אַפּראָוויזאַציע. דער טיפוס האָט אויסגעלייגט טויזנטער פון דער אוקראַיניש=גאַליצישער אַרמיי.

און זי איז אָפּגעטרעטן פאַר באַדייטנד קליינע כוחות פון דעניקינס חייל.

אין נאָוועמבער האָבן זיך פאַרשפרייט אין קאַמענעץ=פּאָד. קלאַנגען, אַז די הויפּט=קוואַרטיר פון דער גאַליצישער אַרמיי, וועלכע האָט זיך געפונען אין ווינניצע, האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעניקינען. ווי געוויינלעך, האָט מען עס אָפיציעל אָפּגעלייקנט, נאָר גאָר אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דידאָזיקע קלאַנגען זיינען ריכטיקע.

די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן דורך דעם פאַרראַט פון די גאַליטשאַנער, איז געווען קאַטאַסטראָפאַל פאַר דער אוקראַינישער אַרמיי—און זי האָט געמאַכט אַ סוף צו דער עקסיסטענץ פון דער אוקראַינישער פאָלקס=רעפּובליק.

אין שטאָט איז די שטימונג געוואָרן זייער אַ געדריקטע. מען האָט זיך שוין אַזוי אָדער אַנדערש געהאַט צוגעוויינט צו די אוקראַינער, און מיטאַמאָל אַ נייער קיסר מיט נייע גזרות. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געשראָקן פאַר די איבערגאַנגס=מאָמענטן און פאַר דעם נייעם הערשער דעניקינען, וועלכער איז שוין געווען באַוואוסט מיט זיינע פּאָגראָמען אין קיעוו, פּאַסטאָוו און אַנדערע ערטער.

די אוקראַינישע סאָציאַליסטן האָבן גענומען זוכן פּלענער צו ראַטעווען די לאַגע. נאָר עס איז שוין געווען שפּעט. זיי האָבן דורכגעלאָזט דעם פּאַסיקן מאָמענט.

אָנשטאָט צו ווירקן, עס זאָל געשלאָסן ווערן אַן אָפּמאַך מיט די באָלשעוויקעס, וועלכע וואָלטן אפשר צו יענער צייט, אונטער דעם דראַנג פון דעניקינס אָנגריף, געגאַנגען אויף געוויסע הנחות*), האָבן זיך די אוקראַינישע נאַציאַליסטן געפּלאָנטערט צווישן די אינטריגעס פון דער רעאַקציאָנערער אוקראַינישער דירעקטאָריע און

---

*) זע ז' 128, 1921, Вільна Україна Львів

דעם גאַליצישן דיקטאַטאָר פּעטרושעוויטש *).

אַפילו אויף די באַראַטונגען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן די גאַליצישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן מער פון אַלץ געזאָרגט, עס זאָל איינגעאָרדנט ווערן דעמאָנסטראַציעס מיט שאַרפע לאָזונגען קעגן דעם דיקטאַטאָר פּעטרושעוויטשן. קיין זאַכלעכע פאַרשלאָגן זיינען פון זייער זייט ניט געווען.

און אָנשטאָט די דעמאָנסטראַציעס, וועלכע האָט זיך ניט איינגעגעבן אָרגאַניזירן, איז צונויפגערופן געוואָרן אַ גרויסער מיטינג, עס זיינען אַרויסגעטראָטן די אָנגעזעענסטע אוקראַאינישע סאָציאַליסטן און זאָגאַר אוקראַאינישע קאָמוניסטן. עס איז אויך אַרויסגעטראָטן אַ פאָרשטייער פון „פּאַראייניקטן בונד".

די אוקראַאינער האָבן זיך געקלאָגט אויף זייער ביטערן גורל און זיך געזעגנט מיט דער „זעלבשטענדיקער אוקראַאינע".

דערווייל האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די רעגירונג פאַרלאָזט קאַמענעץ און די שטאָט ווערט פאַרנומען אויף אַ פרידלעכן אויפן דורך פּאָליאַקן.

די יידישע באַפעלקערונג איז געווען פון דעם צופרידן, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר עקסצעסן ביי די איבערגאַנגס-מאָמענטן און מען האָט זיך אויך געשראָקן פאַר דעניקינס חייל, טאָמער וועט ער אַריין אין שטאָט.

רואיק און שטיל איז איבערגעגאַנגען די שטאָט פון דער אוקראַאינישער מאַכט צו די פּאָליאַקן.

צווישן די יידישע סאָציאַליסטן איז געוואָרן אַ טומל. לכתחילה האָט אַ גרויסע טייל פון זיי באַשטימט מיטפאָרן מיט דעם יידישן מיניסטעריום, נאָכדעם אָבער האָבן זיי זיך איבערגעקלערט.

איך פּערזענלעך האָב באַשלאָסן צו דערשלאָגן זיך צו די טיילן וואָלין, וואָס זיינען פאַרנומען דורך דעם פּוילישן מיליטער, און פון דאָרט האָב איך גערעכנט פאָרן קיין ווילנע, אין מיין היים, וואו איך בין שוין ניט געווען איבער 4 יאָר.

אַזוי ווי דער אוקראַאינישער חייל האָט זיך אויך עוואַקואירט

*) די העלדישע טאַט איבער דער גאַליצישער אַרמיי האָט געהערט פּעטרושעוויטשן, וועלכער האָט זיך אָנגערופן „דיקטאַטאָר".

אין יענער ריכטונג, האָב איך באַשטימט מיטפאָרן מיט זיי.

3 טעג זיינען די אוקראַינער געפאָרן מיט א ספּעציעלן צוג פון קאַמענעץ ביז פּראָסקוראָוו (93 וויאָרסט). צווישן די באַאַמטע האָט זיך שוין געמערקט אַ שרעקלעכע דעמאָראַליזאַציע, און דעריבער איז דער באַן געגאַנגען זייער שלעכט.

דערנאָך האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אין גרעטשאַן, 7 וויאָרסט פון פּראָסקוראָוו, און עס האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן באַראַטונגען פון דער רעגירונג. מיר איז שוין נימאס געוואָרן צו שלעפּן זיך און ביי מיר איז אויפגעקומען אַ געדאַנק צו פאַרבלייבן אין פּראָסקוראָוו און ניט פאָרן מיט די אוקראַינער ווייטער.

איך בין אַראָפּגעפאָרן קיין פּראָסקוראָוו און האָב דאָרט באַזוכט די קהילה. אין שטאָט איז געווען פאַרהעלטענישמעסיק שטיל. דער אוקראַינישער קאָמענדאַנט האָט בלויז געפאָדערט ביי די יידן, מען זאָל צושטעלן קליידער. די שטאָט האָט זיך אויך באַאומרואיקט פון דעם, וואָס מען האָט ניט געוואוסט ווער וועט פאַרנעמען פּראָסקוראָוו נאָכן אַוועקגיין פון די אוקראַינער.

אין אַזא מין אומבאַשטימטער לאַגע האָב איך פאַרבראַכט מיט די אוקראַינער 4 טעג. קיין זאַך איז ניט געווען אָרגאַניזירט, אַפילו וואָס צו קריגן עסן האָט יעדערער פאַר זיך געדאַרפט זאָרגן.

שבת אינדערפרי האָט זיך דער צוג גערירט. איך האָב צום אָנהייב געמיינט, אַז מיר פאָרן ווייטער, צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב שלעכט געמיינט.

די פּויערים לאָזן ניט פאָרן די פאָרשטייער פון דער „אוקראַינישער פאָלקס-רעפּובליק" דורך אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו, אין וואָלין, און מען מוז אויסקלייבן אַן אַנדער וועג. אין דערזועלבער צייט באַקומען זיך באַאומרואיקנדיקע ידיעות, אַז דעניקין איז ניט ווייט פון פּראָסקוראָוו.

דער צוג קומט אָן פון גרעטשאַן אויף דער סטאַנציע פּראָסקוראָוו און דער עולם שמועסט, אַז מען וועט מוזן פון-דאַנען פאָרן צו דער גרעניץ, קיין וואָלאָטשיק. עס איז שוין געבליבן ניט קיין סך צייט.

מען לויפט, מען ליארימט, מען טראָגט אַריבער פון איי־ניקע צוגן די געלט־סומען אין דעם מיניסטאָרן־צוג. א קראַנקער מיטאַרבעטער פון יידישן מיניסטעריום קריכט אַראָפּ און פאָרט אין שטאָט אַריין. איך פערזענלעך קלער אויך אַראָפּפאָרן אין שטאָט, נאָר איך האָב מורא, איך זאָל ניט אַריינפאַלן פון איין צרה אין א גרעסערע.

דערווייל הייבט זיך אָן דער צוג צו רירן. מיט אַמאָל — טראַך, טראַך, טראַך!...

לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז מען באַשיסט עס אונזער צוג. נאָר צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון דע־ניקינס חברה־לייט האָט אַוועקגעלאָזן אויף אונז אַ „ווילדע מאַשין" (אַ לאָקאָמאָטיוו אָן אַ מאַשיניסט), וועלכע האָט זיך צוזאַמענגע־שטויסן מיט דעם וואַגאָן, אין וועלכן איך האָב זיך געפונען.

צו גליק, איז דער וואַגאָן געווען זייער אַ שטאַרקער און האָט אויסגעהאַלטן דעם קלאַפּ — דאָס האָט מיך געראַטעוועט.

מען לאָזט איבער דעם וואַגאָן און מען פאָרט ווייטער. מען קומט אויף דער סטאַנציע וו., ניט ווייט פון וואָלאָטשיסק. די סטאַנציע געפינט זיך אין אַ נייטראַלער זאָנע, זי געהערט דערווייל קיינעם ניט: ניט די פּאָלאַען פאַרנעמען איר, ניט די אוקראַינער פאַרנעמען איר, דעניקין איז נאָך אויך ווייט. אויף דערדאָזיקער סטאַנציע הערשט אַ טויטע שטילקייט. מען זעט ניט אפילו קיין באַאַמטע.

איך קלער זיך אַריינכאַפּן קיין וואָלאָטשיסק, נאָר די לאַגע איז ניט קיין פעסטע, און מ'קען ניט וויסן, וואָס יעדער שעה קען פּאַסירן, איך באַשליס צו פאָרן לויט מיין אָנגעמערקטן פּלאַן.

מען שטייגט אַרויס פון דעם צוג — און מען פאָרט שוין מיט פורן איבער יידישע שטעט און שטעטלעך און איבער דערפער.

מיר באַגעגענען די אוקראַינישע סאָלדאַטן. איך קוק זיך צו צו זיי: ווילדע פנימער; זיי גייען אָפּגעריסן, באָרוועס, הונגעריק, און האַלטן זיך פאַרהעלטענישמעסיק רואיק.

איך וואונדער זיך, עס וואונדערן זיך אויך די קליינשטעטלשע יידן.

די פויערים באציען זיך פיינדלעך צו דער מאכט.

מיר קומען סוף־כל־סוף אין אלט־קאנסטאנטינאוו.

אין א גרויסער באלעבאטישער יידישער שטוב האבן זיך צונויפגעזאמלט די רעשטלעך פון דער אוקראינישער פאלקס־רעפובליק: דארט איז געווען דער סאציאליסטישער מיניסטארן־קאבינעט, דער צ. ק. פון די אוקראינישע סאציאל־דעמאקראטן און סאציאל־רעוואלוציאנערן.

די באלעבאטים פון שטוב נעמען אויף זייער פריינדלעך די אוקראינער.

פארבראכט א טאג און מען פארט ווייטער.

עס ווערט פינסטערלעך און מען שטעלט זיך אפ אין א דארף. עס איז חושך און קאלט. די פויערים לאזן גארניט גערן אריין די אוקראינער צו זיך. כמעט אין יעדער שטוב ליגט א קראנקער אויף פלעק־טיפוס.

איבערגענעכטיקט די נאכט, קוים זיך דערוואַרט, עס זאל ווערן ליכטיק, און מיר פארן ווייטער.

מען קומט אין א קרעטשמע, ניט ווייט פון לובאר (וואלינער גוב.) און מען דערוויסט זיך, אז אין לובאר זיינען פאראן „פאוסטאנצעס", וועלכע זיינען געשטימט באלשעוויסטיש, און באראבעווען די אפטרעטנדיקע אוקראינער.

א טייל פון די מיניסטארן הייבן אן טראכטן וועגן באהאלטן זיך אין דארף. מיין געדולד פלאצט. איך קלער שוין פארן צוריק אין אלט־קאנסטאנטינאוו, יעדנפאלס באשטים איך, אויב מיר וועט זיך איינגעבן צו קומען קיין לובאר, בשום אופן מער ניט פארן מיט דעם יידישן מיניסטעריום.

עס באקומען זיך אבער בארואיקנדיקע ידיעות און מיר פארן ווייטער.

פרייטאג צונאכטקומען מיר אן קיין לובאר. די מיטארבעטער פון יידישן מיניסטעריום פארפארן צום געהילפס־פארזיצער פון לובארער קהילה.

צו אונז, אַלס „מיטאַרבעטער פון יידישן מיניסטעריום״, באַציִען זיך די לובאַרער כלל-טוער, וועלכע האָבן אונז געקענט נאָך פון קאַמענעץ, זייער וואַרים.

לובאַר איז אַ גרויס יידיש שטעטל אין וואָלין. עס מאַכט אַ איינדרוק פון אַ קולטורעלן שטעטל. עס איז פאַראַן דאָ עלעקט-רישע באַלייכטונג. דאָ איז אויך פאַראַן אַ באַדייטנד יידיש גע-זעלשאַפטלעך לעבן, עס עקסיסטירט דאָ זאָגאַר אַ יידישע גימנאַזיע.

איך דערצייל די אָרטיקע כלל-טוער, ווי אַזוי איך און נאָך איייניק חברים, וועלכע האָבן זיך געריסן אין זייער היים—בערדי-טשעוו—זיינען אַהער געקומען. מיר גיבן צו, אַז מיר ווילן מער ניט פאָרן מיט דעם יידישן מיניסטעריום.

די אָרטיקע כלל-טוער באַרואיקן אונז און ערקלערן, אַז מיר קענען בלייבן אין לובאַר, וואָס פאַר אַ מאַכט עס זאָל דאָ ניט אַריינקומען.

דערווייל האָט זיך לובאַר געפונען אין רשות פון די „פּאָווי-סטאַנצעס״, באַלשעוויסטיש געשטימטע. וואָס וועט זיין ווייטער—איז שווער צו זאָגן.

פון איין זייט (אַרום טשודנאָוו) שטייען די באָלשעוויקעס און פירן אַ קאַמף מיט די דעניקינצעס, ניט פאַרטשפּעדיק די אוקראַאינער. פון דער אַנדער זייט (אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו) גרייפן אָן די דעניקינצעס; פון דער דריטער זייט (אין פּאָלאָנאָע) שטייען די פּאָליאַקן.

די אוקראַאינישע אַרמיי און די מיניסטעריום צעפאַלן זיך. עס פילט זיך אַ סימפּאַטיע צו די באָלשעוויקעס, און באַשטימטע עלע-מענטן הייבן שוין אָן אַריבערגיין צו דער ראַטן-מאַכט. די באַאַמטע דינגען פורלעך און פאָרן צו די באָלשעוויקעס, און מען נעמט זיי דאָרט אויף גאַנץ גערן. אַ מיליטערישע אָפּטיילונג אונטער דער פירונג פון „אַטאַמאַן״ וואָלאַך באַפאַלט די מלוכה-קאַסע, נעמט זי צו און גייט אַריבער צו די באָלשעוויקעס.

די מיניסטאָרן דערשרעקן זיך און אַנטלויפן אין אַ קליין שטעטעלע—קיין ניי-טשאַרטאָרי.

איך און נאָך אייניקע מיטאַרבעטער טיילן זיך אָפּ פון יידישן מיניסטעריום און פאַרבלייבן אין לובאַר.

אין שטעטל ווערט אומרואיק. קיין מאַכט איז שוין פּאַקטיש ניטאָ. די דעניקינצעס דערנעענטערן זיך. די באָלשעוויקעס בלייבן שטיין אויף זייערע פּאָזיציעס. די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון דער אוקראַינישער אַרמיי קלייבן זיך ווייטער אין וועג, אַ טייל גיבן זיך איבער צו די פּאָליאַקן אין די הענט.

איך דינג אַ פור, וועלכע מען וויל ביי מיר מיט געוואַלט צונעמען, זעץ זיך אַוועק מיט אַ אוקראַינישן יונקער און 2 יידישע פרויען און לאָז זיך פאָרן קיין פּאָלאָנאָע, 30 וויאָרסט פון לובאַר, וואו עס געפינען זיך די פּאָליאַקן.

אין פּאָלאָנאָע האָב איך געטראָפן מיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיר באַזאָרגט מיט געהעריקע פּאַפּירן, און איך לאָז מיך פאָרן קיין ווילנע.

נאָך אייניקע שטערונגען, וועלכע זיינען גאַנץ נאַטירלעך ביי אַזאַ לאַגע, בין איך געקומען קיין ווילנע.

די אַלטע ווילנע, ירושלים־דליטע, האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שווערן רושם. איך בין ניט געווען אין ווילנע פון 1915 יאָר אָן, און ביי מיר אין מוח האָט די גאַנצע צייט געשוועבט די געשטאַלט פון דער ווילנע, וואָס איך האָב געקאָנט אין דער צייט פון 1911־1913.

איך האָב באַזוכט די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אומעטום הערשט אַ וויסטקייט. די ווילנער קהילה האָט אויף מיר געמאַכט ניט קיין בעסערן איינדרוק, ווי פיל אַנדערע קהילות אין אוקראַינע.

אַן אויסנאַם איז יאָ געווען — די פייערונג פון דער שול־וואָך אין ווילנע, אָרגאַניזירט דורך דער שול־אָרגאַניזאַציע.

דאָס איז געווען אַ גלענצנדיקע דעמאָנסטראַציע פון אַלץ, וואָס האָט באַשאַפן די ווילנער יידישע לערערשאַפט מיט אייגענע כוחות.

איך פאַרבלייב ניט לאַנג אין ווילנע און פאָר אין וואַרשע.

נאָך דער שטילער, האַלב אָפּגעשטאָרבענער ווילנע, מאַכט וואַרשע אויף מיר אַן איינדרוק פון זייער אַ לעבעדיקער שטאָט. דאָרט,

אויף דער יידישער גאַס איז אויך גאַנץ פריילעך: עס שוויבלט און גריבלט מיט יידישע צייטונגען, פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס. אין דערזועלבער צייט פילט זיך אָבער די צעבראָכנקייט און שוואַכ־קייט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

ביי מיר בלייבט פאָרן צוריק קיין אוקראַינע: איך קען זיך ניט אַקלימאַטיזירן אין פוילן און ליטע — עס ציט צוריק אין אוק־ראַינע.

איך קום אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, געפין דאָרט אַלטע באַ־קאַנטע, — נאָר גאָר ביי אַן אַנדער סיטואַציע.

אונטער דער פּוילישער אקופּאַציע.

(סוף 1919 — יולי 1920).

שטיל איז מיטאַמאָל געוואָרן אין קאַמענעץ. איבערהויפּט האָט זיך דאָס געפילט נאָכדעם, ווי מען איז געווען אַ ביסל צו־געוויינט, אַז קעמענעץ זאָל שפּילן אַ ראָל פון אַ רעזידענץ.

אַנטשוויגן געוואָרן זיינען אויך די געזעלשאַפטלעכע קרייזן אויסער די צעירי־ציון, וועלכע האָבן עפּעס יאָ געטאָן.

אַ שווערן איינדרוק האָט געמאַכט די איזאָלירטקייט פון קאַ־מענעץ: פון איין זייט זיינען ביי פּראָסקוראָוו און ניי־אושיצע גע־שטאַנען די באָלשעוויקעס, פון דער אַנדער זייט גייט דער רו־מענישער גרענעץ.

ניט אין אַ בעסערער לאַגע האָט זיך אויך געפונען דער גאַלי־צישער גרענעץ. „פּשעפּוסטקעס" האָבן לייכט באַקומען נאָר ספּעַ־קולאַנטן; כלל־טוער האָבן געמוטש אַ סך אויסשטיין ביז זיי האָבן באַקומען אַ שיין.

עס איז אָבער געווען נאָך פריש די וואונדן פון די פּאָג־ראָמען. די רעזולטאַטן פון די נאַר־וואָס איבערגעלעבטע גע־שעענישן זיינען געווען שרעקלעכע. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך גענייטיקט אין גיכער און באַדייטנדיקער שטיצע.

צום אָנהייב האָט מען נאָך געוואַרט, טאָמער וועט אָנקומען פון ערגעץ הילף, מען האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז די פּויליש־יידישע כלל־טוער, באַקומענדיק די מעגלעכקייט צו באַזוכן אַ טייל טעריטאָריע פון אוקראַינע, וואו די יידן האָבן אַזויפיל געליטן, וועלן זיך געוויס גלייך באַווייזן. נאָר אומזיסט איז געווען די האָפענונג; עס זיינען, ווייזט אויס, ניט געווען קיין בעלנים צו פאָרן קיין אוקראַינע.

אַ געוויסע אויפלעבונג האָט מיטגעבראַכט דאָס קומען פון אַ אַמעריקאַנער דעלעגאַט ב—ר. ער האָט מיטגעווירקט עס זאָל רעסטאַווירט ווערן דער קאָמיטעט צו העלפן די פּאָגראָם־געליטענע.

צופעליק האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוויסע פּאָליטישע אַרבעט, — נאָר בלויז אויף אַ קורצער צייט.

עס זיינען זיך צונויפגעקומען אין קאַמענעץ אוקראַינישע און יידישע סאָציאַליסטן — און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַראַטונגען. די שטימונג האָט זיך ביי אַלעמען אַ קער געטאָן אויף לינקס. מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן איבערבויען די גרונטפּרינציפּן פון דער „אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק". עס איז אויפגעשוואומען גאַנץ ערנסט די פראַגע וועגן ליקווידירן די דירעקטאָריע.

דערהויפּט האָבן דיזאָזיקע פאָדערונג אין אַ קאַטעגאָרישער פאָרם אונטערגעהאַלטן די יידישע סאָציאַליסטן.

די באַראַטונגען זיינען איבערגעריסן געוואָרן אויף אַן אָריגינעלן אופן. עס האָבן זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן אַרעסטן צווישן די אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג. צום אָנהייב האָט מען אַרעסטירט די אוקראַינישע סאָציאַליסטן־מיניסטאָרן; זיי האָט מען גלייך אַרויסגעלאָזן, און מען האָט זיך גענומען צו די יידישע סאָציאַליסטן. אייניקע האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן, די איבעריקע האָבן געמוזט אָפּזיצן.

און עס איז געוואָרן ווידער שטיל, און דאָס לעבן האָט ווייטער גענומען פליסן מאָנאָטאָן. אַ געוויסע אויפרודערונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג האָט אַרויסגערופן די ידיעה וועגן דעם באַשלוס פון „סאַן־רעמאָ"

די ציוניסטן האָבן באַשטימט צו באַצייכנען דעם אַקט פון „סאַן־רעמאָ" מיט אַ גרויסן יום־טוב.

די פייערונג איז געווען זייער אימפּאָזאַנט. אויפן האַרצן האָט זיך אָנגעקליבן אַזויפיל פּיין, אַזויפיל איבערלעבונגען, אַז עס האָט געזוכט אַן אָרט, וואו אויסצוגיסן זיך. די פּוילישע אַדמיניסטראַציע האָט ניט געמאַכט קיין שום שטערונגען.

נאָך מיט אַ טאָג פאַר דעם זיינען אַלע יידישע הייזער געווען דעקאָרירט. אַלע בירגערלעכע פּאַרטייען (פאָלקס־פּאַרטיי אויך) און פּועלי־ציון האָבן גענומען אַן אָנטייל אין יום־טוב.

עס איז געווען אָרגאַניזירט זייער אַ גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציע. פאָראויס זיינען געריטן צענדליקע יונגעלייט אויף פערד, אַ סך זיינען געפאָרן אויף וועלאָסיפּעדן.

עס האָבן גענומען אַ אָנטייל אין דער מאַניפעסטאַציע אַ סך טויזנטער יידן פון קאַמענעץ און פון די אַרומיקע שטעטלעך, צווישן זיי: דער ראַבינאַט, בעלי־מלאכות, קליינע קרעמער, סוחרים, פּרויען־אָרגאַניזאַציעס, גימנאַזיסטן, סטודענטן, שילער פון פאָלקסשולן און פאַרשיידענע פּאַרטייען.

מ'האָט איינגעאָרדנט 2 מיטינגען, אין גאַס און אין שטאָט־טעאַטער. עס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט באַגריסונגען — דער פאָרשטייער פון דער „אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק", אַ פאָרשטייער פון דער פּוילישער מאַכט און אַ סך פאָרשטייער פון אויסלענדישער מיסיע.

עס איז אויך אַרויסגעטראָטן דער יידישער מיניסטער, וועלכער איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען פון דער באָלשעוויסטישער געפענגעניש *).

אין אַלגעמיין איז דערדאָזיקער פּעריאָד געווען אַ רואיקער און אַ שטילער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע טיילן פון פּאָדאָליע און אויך פון די ווייטערדיקע פּאָוויאַטן. נאָר אין פרילינג 1920 הייבן אָן דעניקינס חייל אָפּצוטרעטן פון אוק־

*) קראַסנּי איז געווען אַרעסטירט דורך די באָלשעוויקעס. זיי האָבן אים נאָכדעם אַרויסגעלאָזן און אויך ערלויבט אים צו באַזעצן זיך אין בערדיטשעוו. נאָכדעם ווי בערדיטשעוו איז פאַרנומען געוואָרן פון די פּוילן, איז ער געקומען אין קאַמענעץ־פּאָד.

ראַינע דורך פּאָדאָליע און צוזאַמען מיט דעם—הייבּן זיך אויך אָן נייע יידישע פּאָגראָמען.

בכלל האָט פּאָדאָליע אין דעמדאָזיקן פּעריאָד ניט געהאַט קיין באַשטימטע מאַכט.

אַרום יאַמפּאָל-מאָהילעוו האָבּן זיך געפונען די רעשטלעך פון אוקראַינישן חייל.

די באָלשעוויקעס האָבּן זיך געהאַלטן פּאַסיוו און נאָר טיילווייז זיך דערנענטערט צו דער פּוילישער פראָנט-ליניע; די דעמאָראַליזירטע דעניקינישע אַרמיי, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבּן געטריבּן פון אָדעסער און קיעווער זייט, טרעט אָפּ אַלץ ווייטער און ווייטער. די דעניקינצעס האָבּן, דורכגייענדיק די שטעטלעך פון פּאָדאָליע, דורך וואַנען זיי זיינען געגאַנגען אין גאַליציע, טעראָריזירט און ראַבּירט די יידישע באַפעלקערונג. ווייער פיל האָט געליטן אַ קליין שטעטעלע זאַמיכאָוו (7 וויאָרסט פון ניי-אושיצע), וואו עס זיינען געוועזן פיל קרבנות, אַ סך הייזער זיינען פאַרבּרענט געוואָרן. פיל האָט אויך געליטן מאָהילעווער ראַיאָן.

די דעניקינצעס פלעגן אָנווענדן אַזעלכע פּראָוואָקאַציעס.

פאַרנעמענדיק אַ שטעטל, פלעגן זיי זיך פאַרשטעלן פאַר באָלשעוויקעס.

די יידן האָבּן זיך געהאַלטן פּאַסיוו, און פלעגן זיך אָבּער אויך ניט באַהאַלטן.

דאָס פלעגן אויסנוצן די דעניקינצעס און ראַבּעווען און שלאָגן די יידישע באַפעלקערונג.

אַזאַ געשיכטע איז פאָרגעקומען אין קאַליוס (ליגט ביים דניעסטער), וועלכע האָט זיך געפונען צווישן די אוקראַיניש-פּוילישע און באָלשעוויסטישע פראָנטן.

דאָרט איז אַריינגעקומען אַ געוועזענע דעניקינישע אָפּטיילונג, וועלכע איז אַריבּערגעגאַנגען צו די אוקראַינער. אונטער דער אָנפירונג פון פראָלאָוון און האָט זיך פאַרשטעלט פאַר באָלשעוויקעס. די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג איז געבּליבּן גלייכגילטיק. נאָר צופעליק האָט זיך געפונען אין שטעטל אַ קאָמענעצער

אַרבעטער, אַ יידישער באָלשעוויק, ש—ר, וועלכער איז אַריין מיט זיי אין אַ געשפּרעך. זיי האָבן אים גלייך אַרויסגעפירט פון שטעטל און געשאָסן. דאָס שטעטל האָבן די דעניקינצעס צעראַבירט.

ווען די דעניקינצעס פלעגן אַריינקומען אין די ערטער, וואָס זיינען געווען פאַרנומען מיט פּאָליאַקן, פלעגט מען זיי אַנטוואָפענען און איינטערנירן אין די געפאַנגען-לאַגערס.

דער קאַמענעצער יידיש-אַמעריקאַנער הילף-קאָמיטעט פאַר די פּאָגראָם-געליטענע.

די גאַנצע צייט איז קאַמענעץ מיט דעם אומגעגנט געווען אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט. אין נאָוועמבער 1919, ערב דער עוואַקואַציע פון די אוקראַינער, האָט אַ פאָרשטייער פון קישענעווער קאָמיטעט ש—ן (ציוניסט) באַזוכט קאַמענעץ-פּאָד.

צו יענער צייט האָט שוין דער צענטראַלער הילף-קאָמיטעט זיך געהאַט אָפּגעטיילט פון יידישן מיניסטעריום, און די אַלע גרופּן, רעכטע און לינקע, וועלכע זיינען אין אים געווען פאַרטראָטן, האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ זעלבשטענדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע.

די ציוניסטן, דערהויפּט די צעירי-ציון, דערשפּירנדיק, אַז זיי קענען באַקומען אַ שטיצע פון אויסן, פון קישינעווער קאָמיטעט, האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, אַז דער צ. ק. זאָל זיך בילדן ביי דער קאַמענעצער קהילה. דערצו זאָל דער צ. ק. צוזאַמענגעשטעלט ווערן אויף די זעלבע פּראָפּאָרציאָנעלע יסודות, ווי די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין קיעוו (אחדות 14 מיטגלידער, ציוניסטן-24,

צעירי=ציון — 14, פאָלקס=פּאַרטיי — 4, פּועלי=ציון—11, פּאַר=אייניקטע—12, בונד—23).

ש—ן האָט ווירקלעך געבילדעט אַ צענטראַלן הילף־קאָמיטעט מיט אַ געזיכערטער מערהייט ביי דער קאַמענעצער קהילה.

די סאָציאַליסטן האָבן באַשלאָסן אין דעמדאָזיקן צ. ק., וואָס ווערט געבילדעט ביי דער קהילה, ניט אַריינטרעטן, און פאָרזעצן די אַרבעט אין אַ זעלבשטענדיקן קאָמיטעט.

אַזוי האָבן זיך געבילדעט אין קאַמענעץ־פּאָד. 2 קאָמיטעטן: איינער אַ זעלבשטענדיקער, מיט אַ דעמאָקראַטישער מערהייט, דער צווייטער ביי דער קהילה — מיט אַ ציוניסטישער מערהייט. דער ערשטער האָט געהאַט טראַדיציעס אין דער אַרבעט (אָנגעזאַמעלטע מאַטעריאַל), דעם געהעריקן אַפּאַראַט; און דער אַנדערער — די ווירקונג אויף אויסלאַנד און געוויינלעך, אויך די מעגלעכקייט צו באַקומען די געהעריקע געלט=מיטלען.

אין יאַנואַר 1920 איז פון בוקאַרעשט געקומען ב—ר, דער ערשטער אַמעריקאַנער פאָרשטייער. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע סומע געלט פאַר אוקראַינע (אַרום אַ מיליאָן רומענישע לייען און אייניקע הונדערט טויזענט צאַרישע רובל) און האָט געמאָלדן אין אַ קאַטעגאָרישער פאָרם, אַז די געלט וועט ער איבערגעבן נאָר דאַן, ווען די ביידע קאָמיטעטן (דער דעמאָקראַטישער און דער יואָס ביי דער קהילה) וועלן זיך פאַראייניקן.

די מורא, אַז דער רייכער „פעטער" קען אַוועקפאָרן און נ ט איבערלאָזן די געבראַכטע סומען — האָט געווירקט: עס איז סוף=כל=סוף געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס=קאָמיטעט אויף דעם פאָלגענדיקן אופן.

אין קאָמיטעט זיינען אַריין 9 פאָרשטייער פון לינקס (צו 3 פון דער פאָלקס=פּאַרטיי, פון פּועלי=ציון און פון פאַראייניקטן בונד), 9 פאָרשטייער פון רעכטס (צו 3 פון אחדות, פון די ציוניסטן און פון די צעירי=ציון) און 3 פון דער קהילה: איינער פון רעכטן פליגל, איינער פון לינקן און איינער פון צענטער (צעירי=ציון און פאָלקס=פּאַרטיי). די לעצטע 2 גרופּן האָבן אויסגעקליבן אַ צעירי=ציוניסט, וועלכער איז אויך פון די דערמאָנטע

2 גרופן געווען פאַרגעשטעלט אין פרעזידיום. אַזוי זיינען אַריין אין פרעזידיום 3 רעכטע מיטגלידער, 3 לינקע און דער זיבעטער פון צענטער — אַ צעירי-ציוניק.

אַזוי ווי דער פלענום האָט זיך כמעט ניט אויפגעקליבן, איז די גאַנצע אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם פרעזידיום, אין וועלכן די רעכטע צוזאַמען מיט דעם זיבעטן, אַ צעירי-ציוניק, האָבן געהאַט אַ געזיכערטע מערהייט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַ די לינקע האָבן ניט ריכטיק געהאַנדעלט, פאַרלאָזנדיק זיך, אַז דער צענטער, וועלכער האָט האָט פאַקטיש געגעבן אַ איבערוואָג אין דער אַרבעט, זאָל באַשטיין לויט אַ אָפּמאַך צווישן פאָלקס-פאַרטיי און צעירי-ציון.

דער צעירי-ציוניק האָט די גאַנצע צייט פאַרנומען אַ אויסגעשפּראָכענע פיינדלעכע פּאָזיציע בנוגע די לינקע און האָט שטענדיק באַקעמפט זייערע פאָרשלאָגן.

עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען די לינקע האָבן זיך שוין געהאַט צונויפגערעדט אפילו מיט די אחדותניקעס און מיט די ציוניסטן, נאָר עס איז אוממעגלעך געווען צו געפינען אַ אַלגעמיינע שפּראַך מיט די צעירי-ציון אַפילו אין דער אַרבעט צו געבן הילף די געליטענע. די ערשטע צייט האָט זיך דער פרעזידיום געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז אויספירן די פּראַקטישע אַרבעט דאַרפן פּאַכלייט, וועלכע דאַרפן איינגעלאַדן ווערן, ניט רעכענענדיק זיך מיט זייער פּאַרטיי-אָנגעהעריקייט.

צופעליק אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גינסטיקע פּאַכלייט, וועלכע זיינען געווען באַוואוסט מיט זייער אַרבעט, האָבן געהערט צו די לינקע גרופּירונגען. אַזוי איז על-פי-רוב די פּראַקטישע אַרבעט איבערגעגעבן געוואָרן די לינקע.

דאַן האָבן די צעירי-ציון אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם צוזאַמענשטעל פון דער פאַרוואַלטונג.

נאָך לאַנגע רייבונגען איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוטיילן די אַרבעט צווישן די פּאַרטייען. אַזוי איז אויף דעם ערגסטן אופן אַריינגעטראָגן געוואָרן דער פּאַרטיי-פּרינציפּ אין דער עצם אַרבעט, אין אַזעלכע געביטן, וועלכע זיינען זייער ווייט פון וועלכער

עס איז פּאָליטישער פּלאַטפּאָרם. (מעדיצינישע הילף, סאָציאַלע הילף).

עס האָבן זיך געבילדעט 2 צדדים, וועלכע האָבן שטענדיק געקעמפּט, און פאַרשטייט זיך, אַז בײַ אַזאַ לאַגע זײַנען הונדערטער מיליאָנען געלט אויסגעגעבן געוואָרן אויף זייער ניט קיין ראַציאָנעלן אופן.

געוויינלעך, בײַ די גרויסע סומעס געלט און בײַ דער גרויסער צאָל קליידער און פּראָדוקטן, וואָס מ׳האָט אויסער דעם באַקומען, איז דאָך אויפגעטאָן געוואָרן אַ גרויסע אַרבעט.

מען האָט געעפנט אין אַ גאַנצע ריי ערטער דערנערונגס־פּונקטן פאַר קינדער (קאַמענעץ־פּאָד., קיטאַי־גאָראָד, זשוואַניעץ, אַרינין, ליאָנצקאָרון, טשעמעראָווצי, הוסיאַטין, סמאָטריטש, זאַמיכאָוו, סאָלאָבקאָווצי, באַלין און אַנדערע); עס זײַנען פאַרזאָרגט געוואָרן די יתומים, עס זײַנען אונטערשטיצט און פאַרזאָרגט געוואָרן מיט דערנערונגס־פּונקטן עטלעכע מושב־זקנימס; אַ גאַנצע ריי פּונקטן זײַנען פאַרזאָרגט געוואָרן מיט מעדיצינישע הילף, עס זײַנען אונטערגעשטיצט געוואָרן קאָאָפּעראַטיוון און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן קרעדיט־הילף;עס זײַנען אויך אונטערגעשטיצט געוואָרן שולן פון אַלערליי שאַטירונגען.

אין דער צייט ווען דער יידיש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט האָט געאַרבעט, זײַנען פאָרגעקומען פּאָגראָמען פון דעם אָפּטרעטנדיקן דעניקינישן חייל, דערהויפּט איז געווען אַ גרויסער פּאָגראָם אין זאַמיכאָוו, וואו עס זײַנען געפאַלן אַ סך קרבנות און אַ גרויסע טייל פון שטעטל איז פאַרברענט געוואָרן.

דער קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט אונטער דער פאָן פון „אוקראַינישן רויטן־קרייץ" אַן אָפּטיילונג פון 10 מענטשן מיט 2 דאָקטוירים און האָט זיי אַרויסגעשיקט אין דעם געליטענעם ראַיאָן. אין זאַמיכאָוו איז אויך אויפגעעפנט געוואָרן אַ קינדער־קלוב (פון אינדערפרי ביז בײַנאַכט) פאַר 100 קינדער און אַ ערנערונגס־פּונקט פאַר עלטערע.

די אַרבעט איז מער אָדער ווייניקער געגאַנגען די נאָרמאַל. אָבער אין דער גאַנצער אַרבעט פון קאָמיטעט איז ניט גע־

ווען קיין אַלגעמיינער פּלאַן, קיין אָנגעמערקטע ליניע. יעדע גרופּע האָט פּרובירט אויסנוצן דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט אויף איר שטייגער.

למשל, די ציוניסטן האָבן באַקומען אַ מיליאָן קאַרבאָוואַנצעס אויף אַ „גן־ילדים", וואו עס האָבן זיך געלערנט אַ סך קינדער פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, כאָטש צום אַלעם ערשטן האָט מען געדאַרפט באַפרידיקן די בלוטיקע אינטערען פון די געליטענע, וואָס זיינען נאָך ווייט ניט געווען באַפרידיקט.

דאַן האָבן שוין די לינקע אָנגעהויבן פאָדערן סומען פאַר דער מוסטער־אַרבעטסשול, וואו עס האָבן זיך געלערנט נאָר אָרימע קינדער.

ווען די לינקע האָבן באַקומען די געוויסע סומע פאַר דער געזעלשאַפט „אָרט", האָבן די רעכטע אַרויסגעפאָדערט נאָך אַ גרעסערע סומע אויף דעם „החלוץ".

נאָר l'appetit vieut en mangeant—דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן.

די ציוניסטן, און איבערהויפּט די צעירי־ציון, באַמערקנדיק, אַז זיי בילדן אַ זיכערע מערהייט אין צ. ק. — האָבן אָנגעהויבן אויסנוצן די אַמעריקאַנער געלטן אויף אַזעלכע הצטרכותן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שום שייכות צו די פּאָגראָם־געליטענע.

אַזוי איז אַסיגנירט געוואָרן אַ געוויסע סומע געלט אויף פייערן ל"ג־בעומר, אויף דער ספּאָרט־געזעלשאַפט „מכבי".

די צעירי־ציון האָבן אויך ערנערגיש געפאָדערט סובסידיע אויך פאַר אַ מוזיקאַלישן קרייזל „קדימה". נאָר די לעצטע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט די שטימען פון די לינקע און אַן אחדותניק.

אין דערזעלבער צייט האָט די רעכטע מערהייט באַגעגנט ווייער פיינדלעך יעדן פּרוב פון לינקן פליגל, וועלכער האָט פאַרטיידיקט מיט דער סאָציאַלער הילף, צו פאַרוואַנדלען די דערנערונגס־פונקטן אין קינדערהיימען, און שאַפן אַרום זיי אַ פאַסיקע סביבה פון די אָרטיקע טוער.

דער סך־הכל איז געווען אַ טרויעריקער. נאָכדעם ווי עס איז פאַרטאַכט געוואָרן דער יידיש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט אין

קאמענעץ, זיינען זיך צעפאלן די צענדליקע קינדער-אנשטאלטן.

בכלל זיינען די רעכטע געווען קעגן א ברייטע ארבעט אין דער פראווינץ.

אין פרעזידיום פון צ. ק. זיינען געזעסן די מיטגלידער פון ועד-הפועל פון דער קהילה.

אזוי ווי די קאמענעצער קהילה האט איבערגעלעבט א שארפן געלט-קריזיס, האבן די אנפירנדיקע רעכטע גרופן אין דער קהילה — אנשטאט צו שאפן די געהעריקע סומען אין קאמענעץ פאד. גופא, געפונען פאר באקוועמער אויסצונוצן די אמעריקאנער סומען.

מען האט גענומען געלט אויף אלע נייט-באדערפעניש פון קאמענעצער אנשטאלטן, אויף קאמענעצער ארימעלייט און זאגאר אויף אויסהאלטן דעם אפאראט פון קאמענעצער קהילה.

קאמענעץ אליין האט באקומען ביז 50% פון די אויסגע- געבענע סומען, בשעת ווען די שרעקלעך געליטענע ראיאנען, ליטינער, הייסינער און בראצלאווער—האבן באקומען לערך וייער ווינציק.

די לינקע פארשטייער האבן ערנערגיש פראטעסטירט קעגן אזא פאליטיק פון רעכטן פליגל, און פאר זיי האט זיך געשטעלט די פראגע וועגן ארויסטרעטן פון קאמיטעט.

ארויסגייענדיק אבער פון די אינטערעסן פון די קינדער- אנשטאלטן, וועלכע זיינען כמעט אלע געווען אנגעפירט דורך דעם לינקן פליגל, האבן זיי באשטימט צו פארבלייבן אין קאמיטעט.

די אמעריקאנער פארשטייער, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט אראפקומען אין קאמענעץ און ברענגען די געהעריקע סומען געלט, האבן ניט אריינגעטראגן קיין שום פארבעסערונג אין דער געשאפענער לאגע.

פון נאך ב—רן אן איז פון רומעניע מער קיינער ניט געקומען.

דער ערשטער פארשטייער פון ווארשעווער „דזשאוינט" איז געקומען אין קאמענעץ אין פעברואר 1920. ביז דעם אפטרעטן פון די פאלאקן האבן באזוכט קאמענעץ נאך איי ניקע באפולמעכ- טיקטע און 2 מיסיעס.

עס איז זייער שווער צו קריטיקירן די אַמעריקאַנער פאַר־שטייער, איבערהויפּט ווען מען פאַרגלייכט די אַרבעט, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן פאַר די אוקראַינער יידן, מיט דער אַרבעט פון די פוילישע יידן, די נאָענטסטע שכנים, וועלכע האָבן זיך אַפילו ניט באַוויזן אין אוקראַינע.

דאָך דאַרף מען באַמערקן, אַז דאָס שטרעבן פון די אוקראַי־נער צו בלייבן אויסער פּאָליטיק, זיך ניט אָנרירן אָן די פּאַרטייען האָט זיי גאַנץ אָפט געצויגן צו פאַרשווייגן אַזעלכע מאָמענטן אין דער אַרבעט, וועלכע זיי האָבן ניט געדאַרפט פאַרשווייגן.

די ערשטע מיסיע איז באַשטאַנען פון מ. פיינען (ניו־יאָרק) און ריכטער פישער (טשיקאַגאָ). די מיסיע האָט פאַרבראַכט אייניקע טעג אין קאַמענעץ, זיך געגוי באַקאַנט מיט די אָרטיקע באַדינ־גונגען און מיטגענומען אַ סך מאַטעריאַל.

זיי און מיר—זיינען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן.

זיי, די פאָרשטייער פון דעם נאַר־וואָס אויסגעוואַקסענעם יידישן קיבוץ; מיר, די רעשטלעך פון דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט. אונטער זייערע פליגעלס שטייען די יידישע קהילות מיט זייער גוואַלדיק גרויסער יידישער באַפעלקערונג; אונטער אונז — חרוב געוואָרענע שטעט און שטעטלעך.

זיי זיינען די פרייע בירגער, וואָס פאַר זיי איז אָפן די גאַנצע וועלט, מיר קענען אין ערגעץ ניט געפינען קיין מקום־מנוחה.

—ווי לעבט איר דאָ ?— האָבן זיי אונז געפרעגט.

מיר האָבן געשוויגן, ווייל וואָס קען מען אויף דעם ענטפערן ווי מיר לעבן...

עס איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פּלענאַרע זיצונג פון צענ־טראַל־קאָמיטעט, וואו פיין און פישער האָבן געפאָדערט, אַז די קאַמענעצער יידישע פאַרמעגלעכע קלאַסן זאָלן אונטערשטיצן זיי־ערע אייגענע אָרימעלייט. פישער האָט דורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז די אַמעריקאַנער יידן זיינען מחוייב צו העלפן די חרוב געוואָ־רענע יידישע קהילות. „פאַרוואָס אָבער דאַרפן די רייכע יידן

פון טשיקאַגאָ מער זאָרגן וועגן קאָמענעצער אָרימעלייט, ווי די קאָמענעצער גבירים?״

אין אַלגעמיין איז פיין און פישער געווען נענטער צו דעם לינקן פליגל, אָבער אריינטראָגן קאַרדינאַלע ענדערונגען האָבן זיי ניט געוואָלט.

די צווייטע דעלעגאַציע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ טראַגישן סוף, איז באַשטאַנען פון פראָפ. פרידלענדער, משה כ״ץ און ד״ר. לעוו. זיי זיינען געקומען אין קאָמענעץ פאַר דעם אריינגיין פון די באָלשעוויקעס. דער רעכטער פליגל, פילנדיק אַז ער קען האָבן אַ שטיצע פון אויסן, האָט אָנגעהויבן אַ שטאַרקן אָנגריף קעגן די לינקע, וועלנדיק זיי אינגאַנצן באַזייטיקן פון דער אַרבעט

די לאַגע פון דער־דעלעגאַציע איז געווען זייער אַ שווערע פון איין זייט האָט די זיך ניט געוואָלט צעברעכן דעם קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרגעשטעלט פאַרשיידענע ריכ־טונגען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט; פון דער אַנדער זייט האָבן די רעכטע געסטראַשעט, אַז זיי פאַרלאָזן דעם צ. ק., אויב מען וועט ניט איבערגעבן זיי די גאַנצע וויכטיקע אַרבעט. די לעצטע קאָמבינאַציע איז געווען פאַר דער דעלעגאַציע ניט־אָננעמבאַר.

די דעלעגאַטן, דערזעענדיק, אַז עס נעמט ניט קיין סוף צו די רייסערייען, האָט באַשטימט אויף אַ פּאָר טעג אָפּצופאָרן און באַזוכן דערווייל פראָסקוראָוו און מאָהילעוו־פּאָד.

אין מאָהילעוו איז שוין דאַן פאָרגעקומען די עוואַקואַציע פון די אוקראַינער, מען האָט זיך געגרייט אויף די באָלשעווי־קעס, און די דעלעגאַטן האָבן אַליין געהאַט די מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך, ווי אַזוי עס לעבט אין דעמדאָזיקן גהנום די יידי־שע באַפעלקערונג.

פאַר אונז איז דאָס שוין געווען אַ געוויינלעכע ערשיינונג; אויף די אַמעריקאַנער האָט דאָס אָבער געמאַכט אַ שרעקלעכן רושם. אין יענע מאָמענטן האָבן אויך די אַמעריקאַנער פאַרשטאַ־נען, אַז די הילף מוז קומען פון אינעווייניק און ניט פון קיין אויסערלעכער מאַכט.

צו יענער צייט האָט זיך די באַציאונג פון דער אוקראַיני־שער אַרמיי צו די יידן געגומען בעסערן

אין מאָהילעוו האָט זיך אין די לעצטע מינוטן פון דער עוואַקואַציע פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די יידן האָבן געהרגעט אַ אוקראַינער. אין שטאָט איז געוואָרן אַ פּאַניק, נאָר אַדאַנק די אָנגענומענע מיטלען פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע איז דער אינצידענט אַראָפּ גלאַט.

צוריק אין קאַמענעץ זיינען די אַמעריקאַנער געקומען מיט זייער אַ געדריקטער שטימונג. אונטער זייער ווירקונג האָט זיך דער רעכטער פליגל אָפּגעזאָגט פון זיין קאַטעגאָרישער פאָדערונג און אין קאָמיטעט איז געבליבן די זעלבע לאַגע, נאָר די טעג פון דעם קאָמיטעט זיינען שוין געווען געציילטע.

אין קורצן האָבן די באָלשעוויקעס פאַרנומען קאַמענעץ און האָבן ליקווידירט דעם יידיש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט. די רעשט־לעך פון די חפצים האָבן זיי צוגענומען און צעטיילט צווישן די רויטע אַרמייער און זאַגאַר אין דאָרף צווישן די פּוערים. עס האָבן ניט געהאָלפן די באַמיאונגען פון אייניקע געוועזענע מיטגלידער פון לינקן פליגל פון צ. ק. צו ראַטעווען די זאַכן, וואָס זיינען גע־ווען באַשטימט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

נאָך איידער די באָלשעוויק עס האָבן איבערגענומען דעם צ. ק., איז אַ גרויסער טייל פון זיין פאַרמעגן צעטיילט געוואָרן צווישן פאַרשיידענע אַנשטאַלטן. אַ טייל פון די זאַכן איז פאַר־פאַלן געוואָרן. שוין אַפילו נאָכדעם ווי די אוקראַינער האָבן צוריק פאַרנומען קאַמענעץ*), האָט זיך ניט איינגעגעבן צו באַ־קומען אַ דין־וחשבון ניט פון די צעטיילטע זאַכן און ניט פון די געלטן, וואָס די אַנשטאַלטן זיינען געווען שולדיק דעם צ. ק. אַזוי האָבן ניט ערפילט זייערע חובות און ניט אומגעקערט דעם צ. ק. די שולדיקע סומען די קאָאָפּעראַטיוון, קרעדיט־אַנשטאַלטן און החלוץ, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אַנשטאַלטן האָבן

---

*) די אוקראַינער האָבן פאַרנומען קאַמענעץ און דעם ראַיאָן אויף אַ קורצע צייט אין סעפּטעמבער 1920.

זיך זייער גענייטיקט אין געלט=מיטלען. און אויסנאם האט פאר=געשטעלט דער ארבעטער=קאאפעראטיוו „פראלעטארי", וועלכער האט אפגעצאלט דאס געלט, געגעבן א חשבון, כאטש אין דער ארבעט פון דעם יידיש=אמעריקאנער קאמיטעט האבן די סאציאליסטן שוין ניט גענומען קיין שום אנטייל.

אזוי איז געווען דער סוף פון יידיש=אמעריקאנער קאמיטעט. די ניט=געלונגענע קאאליציע פון רעכטס און לינקס. עס זיינען געווען אלע מעגלעכקייטן דורכצופירן א גרויסע ארבעט, עס זיינען געווען באדייטנדיקע סומעס געלט, אין קאמיטעט זיינען געווען 30—40 מיטארבעטער, צווישן זיי אייניקע ערפארענע — און דאך איז זייער ווינציק אויפגעטאן געווארן.

דער אנגריף פון די פאליאקן אויף קיעוו.

(אפריל-מאי 1920).

נאך די ארעסטן פון די געזעלשאפטלעכע און פאליטישע טוער איז אין קאמענעץ געווארן פולקום רואיק. קיין פאליטישע גרופע האט ניט ארויסגעוויזן קיין שום אקטיוויטעט.

אין חודש אפריל זיינען מיטאמאל אנגעקומען ידיעות, אז די פארשטייער פון דער אוקראינישער פאלקס=רעפובליק שליסן אן אפמאך מיט די פאליאקן.

די סאציאליסטישע קרייזן האבן זיך באצויגן נעגאטיוו צום פויליש=אוקראינישן אפמאך.

ערשטנס, זיינען די סאציאליסטן געווען קעגן יעדער אינ=טערווענץ פון א פרעמדער מלוכה אין די אוקראינישע ענינים; צווייטנס האבן זיי געזען א געפאר אין די פונקטן פון אפמאך, וואס רירן אן די אינטערעסן פון די פויערים; זיי זיינען אויך געווען קעגן דער באשטימונג פון די גרעניצן און א פלעביסציט און זיינען בכלל געווען קעגן געהיימען כאראקטער פון אפמאך—

און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצורופן די פאָרשטייער־סאָציאַ־ליסטן פון דער רעגירונג.

די אוקראַינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערן האָבן אָפּגערופן זייער פאָרשטייער *).

אויך האָט זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע דער פאָרשטייער פון „פועלי־ציון", גאָלדעלמאַן, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פאָסטן פון געהילפס־מיניסטער פון אַרבעט.

ביים „פאַראייניקטן בונד" האָט זיך דאַן דעבאַטירט די פראַ־גע וועגן אָפּרופן זייער פאָרשטייער פון יידישן מיניסטעריום. די אָנהענגער פון פאַרלאָזן דאָס יידישע מיניסטעריום האָבן, אַחוץ די אַלגעמיינע פּאָליטישע מאָטיוון, אויך אָנגעוויזן אויף דעם מאָ־טיוו, אַז דאָס יידישע מיניסטעריום אָריענטירט זיך אַלץ מער און מער אויף רעכטס און דערנענטערט זיך צו די קהילות און צו די רעכטע פאַרטייען, וועלכע גרופּירן זיך אַרום די קהילות. די מער־הייט האָט געהאַלטן, אַז די לאַגע פון יידישן מיניסטעריום איז גאָר אַ באַזונדערע.

נאָך לאַנגע דעבאַטן איז אָנגענומען געוואָרן, אַז דער פאָר־שטייער פון „פאַראייניקטן בונד" פ א ר ב ל י י ב ט אין יידישן מיניסטעריום ביז דער פאַרטיי־קאָנפערענץ, וועלכע האָט געדאַרפט פאָרקומען דעם 26־טן מאַי אין וויניצע.

צום סוף אַפּריל איז געשלאָסן געוואָרן דער אָפּמאַך צווישן פּוילן און אוקראַינע — און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באַקאַנ־טער אָנגריף קעגן דער באָלשעוויסטישער אַרמיי.

די פּוילישע אַרמיי האָט פאַרנומען קיעוו און אַלע אוקראַי־נישע מיניסטעריומס, צווישן זיי אויך דאָס יידישע, זיינען אַרי־בערגעפאָרן קיין וויניצע.

בראש פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע אין וויניצער

*) די אוקראַינער ס. ד. האָבן איינגיכן געביטן זייער באַשלוס. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן זיי אין וויניצע באַשטימט צו נעמען אַן אָנטייל אין ר.:כמן קאַבינעט פון פּראָקאָפּאָוויטשן (מאַזעפּע, בעזפּאַלקע). בשעת זיי זיינען אַנגעטראָטן מיט די פּאָליאַקן, האָבן זיי באַשטימט אין פּראָסקורוו אַרויסצוגיין פון דער רעגירונג.

געגנט האָבן זיך געשטעלט די אַלט=באַקאַנטע באַנדיטן. די טע=
ראָריזירטע יידישע באַפעלקערונג האָט געשוויגן און מיט שרעק
און פחד געקוקט און געוואַרט, מיט וואָס וועט זיך דידאָזיקע
„חתונה" ענדיקן. קיין פּאָגראָמען זיינען אָבער אין דעם פעריאָד
ניט געווען.

די שטימונג צווישן די יידישע סאָציאַליסטן אין פּאָדאָליע
איז דאַן געווען זייער לינק.

דאָך האָט אַ באַראַטונג פון יידישע סאָציאַליסטן אין וויניצע
באַשטימט, ניט צו פאַרלאָזן דאָס יידישע מיניסטעריום ביז דער
פּאַרטיי=קאָנפערענץ.

אין דערזעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַ געוויסע דערנענ=
טערונג צווישן יידישן מיניסטעריום און וויניצער צעירי=ציון. אין
נאָמען פון גובערניאַלן קאָמיטעט פון צעירי=ציון האָט אַ דעלע=
גאַציע צוגעשטעלט דעם יידישן מיניסטער קראַסנען אַ רעזאָלוצ=
יע, אין וועלכער עס איז געווען געזאָגט, אַז ביי דער געשאַפע=
נער סיטואַציע זיינען זיי, די צעירי=ציון, גרייט אונטערצושטיצן
דאָס יידישע מיניסטעריום, אויב עס וועלן זיין פאָרגעשטעלט דאָרט
אַלע דעמאָקראַטישע גרופּירונגען (?) פון דער יידישער געזעל=
שאַפטלעכקייט.

אין אַלגעמיין האָט די וויניצער יידישע באַפעלקערונג זיך
באַצויגן וואַרים צום יידישן מיניסטעריום. מען האָט געזען מיט=
העלפן אין באַקומען פאַר אים אַ דירה, מעבל, וואוינונגען פאַר
די באַאַמטע א. אַז. וו.

עס האָט זיך אָנגעהויבן באַמערקן אַ נייע ליניע: דער „פאַר=
אייניקטער בונד" פאַרלאָזט דאָס יידישע מיניסטעריום און זיין אָרט
פאַרנעמען די „צעירי=ציון".

אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין וויניצע האָט זיך
אָנגעהויבן אַ אויפלעבונג. די קהילה האָט אָנגעהויבן אַרבעטן,
מען האָט זיך געגרייט צו גרינדן אַ אַמעריקאַניש=יידישן קאָמי=
טעט, אין וועלכן זאָלן אַריין פאַרשיידענע גרופּן פון דער יידישער

געזעלשאַפטלעכקייט. די נויט צווישן דער פּאַראַרימטער און צע־ראַבירטער יידישער באַפעלקערונג איז געווען זייער גרויס. איבערהויפּט האָבן זיך שטאַרק גענייטיקט אין הילף די שטעטלעך פון וויניצער, ליטינער און הייסינער פּאָוויאַט. עס זיי־נען אַריבער אַ סך חדשים אָן אַ שטענדיקער אָדער גאָר אָן אַ מאַכט אין די שטעט און שטעטלעך. אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, זיינען זיי געלעגן, די קליינשטעטלשע יידן, ביי זיך אין די שטיבלעך מיט די צעבראָכענע פענסטער און געוואַרט, אפשר וועט געשען אַ נס, וואָס וועט אומבייטן זייער אומדערטרעגלעכע לאַגע. איבערלעבנדיק פאַרשיידנערליי מאַכטן, האָבן די פּאָדאָ־ליער יידן זיך מייאש געווען, אַז עס זאָל ווען עס איז געשאַפן ווערן אַ מאַכט אין אוקראַינע, ביי וועלכער זיי זאָלן זיך קענען פאַרנעמען מיט פרידלעכער אַרבעט.

זיי האָבן געהערט, אַז פון אַמעריקע זיינען געקומען דעלע־גאַטן מיט געלט, צו העלפן, און אין יעדן נייעם מענטשן האָבן זיי געוואָלט זען אַ דעלעגאַט.

איך פאָר דורך אייניקע שטעטלעך. אַ שרעקלעכע שטיל־קייט הערשט אין זיי. אַ טייל הייזער זיינען פאַרברענט, די אי־בעריקע שטייען עלדנט מיט אויסגעבראָכענע שויבן. איבערן שטעטל גייען אַרום אָפּגעריסענע יידן מיט מרה־שחורהדיקע פּנימער. דערזעענדיק אַ פרעמדן מענטשן, רינגלען זיי אַרום די פור און פרעגן מיט אַ שטימע, פול מיט האָפענונג און פאַרצווייפלונג: „אפשר זייט איר א דעלעגאַט"?...

עס זיינען געקומען פיל דעלעגאַציעס פון די שטעטלעך צום יידישן מיניסטעריום און צו דער וויניצער קהילה בעטן וועגן שטיצע.

נאָר דאָס יידישע מיניסטעריום האָט ניט געהאַט קיין געלט. קיין אַמעריקאַנער פאַרשטייער האָט ניט באַוויזן צו באַזוכן וויניצע, און וויניצער קהילה האָט ניט געקענט אויסהאַלטן אַפילו די פּאָר צענדליק עלנדע יתומים, וועלכע זיינען צופעליק אַריינ־געפאַלן אין וויניצע.

די יתומים האָבן זיך געוואַלגערט אין הקדש צוזאַמען מיט

אַ באַרימהאַציקער שוועסטער, וועלכע איז אויך צופעליק אַריינגע-פאַלן אין ווינניצע און איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון קיעוו. אַ געוויסע סומע געלט (ביז 200000 צאַרישע), מעדיקאַמענטן און מאַנופאַקטור האָט קאָמענעצער קאָמיטעט צוגעשיקט קיין ווינניצע.

איך האָב אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרלאָזן ווינניצע און בין צוליב פריוואַטע אַנגעלעגנהייטן אָפּגעפאָרן קיין וואָלין.

אין יוני האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס פויליש-אוקראַי-נישע מיליטער טרעט אָפּ. די רעשטלעך פון יידישן מיניסטעריום האָב איך געטראָפן אין פראָסקוראָוו.

דאָרט האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט דער יידיש-אַמערי-קאַנישער דעלעגאַציע, פראָפ. פרידלענדער, משה כ"ץ און ד"ר לעוו. מיר האָבן פאַרבראַכט איניקע טעג צוזאַמען.

די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט געהאַט איניקע געשפרעכן מיט דעם יידישן מיניסטער קראַסנען, אין וועלכע עס איז באַ-רירט געוואָרן די יידישע פראַגע אויף אוקראַינע.

די עוואַקואַציע איז זיך דערווייל געגאַנגען ווייטער. די פּאָ-ליאַקן זיינען אָפּגעטראָטן רויִק. פאַרהעלטענישמעסיק רויִק זיי-נען אויך אָפּגעטראָטן די אוקראַינער, כאָטש אין איניקע ערטער זיינען פאָרגעקומען עקסצעסן מצד די אוקראַינער (טשערטש, שאַטאווע). עס איז אָבער ניט געווען די פּאָגראָם-שטימונג פון 1919, ווען די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט יידיש בלוט.

די אוקראַינער האָבן דערפילט, אַז פאַר זיי איז אויף לאַנגע יאָרן, אַדאַנק די פּאָגראָמען, פאַרלאָרן געגאַנגען די סימפּאַטיע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין דערזעלבער צייט האָבן זיי זיך אַליין איבערצייגט, נאָכ-דעם ווי עס איז פאַרגאָסן געוואָרן אַזויפיל יידיש בלוט, ווי שעד-לעך עס זיינען די פּאָגראָמען ניט נאָר פאַר דער יידישער באַ-פעלקערונג, נאָר אויך פאַר זייער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. די אוקראַינער האָבן זיך גענומען ערנסטער צו באַקעמפן די פּאָגראָמען.

פון פראָסקוראָוו זיינען אַלע מיניסטעריומס איבערגעפאָרן אין קאַמענעץ-פּאָד. אין שטאָט איז געווען פולקום רויִק. די פּאָ-ליאַקן זיינען אָפּגעטראָטן, די מאַכט איז אַריבער אויף אַ פּאָר טעג

אין די הענט פון די אוקראַינער. מיטאַמאָל קומט אָן אַ שרעקלעכע, אונגלויבלעכע ידיעה — פּראָפעסאָר פרידלענדער, ד״ר קאַנטאָר און נאָך אַ דריטער — אומבאַוואוסטער — זיינען געהרגעט געוואָרן אין יאַרמעלינעץ, אַ שטעטל 25 וויאָרסט פון פּראָסקוראָוו, ווען זיי זיינען געפאָרן פון קאַמענעץ קיין פּראָסקוראָוו.

ווי עס האָט נאָכדעם פעסטגעשטעלט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, אַרויסגעשיקט פון קאַמענעצער אַמעריקאַניש-יידישן קאָמיטעט, איז די רציחה פאָרגעקומען אויף דעם פאָלגנדיקן אופן.

י״ט תמוז, 5 יולי 1920 האָט זיך אין יאַרמעלינעץ, אַ שטעטל, וועלכע ליגט אויף דעם שאָסיי צווישן קאַמענעץ און פּראָסקוראָוו, אַריינגעריסן אַ באָלשעוויסטישע אויסשפּירונגס-אָפּטיילונג. דערזעענדיק פון וויטן אַ אויטאָמאָביל מיט מיליטעריש געקליידטע פּערזאָנען, האָבן די רויטע אַרמייער זיי אָנגענומען פאַר פּוילישע אָפיצערן און אַלעמען דערהרגעט און מיט דעם פאַרמעגן זיך צעטיילט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אַראָפּגעקומען אַ באָלשעוויסטישער באַאַמטער, וועלכער האָט געדאַרפט דורכפירן אַ אויספאָרשונג פון דער רציחה לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע.

אין קאַמענעץ איז ביי אַ גרויסן עולם פאָרגעקומען אַ הספד נאָך די דערהרגעטע, אויף וועלכן עס זיינען אַרויסגעטראָטן פאַרשטייער פון רעכטן און לינקן פליגל פון אַמעריקאַנער קאָמיטעט.

ווייט, ווייט אין אַ קליין שטעטל, — יאַרמאָלינעץ, — אָן אַ מצבה, ליגן אויף דעם בית-עולם פּראָפ. פרידלענדער און ד״ר קאַנטאָר

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך רעכן צו פארלאָזן אוקראַינע, עס זעגנט זיך מיט מיר ד"ר לעוו און מ. כ"ץ, וועלכע זיינען שרעקלעך צערודערט פון גרויסן אומגליק.

ד"ר לעוו פרובירט אויף מיר ווירקן, אַז איך זאָל בלייבן, און געפינט, אַז פון מיין זייט וואָלט געווען אַ זינד צו פארלאָזן אוקראַינע ביי אַזעלכע אומשטענדן. מיר, יידישע כלל־טוער, האָבן ניט דאָס רעכט צו פאַרלאָזן אין אַזעלכע מאָמענטן די יידישע באַפעלקערונג.

נאָך לאַנגע וואַקלונגען און איבערקלערונגען פון פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן באַשליס איך צו פאַרבלייבן אין קאַמענעץ־פאָדאָלסק.

מיר גייען ווידער צו די אוקראַינער — און ס'הייבן זיך ווידער אָן די אַלטע באַקאַנטע געשפּרעכן וועגן אָפּהיטן דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג ....

די אוקראַינער פאַרלאָזן רואיק קאַמענעץ־פאָדאָלסק און אין שטאָט קומען ווידער אַריין — נאָך אַ יאָריקער הפסקה — די באָלשעוויקעס.

ווידעראַמאָל באָלשעוויקעס אין פאָדאָליע.

(זומער 1920).

נאָך פאַר דעם אַריינגיין פון די באָלשעוויקעס אין קאַמענעץ און אין אומגעגנט האָבן זיך געטראָגן פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן די קאָמוניסטן. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז די באָלשעוויקעס זיינען גאָרניט די, וועלכע זיינען געווען אין קאַמענעץ אין 1919 יאָר; אַז זיי רעכענען זיך גאָרניט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, אַז זיי ראָטן אויס בפועל־ממש דעם גאַנצן סוחרישן קלאַס, אַז ביי זיי הערשט דער עיקר די „טשרעזוויטשאַיקע" א. אַז. וו.

אַנדערע, פאַרקערט, האָבן דערציילט, אַז די לעצטע צייט האָבן די באָלשעוויקעס געענדערט זייער עקסטרעמע טאַקטיק און זיי פּאַסן זיך צו צו די אָרטיקע באַדינגונגען.

אַלנפאַלס, האָט דאָס מאָל די יידישע באַפעלקערונג זיי באַגעגנט גאַנץ קאַלט. עס איז שוין ניט געווען דער ענטוזיאַזם פון יאָר 1919. מען האָט געוואַרט, ווי וועט זיך רעקאָמענדירן די נייע מאַכט.

און די באָלשעוויקעס האָבן זיך טאַקע גענומען צו דער „אַרבעט". ווי פרעמדע אין אַ פרעמד לאַנד, זיינען זיי דאָס מאָל געקומען אין פּאָדאָליע און האָבן אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען ווי אָקופּאַנטן. אַלץ איז געווען צוגעגרייט פון פריער, אַלץ איז געווען דיקטירט פון אויבן.

זייער סיסטעם פון רעגירן איז געווען זייער אַ איינפּאַרטיע. בראש איז געשטאַנען די פּאַרטיי — קאָמוניסטן (פּאַרקאָם) מיט אַ גאָמינירטן קאָמיטעט פון צענטער. צו ווערן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געווען גאַנץ שווער. אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלן זיינען געווען פאַרנומען מיט באַאַמטע, צוגעשיקטע פון צענטער. דער פּאָרזיצער און די מיטגלידער פון „רעווקאָם" זיינען געווען באַשטימט אָדער פון די אַריינקומענדיקע מיליטערישע טיילן אָדער פון צענטער.

גלייך ווערט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי דעקרעטן, וועלכע זיינען שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צענטער אין אַ משך פון פיל חדשים, און שטעלן דערמיט די באַפעלקערונג אין אַ באַזונדער שווערער לאַגע.

די אָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן, די אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון, אַרבעטער-קלובן און אַרבעטער-טוער האָבן ניט געקענט אַרויסווייזן די קלענסטע איניציאַטיוו. דער אַרבעטער-קלוב, וואָס האָט געציילט ביז 600 מיטגלידער, פון פאַרשיידענע שאַטירונגען, און וועלכער איז צערואינירט געוואָרן פון די אוקראַיִנער אין 1919, איז געבליבן פאַרמאַכט. די אַלע באַמיאונגען פון פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער-קלוב צו עפענען אים האָבן צו גאָרנישט געבראַכט. די באָלשעוויקעס האָבן פּראָיעקטירט צו גרינדן

אַ קאָמוניסטישן אַרבעטער=קלוב, דעריבער זיינען זיי געווען קעגן אַ אינטערפּאַרטייאישן אַרבעטער=קלוב, וואו זיי וואָלטן געשפּילט ניט קיין באַדייט:דיקע ראָל.

קיין טעראָר אָבער בנוגע די ניט=קאָמוניסטישע עלעמענטן האָבן די באָלשעוויקעס ניט אָנגעווענדט. ביסלעכווייז הייבן אָן אַרבעטן די ציווילע און די מיליטערישע „טשרעזוויטשאַיקעס", וועלכע טראָגן דעם נאָמען „באַזונדערע אָפּטיילונג" (Особый Отдел)—און מיטאַמאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערוויסן מיר זיך, אַז אין קאַמענעץ האָט מען געבראַכט 16 מאָהילעווער ציוניסטן, צווישן זיי י—קי (פאָרזיצער פון מאָהילעווער קהילה=ראַט), צעירי=ציוניסטן מיט זייער קאָמיטעט, דעם מיטגליד פון קהילה=ראַט ב. און אַרבעטער פון החלוץ.

די דאָזיקע ציוניסטן באַשולדיקט מען אין אין קאָנטער=רעוואָלוציע, דעזערטירעריי, באַהאַלטן געווער א. אַז. וו. די טעג דאַרף איבער זיי פאָרקומען דער געריכט אין מיליטערישן רעוו.=טריבונאַל*) ביי דער N דיוויזיע.

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך גלייך פאַראינטערעסירט מיט דעם ענין און אַדאַנק די אָנגענומענע מיטלען, האָט מען גלייך באַזאָרגט אַ גאַנצע ריי אַדוואָקאַטן, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרטיידיקן די ציוניסטן. צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינע אַדוואָקאַטן און קיינע פאַרטיידיקער וועלן ניט דערלאָזן ווערן.

די לאַגע איז געוואָרן זייער ערנסט. מיט אַ טאָג פריער האָט מען דערשאָסן 3 יידישע אַרבעטער אַלס דעזערטירן, ווייל זיי האָבן זיך ניט גלייך געשטעלט צו דער פאַראָרדנטער מאָביליזאַציע. מיר האָבן אויך באַקומען ידיעות, אַז דער „רעוו־טריבונאַל" קלייבט זיך פאַרוואַנדלען דעמדאָזיקן פּראָצעס פון די „16 ציוניסטן" אין אַ סענסאַציאָנעלן פּראָצעס פון אַ „אויפגעדעקטער און געפונענער יידישער קאָנטררעוואָלוציע".

---

*) רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל, אויסעראָרדנטלעכער געריכט, אַ מין פעלד=געריכט.

די קאָמענעצער ציוניסטן און צעירי־ציוניסטן האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. בלויז אייניקע פון זיי האָבן נאָך אַרויסגעוויזן אַ ביסל אַקטיוויטעט.

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך ענערגיש גענומען צו פאַרטיידיקן די מאָהילעווער ציוניסטן.

דירעקט האָבן מיר ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו ריידן מיט די, פון וועמען עס איז אָפּגעהאַנגען דער גורל פון די אַרעסטירטע, און מיר האָבן זיך געווענדט צו די יידישע קאָמוניסטן. מיר האָבן זיי אויפגעוויזן, אַז עס איז פשוט לעכערלעך צו באַשולדיקן אין קאָנטררעוואָלוציע מענטשן, וועלכע מיר קענען אַלע זייער גוט פאַר לאָיאַלע, וואָס האָבן אַליין געראַטעוועט פון טויט אַ סך באָלשעוויקעס יידן.

די אוקראַאינער פּאָגראָמשטשיקעס מאַכן אַלע יידן פאַר באָלשעוויקעס און אויף דעם גרונט קומען פאָר די גרעסטע שחיטות; איצט ווילן די רוסישע באָלשעוויקעס פאַרוואַנדלען אַלע יידן אין קאָנטררעוואָלוציאָנערן — און דער אַנטיסעמיטיזם וועט ווידער געפינען אַ גינסטיגן באָדן.

די אָרטיקע יידישע קאָמוניסטן, דאַרף מען מודה זיין, האָבן זיך ערנסט פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע — און האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו ראַטעווען די אַרעסטירטע. ס'איז שווער געווען וואָס עס איז אויפצוטאָן, צוליב דער אייגנאַרטיקער מאַכט־קאָמפּעטענץ פון דעם „רעוו־טריבונאַל".

די גאַנצע מאַכט געהערט דעם געריכט ביי אַ דיוויזיע; דער געריכט באַשטייט פון 3 רויטע אַרמייער, צווישן זיי איינער אַ פאָרזיצער. דער געריכט נאָמינירט אַ אויספאָרשער, וועלכער איז אין דערזעלבער צייט אויך אַ באַשולדיקער (פּראָקוראָר). די אויספאָרשונג קומט פאָר אויפן גרונט פון שריפטלעכע מאַטעריאַלן. דער פּראָקוראָר טרעט אַרויס אין געריכט ניט שטענדיק. און בשעת דער פּראָקוראָר טרעט ניט אַרויס (אזוי איז געווען מיט די 16 ציוניסטן), ווערט אויך ניט דערלאָזן קיין פאַרטיידיקער. קיין געזעצן, וועלכע זאָלן רעגולירן די נאָרמען, ביי וועלכע דער געריכט דאַרף זיך האַלטן ביים אַרויסטראָגן דעם פסק־דין, עקסיס־

טירן ניט. דער אורטייל ווערט אַרויסגעטראָגן לויט דער פאָרמול: „רעוואָלוציאָנערער געוויסן און סאָציאַליסטישע גערעכטיקייט". דיזעלבע אינסטאַנץ, וועלכע טראָגט אַרויס דעם פּסק-דין, פירט אים אויך אויס.

דער „רעווטריבונאַל" אין קאַמענעץ איז באַשטאַנען פון פרעמדע מענטשן, וועלכע קיינער, אפילו די קאָמוניסטן, האָבן ניט געקענט. דער פאָרזיצער איז געווען אַ לעט.

ביי אַזאַ לאַגע איז געווען זייער שווער, וואָס עס איז אויפצוטאָן, נאָר דאָך האָט מען אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען.

קיין באַשטימטע צייט, ווען דער געריכט וועט פאָרקומען, האָבן מיר ניט געוואוסט.

3 טעג זיינען מיר געשטאַנען ביים לאָקאַל פון געריכט, און געוואַרט, ווען וועט מען ברענגען די 16 ציוניסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַן אַרעסטאַנטן-וואַגאָן אויפן וואָקזאַל.

אַ שרעקלעכן איינדרוק האָט געמאַכט אויף אונז אַ פאָטער פון 4 אַרעסטירטע ציוניסטן, אַ שוחט פון מאָהילעוו. ער האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען ביים לאָקאַל פון געריכט און געזאָגט תהילים. „2 זין גיב איך זיי, — 2 גיט מיר" — האָט ער געטענהט. די לאַגע פון זיינע זין איז געווען זייער אַ שווערע, ווייל זיי האָט מען באַשולדיקט, אַז זיי זיינען פאַרבליבן אין אוקראַינע בעת דעניקינס אָנגריף, זייענדיק דערצו רויטע אַרמייער.

און דער „רעווטריבונאַל" האָט געהאַלטן, אַז מיט דעם גופא, וואָס זיי זיינען פאַרבליבן, האָבן זיי זיך שוין איבערגעגעבן דעניקינען.

די באַשולדיקטע האָבן געטענהט:

„ווי האָבן מיר, יידן, זיך געקענט איבערגעבן דעניקינען, וועלכער האָט געמאַכט אַ זעלכע שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף יידן — ער וואָלט דאָך אונז, אַלס רויטע אַרמייער, געוויס אויסגעהרגעט".

— טאַקע דערפאַר איז אייער שולד נאָך גרעסער — האָט געענטפערט דער פאָרזיצער פון געריכט — די ראַטן-מאַכט האָט באַ-

שיצט אייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער — און איר טרעט ניט אָפּ מיט דער רויטער אַרמיי, נאָר איר פאַרבלייבט אויף אַ טעריטאָריע, וועלכע עס פאַרנעמט דעניקין.

ניט קוקנדיק אָבער אויף די אַלע שווערע באַשולדיקונגען, האָט זיך פאָרט איינגעגעבן צו ראַטעווען פון געפאַר די אַלע אַרעסטירטע.

אַ טייל, ווי למשל, דעם פאָרזיצער פון מאָהילעווער קהילה און נאָך אייניקע, האָט מען אַרויסגעלאָזן נאָך פאַרן משפּט. די איבעריקע זיינען געווען צוגעמשפּט צו קליינע שטראָפן, און בלויז אַ טייל איז פאַרמשפּט געוואָרן על-פּי תּנאי (אַז מיט זיי וועט מער עס ניט פּאַסירן) צו 10 יאָר צוואַנגס-אַרבעט. די לעצטע האָט מען אויך דערנאָך אַרויסגעלאָזן פריי, נאָר-מען האָט זיי געשיקט אויפן פראָנט. דעם גרינגן פּסק-דין, איבערהויפּט צו די דעזערטירן, האָט דער געריכט ערקלערט מיט דעם, וואָס די באַשולדיקטע זיינען ניט פון דעם קלאַס ליידיקגייער, נאָר זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד-אַרבעט אַלס „חלוצים".

דער גרויסער עולם, וואָס איז בייגעווען דעם משפּט, האָט מיט וואַרימע אַפּלאָדיסמענטן באַגריסט דעם אַרויסגעלאָזענעם אורטייל.

דער פּראָצעס פון די „16 ציוניסטן" איז געווען דער איינציקער נצחון פון דער געזעלשאַפטלעכקייט אין קאַמענעץ אין דעמדאָזיקן פּעריאָד.

ווייטער האָבן די באָלשעוויקעס אַלץ געטאָן, ווי זיי האָבן געוואָלט, אַבסאָלוט זיך ניט רעכענענדיק מיט דעם, ווי עס רעאַגירט אויף זייערע מעשים די אָרטיקע באַפעלקערונג, און זאָגאַר די אַרבעטערשאַפט.

אַנדערש האָבן זיך אויך דאָסמאָל באַצויגן די יידן-באָלשעוויקעס צו דער יידישער באַפעלקערונג און צו די יידישע סאָציאַליסטן. דידאָזיקע באַציאונגען זיינען ניט געווען דיזעלבע, וואָס פון 1919 יאָר. איבערהויפּט אויסטערליש האָבן אויסגעזען די באַציאונגען פון די יידישע קאָמוניסטן, געוועזענע סאָציאַליסטן, צו זייערע חברים, יידישע סאָציאַליסטן. ערשט מיט אַ קורצער צייט

צוריק האָבן פיל פון זיי זיך באַהאַלטן אונטער די פלייצעס פון די יידישע סאָציאַליסטן און דערמיט זיך געראַטעוועט, און איצט זיינען זיי געקומען מיט „פאָרטפעלן" פון „צענטער", איבערגעביטן זייערע יידישע נעמען אויף גויאישע און געפירט כמעט אַ פערזענלעכן קאַמף קעגן זייערע געוועזענע חברים און פריינד.

אין אַלגעמיין איז געווען זייער שווער די לאַגע פון די יידישע סאָציאַליסטן. יעדער ייד, ווען אים האָט געטראָפן אַ אומגליק, האָט זיך גלייך געוואָרפן צו די יידישע סאָציאַליסטן, און די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אין 1919 ווירקלעך אַ סך אויפגעטאָן, אין דעם הינזיכט איצט אָבער זיינען זיי געווען מאַכטלאָז.

אייגענטלעך, האָבן שוין צו יענער צייט ניט עקסיסטירט די פעסטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע מען האָט געקענט טרעפן אין פאָדאָליע אין 1919—1917 יאָר.

די איבערגאַנגס-פעריאָדן, די פאָגראָם-כוואַליע, דער באָלשעוויזם האָבן אונטערגעגראָבן די עקסיסטענץ פון די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. זייערע רייען זיינען געוואָרן אַלץ שיטערער און שיטערער און די ווירקונג אויף דעם אַרומיקן לעבן—שוואַכער.

דער „פאַראייניקטער בונד" האָט ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

צערואינירטע, פאַרפאָלגטע און פאַרמאַטערטע, זיינען די יידישע אַרבעטער געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

איינצלנע פון זיי זיינען נאָך געבליבן ביי די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, איינצלנע פון זיי זיינען צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס, די מאַסע אָבער איז געבליבן אָן אַ זייט.

דערוויל זיינען פון קיעוו דערהאַלטן געוואָרן ידיעות, אַז דאָרט עקסיסטירט נאָך דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער בונד. גלייך האָט דער „פאַראייניקטער בונד" אין קאַמענעץ צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. און אויף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג איז דעצידירט געוואָרן די פראַגע צו ליקווידירן די אָרגאַניזאַציע פון „פאַראיי

ניקסן בונד". דער הויפט-קאָמיטעט האָט אויך באַשלאָסן אָפּצו-שטעלן זיין טעטיקייט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך אין קאַמענעץ רעס-טאַווירט דער אַלטער סאָציאַל-דעמאָקראַקישער בונד. די פּאַרטיי-ניקטע האָבן שוין מער ניט אויפגעשטעלט זייער אָרגאַניזאַציע.

אַ גרעסערע טעטיקייט האָבן אַרויסגעוויזן די „פּועלי-ציון", ביי וועלכע עס איז אויך פּאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אויף רעכטס און לינקס, נאָר זיי האָבן כּאָטש געאַרבעט צוזאַמען אין „באָראָ-כאָוו-קל ב".

אינקורצן איז פּאַר די יידישע סאָציאַליסטן פון קאַמע-נעץ-פּאָדאָלסק אויפגעקומען אַ נייע פראַגע — די באַציאונגען צום יידישן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט.

מען האָט זיך אין קאַמענעץ דערוואוסט, אַז לויט דעם אָפּ-מאַך צווישן דער ראַטן-מאַכט און דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע — פיין און פישער — איז געבילדעט געוואָרן אַ יידישער געזעל-שאַפטלעכער קאָמיטעט (יידגעזקאָם) — צו העלפן די פּאָגראָמירטע יידן פון די געלטן, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן פון אַמעריקע.

אין דעם קאָמיטעט האָבן געדאַרפט זיין פאָרגעשטעלט די יידישע קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די יידישע גע-זעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס (יעקאָפּאָ, אָרט, אָזע, קולטור-ליגע), די יידישע אַרבעטער, די יידישע אַרבעטנדיקע און פאַרשטייער פון אייניקע ראַטן-אַנשטאַלטן. אויף די ערטער האָבן זיך געדאַרפט בילדן קאָמיסיעס.

אין קאַמענעץ האָט זיך, לויט דער אָרטיקער איניציאַטיוו און לויט אַן אָפּמאַך צווישן די קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע גרופּן, געבילדעט אַזאַ מין קאָמיסיע, אין וועלכער עס זיינען גע-ווען פאָרגעשטעלט די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע עלעמענטן. די יידישע קאָמוניסטן האָבן זאָגאַר אָנגענומען מיטלען צו לעגאַליזירן דעם „יידגעזקאָם".

מיטאַמאָל — אַ גזרה: פון קיעוו איז געקומען דער פאָרשטיי-ער פון „יידגעזקאָם" . ע—ן און האָט געפאָדערט, עס זאָל גע-בילדעט ווערן אַ נייע קאָמיסיע, אין וועלכער עס זאָלן אַריין בלויז

קאָמוניסטן. אומזיסט האָבן די קאַמענעצער יידישע קאָמוניסטן אויפגעוויזן ע—נען, אַז זיין האַלטונג ברענגט אַ גרויסן שאָדן דער הילפס=אַקציע — עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. ע—ן איז געווען „בייז" און האָט געוואָלט נקמה נעמען פון די קאַמענעצער „קאָנטר=רעוואָלוציאָנערן". די קולטור=ליגע האָט זיך אַפילו געשטעלט אַנטקעגן, נאָר צום סוף האָט זי זיך דאָך אונטערגעגעבן.

„אָרט" האָט באַשלאָסן, ניט צו אָנערקענען דעם ריין „קאָמוניסטישן יידגעזקאָם". די קאַמענעצער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט אַ שאַרפן שמועס מיט ה' ע—ן. די ערשטע האָבן אָנגעוויזן, אַז עס איז נאָך ווייניק צו אַנטלויפן פון אוקראַינע קיין מאָסקווע, שליסן אָפּמאַכן פאַר די מיליאָנען אוקראַינער יידן מיט די יידיש=אַמעריקאַנישע פאָרשטייער, ניט אָנפרעגנדיק זיך אפ'לו ביים יידישן אַרבעטער — און נאָכדעם פאַלסיפיצירן דעם אָפּמאַך און שאַפן ריין קאָמוניסטישע „יידגעזקאָמען". די געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געבליבן אויף די ערטער און געאַרבעט לטובת די יידישע מאַסן אין אוקראַינע, קענען מיט אַזאַ מין באַלעבאַטעווען ניט איינשטימען.

ע—ן האָט אָבער זיינס אויסגעפירט: ער האָט פ אַ ר ח ת מ ע ט די אַ נ ש ט אַ ל ט ן פ ו ן „אָרט" — אַ „שוסטער=וואַרשטאַר" און אַ „סטאָלער=וואַרשטאַט". דערביי איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ה' ע—ן האָט ניט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצופאָדערן פון די באָלשעוויקעס די ד פוד פאָדעשוועס=לעדער, רעקווירירטע ביי אָרט, וואָס נאָך זיין קומען האָט עס געדאַרפט אַריבערגיין צום יידגעזקאָם.

די געשאַפענע „קאָמוניסטישע" קאָמיסיע האָט זיך געפילט זייער ניט באַקוועם און האָט כמעט גאָרנישט ניט אויפגעטאָן.

די יידישע קאָמוניסטן, הגם זיי האָבן זיך באַצויגן פיינדלעך צו די יידישע סאָציאַליסטן, האָבן זיי זיי דאָך געמוזט צוציען צו קולטורעלער אַרבעט, מחמת מאַנגל אין כוחות אויף דעם געביט.

די „יידישע סעקציע" פון פאָלקס=בילדונג האָט זיך פאַקטיש געפונען אין די הענט פון די יידישע סאָציאַליסטן.

באַזונדער און לגמרי איזאָלירט האָבן געלעבט די ציוניסטן.

לכתחילה האָבן זיי זיך געפּרובט צונויפרייידן מיט די יידישע סאָציאַליסטן, נאָר אַז פון דעם איז, געוויינלעך, גאָרנישט אַרויסגעקומען, האָבן זיי אויסגענוצט פּערזענלעכע איינפלוסן, כּדי איינצוהאַלטן זייערע אַנשטאַלטן.

די אוקראַינער פאַרנעמען ווידער קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און דעם געגנט.

(סעפּטעמבער 1920)

ווי שטענדיק, האָט מען מיט אַ טאָג פריער קיין זאַך ניט געוואוסט. פּלוצלונג קלאַפּט צו מיר אָן אַ באַקאַנטער סטודענט גאַנץ פריי און גיט איבער, אַז די באָלשעוויקעס פאַרלאָזן קאַמענעץ.

ווער פאַרנעמט זייער אָרט און ווער קומט אָנשטאָט זיי, און מיט וואָס ערקלערט זיך אַזאַ מין גיכע עוואַקואַציע פון די באָלשעוויקעס — האָט קיינער ניט געוואוסט

אין שטאָט האָט זיך גערעשט. די יידישע באַפעלקערונג אָבער איז געווען רואיק.

די רויטע אַרמייער האָבן שטיל פאַרלאָזט קאַמענעץ. עס האָט זיך געבילדעט אַ אָרטיקע ,מיליצע אָפּצוהיטן די אָרדענונג. די שטימונג ביי דער בירגערליכער באַפעלקערונג סיי יידישע, סיי ניט־יידישע, איז געווען זייער אַ פיינדליכע בנוגע די באָלשעוויקס,

אין שטאָט איז שוין קיין באָלשעוויסטיש מיליטער ניטאָ. בלויז איינצלנע רייטע אַרמייער טרעטן אָפּ. מען פאַרהאַלט זיי אַפריער, פון פראָנט, נאָר מען לאָזט זיי גיך אַרויס פריי און זיי פאַרלאָזן קאַמענעץ.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען די אוקראַאינער אַריינגעקומען אין שטאָט. דאָס מאָל שרעקט זיך שוין ניט די יידישע באַפעלקערונג, באַהאַלט זיך ניט; נאָר פאַרקערט, שפּאַצירט איבער די גאַסן פראַנק און פריי.

די קהילה האָט אַרויסגעשיקט פאָרשטייער מקבל־פּנים זיין

די אוקראינער. א צעירי-ציוניסט האט געהאלטן א באגריסונגס-רעדע.

מען איז עטלעכע מאל ארויסגעגאנגען אנטקעגן דעם אריינקו-מענדיקן מיליטער, זאגאר יום-כפור בייטאג. עס זיינען געגאנגען אויך די פרייוויליקע פייער-לעשער (דאס מערסט יידן) מיט זייער מוזיק. בראש איז געגאנגען דער רב.

די אוקראינער האבן פארנומען קאמענעץ אן עקסצעסן, פון ראיאן קומען אויך אן בארואיקנדיקע ידיעות. ביי דער בירגערלעכער יידישער באפעלקערונג איז א געהויבענע שטימונג.

קאלט און פאסיוו האבן זיך געהאלטן די יידישע סאציא-ליסטן, און זאגאר אייניקע אוקראינישע סאציאליסטישע קרייזן.

די ערשטע טעג האט זיך שטארק גערעשט בלויז ביי די צעירי-ציון.

גלייך ווי די אוקראינער זיינען אריין אין קאמענעץ, האט "תרבות" ארויסגעלאזן א מעלדונג, געקלעפט אין קאמענעצער גאסן, מיט א מגן-דוד און "ציון" פון אויבן, אויף 2 שפראכן, יידיש און העבראיש. אין דער מעלדונג איז געווען געזאגט, אז דער "גן ילדים", וועלכער איז געווען פארכאפט פון די יידישע סאציאליסטן*) און פון דער "קולטור-ליגע", די אנפירער פון "נאר-אבראז", איז אריבער אין די הענט פון "תרבות". **)

ביי אנדערע אומשטענדן וואלט זיך אזא "מעשה" פון די קאמענעצער "צעירי-ציון" פארענדיקט זייער טראגיש פאר די יידי-שע סאציאליסטן. דאס מאל אבער האט זיך די אוקראינער דעפענסיווע געהאלטן פארהעלטענישמעסיק רואיק, און עס איז אריבער די זאך גלאט.

ביסלאכווייז אבער פאלט אויך די שטימונג ביי די צעירי-ציון. זיי גלויבן שוין אויך ניט, אז די אוקראינער וועלן זיך איינהאלטן. די צעירי-ציון הייבן אן מאסנווייז פארלאזן קאמענעץ. עס פאר-לאזן אויך קאמענעץ די אקטיווסטע טוער פון צ. ק., ניט אפגעבנ-דיק קיין חשבון) פון די רעשטלאך פון דעם אמעריקא-

---

*) בילדונג-אפטיילונג ביי דער ראטן-מאכט.

**) דער אריגינאל געפינט זיך אין קאמענעצער קהילה, קאווער ק.ל. ער איז געווען געדרוקט אין גוסיאטינס דרוקעריי.

נער קאָמיטעט, וועלכע זיי האָבן באַקומען פאַרן אַריינגייןפון די באָלשעוויקעס אין חודש יולי.

איצט האָבן די באַלעבאַטים יידן דער פילט, אַז עס איז פאַר זיי ערשט געקומען די אמתע צייט.

אין די סאָציאַליסטישע קרייזן האָט געהערשט אַ אַפּאַטיע, די צעירי=ציוניסטן זיינען זיך צעלאָפן און די „געקליבענע פאָרשטייער" פון די בתי=מדרשים האָבן זיך גענומען צו דער „אַרבעט". צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ ייד וואָס איז רייכגעוואָרען, אין דער מלחמה, אַ „ווינקל=אַדוואָקאַט", אַ כלל=טוער, וואָס איז „געשטרויכעלט" געוואָרן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און סתם אַ ייד אַ ליידיקגייער. פאַר זיי איז זאָגאַר די אַחדות=ציוניסטישע קהילה געוועזן צו לינק, און זיי האָבן געשטרעבט צו ליקווידירן די קהילה און פאַרנעמען איר אָרט. איבערהויפּט האָט צוגעצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט די אַמעריקאַנער געלט. און אין דערזעלבער צייט זיינען בוכשטעבלעך די אַלטע לייט פון „מושב=זקנים" געשטאָרבן פון הונגער. און די תלמוד=תורה האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרמאַכן.

די יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט קיין פּאָליטיק, האָבן אַרויסגעוויזן אַ גלייכגילטיקייט אויך צו דער פראַגע וועגן קהילה. זיי האָבן קיין אָנטייל ניט גענומען אין דעם יידיש=אַמעריקאַנישן קאָמיטעט. די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון פרעזידיום פון קאָמיטעט (אויסער די סאָציאַליסטן און צעירי=ציון; די לעצטע זיינען זיך צעפּאָרן) האָבן זיך פאַרנומען מיט דער ליקווידאַציע פון קאָמיטעט.

לויט דער איניציאַטיוו פון די סאָציאַליסטן, האָט זיך געבילדעט אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריין: „קולטור=ליגע", „יעקאָפּאָ", „אָזע" און „אָרט".

דערדאָזיקער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט האָט באַזאָרגט די אַלע אינסטיטוציעס, איבערהויפּט די יתומים=הייזער און די קינדער=גערטנער, מיט געלט. די לאַגע פון די אַנשטאַלטן איז געוועזן זייער אַ שווערע. דער קאָמיטעט האָט געזוכט צו פאַרבינדן זיך מיט דעם ד. ד. ק. אין וואַרשע, און האָט דערווייל אויסגעליען געלט ביי פּריוואַטע פּערזאָנען.

פאַר דער צייט האָבן די אוקראַינער פאַרנומען פּראָסקוראָוו, אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו און זיך דערנענטערט צו ווינניצע. אין קאַמענעץ און אין קאַמענעצער ראַיאָן איז געווען שטיל. וועגן די כוונות און די מעשים פון דער אוקראַינישער רעגירונג האָט מען געהאַט אַ שוואַכע אַנונג.

מען האָט נאָר געוואוּסט, אַז עס איז געבליבן די דירעקטאָריע (פּעטליורע) און אַז דער קאַבינעט איז אַ רעכטער.

אין 7—6 וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי קאַמענעץ איז פאַרנומען געוואָרן דורך די אוקראַינער, איז אין שטאָט אַראָפּגעקומען די אוקראַינישע רעגירונג. צווישן אַנדערע איז אויך געקומען דאָס יידישע מיניסטעריום.

אין 2 טעג אַרום האָבן די אוקראַינער ווידער געמוזט פאַרלאָזן קאַמענעץ און אויך אוקראַינע אונטער דעם דרוק פון דעם באָלשעוויסטישן מיליטער.

ווידער באָלשעוויקעס אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק.

(סוף 1920-אָנהייב 1921)

די שטימונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג פאַר דעם אַריינקומען פון די באָלשעוויקעס אין נאָוועמבער 1920 איז געווען זייער אַ געדריקטע.

דער פאַרמעגלעכער קלאַס האָט עמיגרירט קיין אויסלאַנד, עס איז אויך געלאָפן דער פּשוטער ייד, וועלכער האָט זיך געוואָלט אַריבערפעקלען קיין אַמעריקע.

שוין דער אַריינקומען פון די באָלשעוויקעס אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק האָט ניט געוויזן אויף קיין גוטס. די קאַוואַלערישע טיילן, וועלכע האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָבן גלייך גענומען זיך צו ראַבעווען די באַפעלקערונג. עס האָבן זיך זייער אָפט געהערט אַנטיסעמיטישע אויסרופן. די ערשטע נאַכט זיינען צעראַבירט גע-

וואָרן פיל הייזער, צווישן זיי די קאָלאָניע פאַר שוואַכע קינדער פון „אָזע". ווען די פּאַרוואַלטערינס פון דער קאָלאָניע זיינען געקומען מיט אַ אָנקלאָגע צו דעם קאָמענדאַנט, האָט ער זיי באַגעגנט זייער קאַלט און האָט גאָרניט געטאָן, כדי צו געפינען די שולדיקע.

עס איז ניט געווען צו וועמען צו טענהן און פאַר וועמען צו קלאָגן זיך.

עס האָבן געפעלט אַפילו די אויסערליכע אַטריבוטן, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַריינקומענדיקע טיילן פון דער רויטער אַרמיי: עס זיינען ניט פאַרגעקומען קיין מיטינגען. עס זיינען ניט אַרויסגעלאָזן געוואָרן קיין אויפרופן און עס האָבן זיך ניט געהערט קיין רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. דאָס זיינען שוין ניט געווען יענע רויטע אַרמייער, וואָס האָבן די פריערדיקע צוויי מאָל פאַרנומען קאַמענעץ.

אין שטאָט איז אַריינגעקומען אַ פרעמדע מיליטער-מאַכט, וועלכע האָט, פשוט, אָקופּירט דעם געגנט. און אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג. פאַרנאַכט פלעגט מען שוין ניט זען קיין לעבעדיקן מענטשן אין גאַס. טיר און טויער פלעגן ווערן פאַרשפאַרט, און אַן אימה פלעגט אַלעמען אַרומנעמען.

אינגיכן זיינען די קאַוואַלעריסטן אַוועקגעגאַנגען ווייטער און אין שטאָט איז געוואָרן פאַרהעלטענישמעסיק רואיקער. נאָר אין „צענטער" האָט מען גוט געדענקט דעם „קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן" קאַמענעץ און מען האָט אַראָפּגעשיקט גאַנצע 3 (דריי) „טשרעזווי-טשאַיקעס" צו „ראַמען". כאָטש צו וואָס האָט מען, אין פלוג, געדאַרפט דריי טשרעזוויטשאַיקעס, אַז די אמתע קאָנטער-רעוואָלוציאָנער זיינען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט דער אוקראַינישער אינטעליגענץ און געבליבן איז נאָר דער מיטעלער קלאַס מיט די אַרבעטער און אָרימעלייט? נאָר דאָס איז קיין קשיא ניט: ליידיק וועלן זיי ניט זיצן, זיי וועלן שוין „שאַפן" פאַר זיך אַרבעט. ס'מאַכט ניט אויס, אַז דורך ניט קיין כשרע מיטלען, אַפילו דורך פּראָוואָקאַציע.

אָט, למשל, ווענדט זיך איינער אַ „טשעקיסט" צו אַ יידן, ער זאָל אים שאַפן גאָלדענע מטבעות. דער „טשעקיסט" פאַרזיכערט

דעם יידן, אַז ער דאַרף דאָס האָבן פאַר זיך, פאַר זיינע ציין דער גייט און קויפט איין דאָס גאָלד און אַז דער ייד ברענגט עס צום טשעקיסט, אַרעסטירט ער אים און צווינגט אים, ער זאָל אַרויסגעבן די מענטשן, ביי וועמען ער האָט די גאָלדענע מטבעות געקויפט. ער זאָגט אים דערביי צו, אַז מען וועט אַראָפּנעמען פון אים די שטראָף, אויב ער וועט אויסזאָגן. דער ייד איז זיך מודה, און עס ווערן גלייך אַרעסטירט די אַלע, וואָס האָבן פאַרקויפט דעמדאָזיקן יידן, פעלדמאַנען, צו איינע אָדער צו 2 מטבעות.

דער משפט איבער זיי איז אַ קורצער: לויט אַ באַשלוס פון קאַמענעצער פּאָוויאַטאָוון „טשעקאַ" ווערן די אַלע, וואָס זיינען שולדיק אין פאַרקויפן די גאָלדענע מטבעות בתוכם דער מעקלער, פעלדמאַן, פאַרמשפּט צום טויט. אין דעם אורטייל האָט אויך אָנטייל גענומען דער „טשעקיסט", וואָס האָט פּראָוואָצירט די גאַנצע מעשה.

אין דערזעלבער צייט זיינען אויך פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט נאָך איינציקע יידן און קריסטן צוליב פאַרשיידענע „פאַרברעכן". צווישן די פאַרמשפּטע איז געווען אַ 72-יאָריקער ייד, משה הויכמאַן, וועלכן מ'האָט באַשולדיקט אין געבן שוחד אַ „טשעקיסט" בשעת יענער האָט ביי אים געפונען גאַלאַנטעריי-סחורה. בסך-הכל איז לויט דעם פּובליקירטן צעטל אין די „קאַמענעצער ידיעות" דערשאָסן געוואָרן 14 מענטשן. צווישן די דערשאָסענע זיינען געווען אָנגעזעענע קאַמענעצער באַלעבאַטים, יאַכים ווייַנבוים, 55 יאָר, שרול פעלדמאַן, משה הויכמאַן, 72 יאָר און נאָך איינציקע.

איבערהויפּט האָט אויפגערודערט די שטאָט דער טויט פון יאַכים ווייַנבוים. ער איז געווען אַ אינטעליגענטער סוחר, וואָס איז מחמת דער קריג פאַראָרימט געוואָרן. די איינציקע שטיצע, זיין איידים — אַ דאָקטאָר-כירורג — האָבן די באָלשעוויקעס מאָביליזירט. די נייט איז געווען זייער גרויס. די גאַנצע שולד פון ווייַנבוימען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט פאַרקויפט אַ באַקאַנטן

יידן—אַ מעקלער — 2 גאָלדענע פינפרובלדיקע. און דערפאַר האָט מען אים געשאָסן. די געשיכטע מיט די 14 געהרגעטע האָט געמאַכט אַ דערשיטערדיקן איינדרוק אין שטאָט.

קאַמענעץ-פּאָדאָלסק און דער ראַיאָן, וואָס האָבן זיך, אַדאַנק זייער געאָגראַפישער לאַגע, אַ לענגערע צייט געפונען אונטער אַ בורזשואַז-דעמאָקראַטישער אָרדענונג, האָט געלעבט פאַרהעלטע-נישמעסיק רואיק.

די געקומענע באָלשעוויסטישע מאַכט האָט געוואָלט דורכ-פירן אין קאַמענעץ מיט איין קלאַפּ אַלע דעקרעטן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ראַטן-רוסלאַנד אין משך פון לאַנגע חדשים, און וואָס עס איז געווען פיזיש אוממעגלעך פאַר די קאַ-מענעצער איינוואוינער.

צוערשט האָט מען רעאַליזירט די דעקרעטן בנוגע צו דער ש ט אָ ט י ש ע ר באַפעלקערונג, ווייל מיט דעם דאַרף האָט מען זיך געמוזט באַגיין, ווילנדיק ניט ווילנדיק, עטוואָס ווייכער.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פאַראָרדענונגען וועגן רע-גיסטרירן פאַרשיידענע סחורות, האַנטווערקער-געצייג, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, מעבל און נאָך אַנדערע געגנשטאַנדן. דערנאָך זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַראָרדענונגען איבערצוגעבן די רע-גיסטרירטע סחורה און די אַנדערע זאַכן אין די ראַטן-אָרגאַנען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רעקוויזיציעס פון מעבל. געוויינלעך האָבן די סוחרים, קרעמער, בעלי-מלאכות און אַנדערע פאַראינטערע-סירטע פאַרבאַהאַלטן זייער פאַרמעגן — און דאַן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע „אַרבעט" פון דער „טשרעזוויטשאַיקע": מען האָט געמאַכט רעוויזיעס אין פּריוואַטע הייזער, געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, קלויסטערס, שולן — און מען האָט געפונען פאַרבאַ-האַלטענע סחורה, גאָלד, זילבער, געלט.

די לאַגע פון די ברייטסטע יידישע מאַסן איז געוואָרן זייער אַ שווערע, כמעט אַלע יידישע פרנסות זיינען אונטערגעהאַקט גע-וואָרן, 500-600 קליינע קרעמער זיינען געבליבן אָן חיונה. מען האָט אנגעהויבן ריידן, אַז מען וועט ביי זיי אויך רעקווירירן די

הילצערנע קלייטן, אין וועלכע זיי האָבן געהאַלטן זייער ביסל סחורה אופן מאַרק.

בעלי־מלאכות זיינען געבליבן אָן אַרבעט. די יידישע אַרבע־טער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי זיי,זיינען אויך געוואָרן אַרבעטס־לאָז די אינטעליגענץ (דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן לע־רער) איז געוואָרן מאָבילִיזירט. די מאָבילִיזירטע אינטעליגענץ צוזאַמען מיט די אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען פאַרנומען אין די נאַציאָנאַליזירטע אונטערנעמונגען, און די ראַטן־אָנגעשטעלטע האָבן געבילדעט די פּריווילעגערטע קאַטעגאָריע.

זיי האָבן באַקומען 6000 געהאַלט אַ חודש, פאַר וועלכע מען האָט דאַמאָלסט געקענט באַקומען 30 פונט ברויט; דערצו האָבן זיי אויך באַקומען כלומרשט אַ פּאַי.

די באָלשעוויקעס האָבן דאַן אַרויסגעלאָזן דעקרעטן וועגן אָפּשאַפן דעם פּריוואַטן האַנדל, ניט באַזאָרגנדיק די אָרטיקע באַ־פעלקערונג מיט פּראָדוקטן.

די עקאָנאָמיש אָפּגעשוואַכטע יידישע אַרבעטער — און אין אַלגעמיין די יידישע מאַסן — האָבן ניט געשפּילט קיין ראָל אין פּאָליטישן היגזיכט. צווישן די יידישע אַרבעטער האָט זיך אָנגע־הויבן אַנטוויקלען אַ פולקומער פּאָליטישער אינדיפערענטיזם.

נאָך דער מיליטערישער מאַכט, האָט די הויפּט־ראָלע גע־שפּילט די אַלגעמיינע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (פּאַרקאָם). מען האָט זיך ניט גערעכנט ניט מיטן קאָמבונד (קאָמוניסטישן בונד) ניט מיט יעקאָפּע (פּועלי־ציון קאָמוניסטן).

אין יידישע פראַגן איז דער איינציקער אַוטאָריטעט געווען די יידישע אָפּטיילונג ביים „פּאַרקאָם“, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ 6־7 יידן־קאָמוניסטן.

די „יידישע אָפּטיילונג“ האָט געדאַרפט צושטעלן אַ פאַר־וואַלטער אין דער יידישער סעקציע פון פאָלקס־בילדונג, און אונ־טער איר השגחה האָבן זיך געדאַרפט געפינען די אַלע יידישע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן נאָך עקסיסטירט אין קאַמענעץ און אין ראַיאָן. מיט דער מיינונג פון „יעוואָדעל“ האָט זיך, לויט די אינ־סטרוקציעס פון צענטער, געדאַרפט רעכענען דער „פּאַרקאָם“ און

„רעוווקאָם“ אין די אַלע פאַלן, וואָס עס האָט אָנגערירט די אינ־טערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די עטלעכע יידן, וואָס האָבן געהערט צו דער אַלגעמײנער קאָמוניסטישער פאַרטיי, זיינען געווען באַשעפטיקט אויף ראַטן־שטע־לעס, און האָבן זיך דעריבער ניט געקענט אָפּגעבן דער אַרבעט אין די יידישע סעקציעס. חוץ דעם, זיינען אויך געווען ווייניק פאַסיקע פערזאָנען צווישן דער יידישער סעקציע. דעם „פאַרקאָם“ איז געבליבן נאָר 2 וועגן: אָדער צוציען צו דער אַרבעט פערזאָ־נען פון אַנדערע פאַרטייען, נאַציאָנאַל־קאָמוניסטישע און סאָצי־אַליסטישע, אָדער אינגאַנצן ניט באַטייליקן זיך אין די אַנטשפרע־כנדיקע יידישע אָרגאַנען.

אַזאַ לאַגע איז ווירקלעך געשאַפן געוואָרן אין קאַמענעץ־ווען בראש פון דער יידישער סעקציע ביי דער אָפּטיילונג פון פאָלקס־בילדונג איז געשטאַנען אַ פועלי־ציוניסט (יעקאָפּיסט). עס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ באַראַטונג ביי דער יידישער סעק־ציע, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען נאַציאָנאַל־קאָמוניסטן, יידישע סאָציאַליסטן, אייניקע ציוניסטן — און קיינער ניט פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פאַרטיי. צווישן די קולטור־טוער און לערער פון קאַמענעצער פּאָוויאַט האָבן זיי ניט געהאַט קיין מיט־גלידער.

דער „צענטער“ האָט געוואוסט וועגן דערדאָזיקער סיטואַציע אין דער פּראָווינץ און האָט זיך באַמיט אַראָפּשיקן אַהין ניט קיין היגן יידישן קאָמוניסט, אויף וועלכן די אָרטיקע טוער, דערהויפּט די יידישע סאָציאַליסטן—זאָלן ניט קענען האָבן קיין ווירקונג.

אַזוי האָט מען אויך אַראָפּגעשיקט קיין וויניצע, אַלס פאַר־וואַלטער פון דער גובערניאַלער יידישער סעקציע ביי דער אָפּטיי־לונג פון פאָלקס־בילדונג, אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלע שנאה צו דער קולטור־ליגע, וואו דאָס רוב האָבן געאַרבעט יידישע סאָציאַליסטן.

אָט אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט געלעבט די יידישע באַ־פעלקערונג, קליגנדיק זיך שטענדיק ווי צוצופּאַסן זיך צו דער ניי געשאַפענער סיטואַציע. נאָר וואָס ווייטער, איז געוואָרן אַלץ ער־

גער און ערגער. די באפעלקערונג האט אויפגעהערט נעמען די באל-שעוויסטישע געלט — און די „טשרעזוויטשאיקע" האט אויף דעם גע-ענטפערט מיט טעראר. די לאגע אין קאמענעץ איז געווארן אומדערטרעגלאך. אלע טאג נייע ארעסטן, רעוויזיעס, — און קיין סוף דערפון זעט זיך ניט...

איך באגעגן א באקאנטן קאמוניסט, א געוועזענעם בונדיסט, וואס איז געקומען אויף א פאר טעג קיין קאמענעץ. ער וואונדערט זיך, ווי מיר לעבן דא. קאמענעץ, זאגט ער, איז ענלאך אויף א משוגעים-הויז.

דער טעראר האט זיך אלץ מער פארשטארקט. מען האט ארעסטירט דעם פארזיצער פון שטאט-דומע — מיראנסקען — א ייד, א רעכטער סאציאל-רעוואלוציאנער, און דעם געוועזענעם שטאט גאלאווא קילימניק, א לינקער אוקראינישער סאציאל-דעמאקראט, וועלכער איז געווען זייער פאפולער צווישן דער יידישער באפעל-קערונג פאר זיין טעטיקייט בעת דעם קאמענעצער פאגראם די יידישע סאציאליסטן האט די „טשרעזוויטשאיקע" ניט געטשעפעט.

דערווייל איז ארויס א דעקרעט וועגן וואלן אין ארבעטער-און פויערים-ראט. גענוי, וואו און וועלכן טאג די וואלן דארפן פארקומען, האט מען ניט באשטימט.

אויסער די אלגעמיינע קאמוניסטישע גרופע האט קיין פא-ליטישע פארטיי קיין אנטייל ניט גענומען אין די וואלן, מחמת אין אזא אטמאספער פון טעראר האט קיין גרופע קיין חשק ניט געהאט צו פארנעמען זיך מיט וואלן, נאר צופעליק זיינען אין אייניקע פראפעסיאנעלע פאראיינען דורכגעגאנגען אר בעטער — אומפארטיי-אישע און יידישע סאציאליסטן.

די וואלן זיינען געווען אומעטום אפענע און לויט די צעט-לען, וועלכע ס'האט צוגעשטעלט די קאמוניסטישע פארטיי.

אויף דעם צוזאמענפאר פון די ארבעטער און פויערים האט זיך געבילדעט אן אפאזיציע פון א באדייטנדער פויערשער גרופע, נאר ניט האבנדיק אויף דעם צוזאמענפאר די פאליטישע פאר-

טייען, וועלכע זאָלן קענען אָנפירן מיט דערדאָזיקער אָפּאָזיציע, איז זי זיך גיך צעפאַלן.

דער אינטערעס צום צוזאַמענפאָר איז געווען זייער אַ קליינער, מען איז געווען איבערצייגט, אַז ביי די עקסיסטירנדיקע באַדינגונגען וועלן דיזעלבע פערזאָנען אויסגעקליבן ווערן אויך ווייטער. ווירקלעך, די שטימונג האַט זיך ניט געביטן.

די קריסטלעכע באַפעלקערונג, וועלכע האָט נאָך געהאַט די מעגליכקייט, האָט אַריבערגעוואַנדערט אין דאָרף, וואו די ווירקונג פון דער ראַטן-מאַכט איז געווען זייער שוואַך. די יידישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן מאַסנווייז צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. איצט איז שוין געלאָפן די מאַסע. עס איז געלאָפן אַ סוחר'ל, אַ קרעמערל, אַ בעל-מלאכה, אַן אַרבעטער און עס איז געלאָפן דער אינטעליגענט, אַ לערער, אַן אַדוואָקאַט, אַ דאָקטאָר, אַ אינזשענער.

עס זיינען געלאָפן מענטשן פון פאַרשיידענע איבערצייגונגען, אפילו קאָמוניסטן. מען איז געלאָפן קיין גאַליציע און קיין בעסאַראַביע. די נערוועזיטעט האָט דערגרייכט די גרעסטע מדרגה: עס איז געווען גענוג די קלענסטע סיבה — מען זאָל איבערלאָזן דעם גאַנצן פאַרמעגן אויף הפקר, און דורכמאַכן ווי עס איז די 18—30 וויאָרסט, וואָס טיילט אָפּ אוקראַינע פון דער אויסערלעכער וועלט.

אָבער ניט אַלע האָבן געקענט פאָרן; בלויז יחידים האָט אָפּגעגאָלטן צו באַקומען ערלויבענישן, דער גרעסטער אָבער האָט אַפילו ניט געקענט אַריבערפאָרן אין איין אַנדער שטאָט אין אוקראַינע אָדער אין רוסלאַנד. און אויף אַזאַ אופן איז מען געוואָרן אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט.

די אַנשטאַלטן האָבן איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס. אין אַ משך פון 6 חדשים האָט מען געלעבט בלויז מיט די רעשטלעך פון דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט און מיט די פּראָדוקטן, וועלכע מען האָט באַקומען פון דער ראַטן-מאַכט. מען דאַרף באַמערקן, אַז די ראַטן-אָרגאַנען האָבן מיט אַלע מעגלעכקייטן אונטערגעהאַלטן די קינדער-אַנשטאַלטן, נאָר וואָס האָבן זיי געקענט געבן, אַז זיי אַליין האָבן ווייניק געהאַט?

פלוצלונג באַקוטען די יידישע כלל-טוער פון די פאָרשטייער פון דער קאַמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו-יאָרק, וואָס האָבן זיך געפונען אין בעסאַראַביע, אַ פאָרשלאָג, מ'זאָל זיך נעמען ווייטער פאָרזעצן די הילפס-אַקציע אויף געוויסע באַדינגונגען און מען זאָל זיך אויך פאַרנעמען מיט העלפן עוואַקואירן די עמי-גראַנטן — קרובים, פרויען, עלטערן, שוועסטער, ברידער פון די אַמעריקאַנער בירגער, פאַר וועלכע עס געפינען זיך שוין געלט און פאַפירן אין בעסאַראַביע.

נאָך לאַנגע באַראַטונגען האָט מען באַשלאָסן פון דער אַרבעט זיך ניט אָפּזאָגן. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן די הילפס-אַקציע דורך דעם „יידגעזקאָם" (יידישן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט). דורך די יידישע קאָמוניסטן פון יידגעזקאָם האָט מען געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דעם רעווקאָם, ער זאָל לעגאַלי-זירן דידאָזיקע אַרבעט. דער רעווקאָם האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פון זיין זייט אָננעמען אַלע מיטלען, אַז דער יידגעזקאָם זאָל קע-נען דורכפירן זיין אויפגאַבע. דער קאַמענעצער רעווקאָם האָט אַרויסגעגעבן די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן ערלויבענישן, זיי זאָלן קענען קומען אין קאַמענעץ.

אין די אַרויסגעגעבענע פאַפירן איז געווען געזאָגט, אַז דער קאַמענעצער רעווקאָם נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פערזענלעכער אומבאַרירלעכקייט פון די דעלעגאַטן און פאַר דער גאַנצקייט פון זייער פאַרמעגן.

די פאָרשטייער פון דער קאַמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט האָבן געהאַט געוויסע דירעקטיוון, לויט וועלכע זיי האָבן געדאַרפט איבערגעבן דאָס געלט אין דער אָנוועזנהייט פון די קאַמענעצער רבנים. די אַרבעט האָט זיך געדאַרפט פירן אונטער זייער השגחה. ווייזט אויס, די מיטגלידער פון קאַמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו-יאָרק האָבן נאָך געלעבט מיט יענע באַגריפן וועגן קאַמע-נעץ, מיט וועלכע זיי האָבן מיט לאַנגע יאָרן צוריק פאַרלאָזן זייער היים. זיי האָבן גאָר ניט גענומען אין אַכט, אַז קאַמענעץ, ווי אַלע שטעט אין געוועזענעם רוסלאַנד, האָט דורכגעלעבט אַ וועלט-מלחמה און נאָכדעם די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע.

די פאָרשטייער פון קאַמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט, קומענדיק אין קאַמענעץ, האָבן געפּרובט פאַראינטערעסירן די רבנים, נאָר יענע האָבן זיך געהאַלטן פון ווייטן.

נאָך פיל אונטערהאַנדלונגען און נאָך אַ קאַטעגאָרישער פאָדערונג פון די דעלעגאַטן, אַז אין דער אַרבעט זאָלן אָנטייל נעמען אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך ביים יידגעזקאָם געבילדעט אַ ראַט, אין וועלכען עס האָבן אָנטייל גענומען אַלע גרופן פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי: אחדותניקעס, ציוניסטן, צעירי=ציון, פאָלקס=פאַרטיי, יידישע=סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, און אויך פאָרשטייער פון געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און מיטגלידער פון יידגעזקאָם.

דער אויספיר=ביוראָ פון דעם „ראַט" איז געווען די קאָמיסיע פון יידגעזקאָם, אין וועלכן ס'זיינען געבליבן 2 קאָמוניסטן. די לעצטע האָבן קאָאָפּטירט אין זייער קאָמיסיע נאָך אַ יידישן סאָציאַליסט, אַלס פאָרשטייער פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

דער יידגעזקאָם האָט זייער אַ סך אויפגעטאָן מיט די מיטלען פון דער קאַמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט.

די קינדער אין די יתומים=הייזער, קינדער=גערטנער און שולן האָבן אויפגעהערט פרירן און הונגערן. די לאַגע פון דעם מושב=זקנים איז פאַרבעסערט געוואָרן. מיט דער הילף פון „סאָבעז" (אָפּטיילונג פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג) און יידגעזקאָם האָט אָנגעהויבן ווידער צו פונקציאָנירן די ביליגע קיך פאַר 250 פערזאָן. מען האָט אויפגעשטעלט די קאָלאָניע פון „אָזע" פאַר שוואַכע קינדער, וואָס איז צעראַבירט געוואָרן, מען האָט באַשטימט צו עפענען נייע קינדער=אַנשטאַלטן (אין דעם פוילישן פולוואַרעק ווינקאָוועץ, קראַוואָסאַר).

מען האָט אויך מיטגעהאָלפן דער עוואַקואַציע פון עמיגראַנטן צו זייערע קרובים קיין אַמעריקאַ. ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ אינפאָרמאַציע=ביוראָ, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די עמיגראַנטן די געהעריקע אינפאָרמאַציעס. אין אַלגעמיין איז די אינפאָרמאַציע=אָפּטיילונג געווען אַוועקגעשטעלט זייער ברייט.

די אַרבעט פון יידגעזקאָם האָט זיך צעוואַקסן. ער איז

געוואָרן דער איינציקער אָרגאַן פון הילף פאַר דער יידישע באַפעלקערונג. דער יידגעזקאָם צוזאַמען מיט די געזעלשאַפטן (קאָפּע, אָרט, אָזע, קולטור-ליגע), וועלכע האָבן צו אים געהערט, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די איינציקע לעגאַל עקסיסטירנדיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען.

אזוי ווי די יידישע סעקציע ביי דער אָפּטיילונג פון פאָלקסבילדונג איז געווען פערסאָנעל צוזאַמענגעבונדן מיט דעם יידגעזקאָם, במילא איז אויסגעקומען, אַז כמעט אַלע פראַגן, וועלכע זיינען געווען נוגע דער יידישער באַפעלקערונג, זיינען באַשלאָסן געוואָרן דורך די נאַציאָנאַל-קאָמוניסטן און די יידישע סאָציאַליסטן.

צווישן די אַלגעמיין עקסיסטירנדיקע באַדינגונגען אין שטאָט און דער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דער יידגעזקאָם, איז געווען אַ גוואַלטיקער אונטערשייד. בשעת די גאַנצע שטאָט האָט זיך געצאַפּלט אין טעראָר, דער גאַנצער באַלעבאָס איז געווען די „טשרעזוויטשאַיקע"‚—האָט אין דערזעלביקער שטאָט עקסיסטירט דער יידגעזקאָם, וועלכער איז געווען אומבאַרירלעך לויט דעם אָפּמאַך מיט די אַמעריקאַנער און לויט געהיסע אינסטרוקציעס פון דער העכערער באָלשעוויסטישער מאַכט, און וועמעס טעטיקייט ס'האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפן קיינעמס קאָנטראָל. אָבער אַזאַ לאַגע האָט לאַנג ניט געקענט דויערן. דאָס האָבן געפילט די אַלע, וועלכע האָבן געאַרבעט אין יידגעזקאָם. עס האָבן זיך גענומען טראָגן קלאַנגען, אַז די „טשרעזוויטשאַיקע" שאַרפט די ציינער אויף דעם קאָמיטעט. געוויינלעך, מאַטעריאַל, צו וואָס צוצוטשעפּען זיך, איז געווען מער ווי גענוג: דער קאָמיטעט האָט, למשל, אַליין אויפגעקויפט פּראָדוקטן פאַר די אַנשטאַלטן, וואָס לויט דער „טשרעזוויטשאַיקע" האָט דערפאַר געקומט אַ גרויסע שטראָף.

דעם ערשטן אָנזאָג האָט געגעבן דער „פאַרקאָם" אַליין. די יידישע קאָמוניסטן, מיטגלידער פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָבן זיך אַרומגעזען, אַז די אַרבעט פון יידגעזקאָם פירט זיך אָן זיי, האָבן זיי דעריבער קאָמאַנדירט פון פאַרקאָם אַ יידישן יונגן מאַן, וועלכער האָט געטראָגן אַ קריסטלעכע

פאַמיליע און האָט גערעדט נאָר רוסיש, כאָטש אין יידגעזקאָם האָט זיך אַלץ געפירט אויף יידיש. דערדאָזיקער יונגערמאַן האָט פאַרנומען די ראָל פון אַ פאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון די ראַטן=מאַכט. איינע פון זיינע ערשטע פאָדערונגען איז געווען, אַז דאָס געלט, וואָס ווערט געשיקט פון דער אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע קיין קאַמענעץ, זאָל געשיקט ווערן אין דאָלאַרן אָדער אין אַ אַנדער אויסלענדישער וואַליוטע, און ניט ווי איצט — אין דער ראַטן=וואַליוטע. די דיפערענץ איז אויסגעקומען אין 100 מאָל.

דער יידגעזקאָם האָט ניט געפונען פאַר מעגלעך צו פאָדערן פון די דעלעגאַטן, זיי זאָלן ברענגען זייערע געלט אין דער אויסלענדישער וואַליוטע. דאַן איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג, אַז די געלט פון קאַמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט מוז צוגעשיקט ווערן אין דער אויסלענדישער וואַליוטע, וועלכע דאַרף, נאַטירלעך, אַריינגעטראָגן ווערן אין דער מלוכה=באַנק און דאָרט אויסגעביטן ווערן, לויט דעם אָפיציעלן קורס, אויף דער ראַטן=וואַליוטע.

דאָס איז געווען דער ערשטער קאָנפליקט. בכלל איז קלאָר געוואָרן, אַז ביי די געשאַפענע באַדינגונגען וועט די אַרבעט פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס זיך ניט קענען אַנטוויקלען. אויף יעדן טריט און שריט זיינען געווען אומפאַרמיידלעכע שטערונגען. פון איין זייט האָט דער יידגעזקאָם אַליין ניט געהאַט דאָס רעכט צו קויפן פראָדוקטן לויט די מאַרק=פרייזן; און פון דער צווייטער זייט זיינען די אָרגאַנען פון דער ראַטן=מאַכט, וועלכע האָבן לויטן אָפמאַך מיט די אַמעריקאַנער געדאַרפט באַזאָרגן מיט פראָדוקטן דעם יידגעזקאָם, ניט געווען אומשטאַנד צו באַזאָרגן.

די עמיגראַציע=אַרבעט האָט זיך אויך געמוזט אָפשטעלן, ווייל בשעת די ידיעות, אַז די טעטיקייט פון יידגעזקאָם האָט זיך ברייט צעוואַקסן, איז די עמיגראַציע פון ראַטן=רוסלאַנד און ראַטן=אוקראַינע פלוצלונג שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן.

אויך אין יידגעזקאָם גופא איז ניט אַלץ געגאַנגען כשורה. די קאָמוניסטן, וועלכע זיינען געווען באַשטימט פון צענטער, האָבן אויך זיך געקוקט ווי אויף „פריווילעגירטע” אין יידגעזקאָם. ניט

שטענדיק האָבן זיי געפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז גע־לעגן אויף זיי, אַלס אָנפירער פון דעם איינציקן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַן אין קאַמענעצער ראַיאָן.

מען האָט געשפּירט, אַז לאַנג וועט אַזאַ מין לאַגע ניט קע־נען דויערן.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער צ. ק. און דאָס אויספיר־ביוראָ פון דער קולטור־ליגע זיינען פונאַנדערגעלאָזט גע־וואָרן און עס איז באַשטימט געוואָרן אַ אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרטראָטן די מיטגלידער פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פאַרטיי און קאָמבונד. מען האָט אויך איבערגעגעבן, אַז די איבעריקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס וועלן אויך ליקווידירט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין קורצן וועט די „רייי" דערגיין אויך צו קאַמענעץ און מיר אַליין האָבן אָנ־געהויבן קלערן וועגן ליקווידאַציע.

דאָס צוטרייבן די קולטור־ליגע אין קיעוו האָט געמאַכט אין דער פּראָווינץ אַ פּיינלעכן איינדרוק. די קולטור־ליגע איז גע־ווען די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ביי אַלע איבערגאַנגס־מאָמענטן קאָנצענטרירט אַרום זיך די דעמאָקראַטישע עלעמענטן. אין אייניקע ערטער אין פּאָדאָליע האָט די קולטור־ליגע זיך זייער שיין צעבליט. אין מעדזשיבאָזש, למשל, האָט די ק. ל. פאַרמאָגט אַ אייגענעם לאָקאַל, אַ קינעמאַטאָגראַף, שולן, אַ ביבליאָטעק, אַ קאָאָפּע־ראַטיוו, אַ טעאַטר און זאַגאַר אַן אייגענע עלעקטרישע סטאַנציע, וועל־כע האָט באַדינט די אַנשטאַלטן פון ק.־ל. און דערצו אייניקע הייזער אין שטעטל.

אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק האָט די ק. ל. פאַרמאָגט 3 שולן, צווישן זיי איינע אַ מוסטער־שול, אַן אַרבעטס־שול — פון וועלכער עס זיינען געווען אַנטציקט אַלע קיעווער, וואָס האָבן זי באַזוכט. צו דער פאָרשול־סעקציע „אָזע" ביי דער קאַמענעצער קולטור־ליגע האָבן געהערט 3 יתומים־הייזער, 2 קינדער־גערטנער. אויסערדעם האָט קאַמענעצער קולטור־ליגע פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק און אַכאַר, זי האָט אויך פּעריאָדיש אָרגאַניזירט לערער־קורסן, קורסן פאַר פּרעבעליסטינס און לעקציעס פאַר דערוואַקסענע.

צו דער ק. ל. האָבן אויך געהערט אָוונט-קורסן פאַר אַרבעטער.
אין פאַרוואַלטונג פון קולטור-ליגע האָבן אויף דעם פרידלעכן אופן געאַרבעט אַ דעמאָקראַט, אַ סאָציאַליסט און אַ קאָמוניסט. מיר האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז די שעהן פון דער קאָמענעצער קולטור-ליגע זיינען געציילט; זי וועט, מסתמא, אין קורצן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „יידישער סעקציע" ביי דער אָפּטיילונג פון פאָלקס-בילדונג.

אין קאָמענעצער קולטור-ליגע איז פאָרגעקומען אַ פאַרואַמלונג און איינשטימיק, ביי איינעם אַן אָפּגעהאַלטענעם, איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער זי האָט אַרויסגעזאָגט איר סאָלידאַריטעט מיט דעם צעטריבענעם-קאָמיטעט פון דער קולטור-ליגע, און זי זאָגט זיך אָפּ דורכצופירן דעם „קאָמוניסטישן גייסט" לויט די אינסטרוקציעס פון אָרגאַניזאַציאָנעלן קאָמיטעט.
די אַרבעט אין קאָמיטעט איז זיך דערווייל געגאַנגען ווייטער. נאָר מיט יעדן טאָג איז געוואָרן קלערער, אַז אויף די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס קלייבן זיך שוואַרצע וואָלקנס און אַז אין קורצן וועט מען מאַכן אַ סוף צו זייער שטאַרק צעוואַקסענער אַרבעט.

עס זיינען דערהאַלטן געוואָרן ידיעות, אַז די אַלע „טשרעזוויטשאַיקעס", וואָס געפינען זיך אין קאָמענעץ, האָבן זיך שטאַרק געגומען אינטערעסירן מיט דעם יידגעזקאָם, מיט די נאַציאָנאַלע קאָמוניסטן (קאָמבונד, יעקאָפּע) און אויך מיט די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער אַרבעט.
אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן די „טשרעזוויטשאַיקעס" אַרויסגעוויזן צו די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן. עס איז געווען זאָגאַר אַ פּרוב מצד די טשרעזוויטשאַיקעס זיי צו פּראָוואָצירן. קיין ערליבעניש אויף אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד האָט מען זיי ניט געגעבן, הגם מען האָט זיי אין דעם אויך ניט אָפּגעזאָגט.
די אַטמאָספער איז געוואָרן אַלץ געדיכטער. עס קומען אָן ידיעות, אַז אויף דער בעסאַראַבער גרעניעץ זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אַ סך עמיגראַנטן, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן באַקומען אינפאָרמאַציעס אין יידגעזקאָם.

די דעלעגאַטן פון קאַמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט האָבן געמוזט אָפּפאָרן אומלעגאַל, כאָטש זיי האָבן געהאַט אַ פּאַפּיר אַרויסגעגעבן פון פּאָרזיצער פון רעווקאָם.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ אינערלעכער קאַמף צווישן דעם רעווקאָם און די „טשרעזוויטשאַיקעס".

די לאַגע ווערט אַלץ ערגער. איך געדענק דעם לעצטן שבת, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין קאַמענעץ. איך גיי אַרויס אין גאַס, און אויף יעדן טראָט שטעלן מיר אָפּ באַקאַנטע און דערציילן מיר אַלץ נייע בשורות: דאָס דערציילט מען מיר, אַז מען פאָדערט אין „טשרעזוויטשאַיקע" אַלס עדות די מיטגלידער פון כאָר ביי דער קולטור־ליגע, וועלכע האָבן דערלאַנגט אַ בקשה, מען זאָל אַרויסלאָזן זייער אַרעסטירטן אָנפירער פון כאָר.

דאָס גיט מען מיר איבער, אַז מען האָט מאָביליזירט אויף אַרבעט אין „טשרעזוויטשאַיקע" אַ באַקאַנטן בוכהאַלטער, אַ יידישן יונגנמאַן, און ער ווערט פשוט משוגע.

אָט גיט מען מיר איבער, אַז אַ באַקאַנטער אַרבעטער, אַ פּועלי־ציוניסט, אַ מיטגליד פון אַרבעטער־ראַט האָט, געמוזט פאַרלאָזן קאַמענעץ.

מיר פאַרשטייען, אַז די „טשרעזוויטשאַיקע" האָט זיך פּונאַנדערגעהוליעט און קיינער וועט איר ניט קענען איינהאַלטן, אַז זי וועט זיך צו אונז אויך נעמען. נאָר דאָך באַשטימען מיר, יידישע סאָציאַליסטן, צו בלייבן רואיק, ווייל מיר פילן זיך אין קיין זאַך ניט זינדיק, אַפילו פון שטאַנדפּונקט פון דער ראַטנמאַכט.

נאָר גאָר אומגעריכט דערוויסן מיר זיך, אַז דער קאַסיר פון יידגעזקאָם, דער געוועזענער פאָרזיצער אין פאַרוואַלטער פון די לאַגערס, אַלגעמיינע און מעדיצינישע (אַ קאָמבונדיסט באַשטימט פון קיעוו), האָט קיינעם ניט דערציילט, אַפילו זיינע חברים פון קאָלעגיע, האָט פאַרלאָזן קאַמענעץ און איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד.

דאָ האָבן מיר דערשפּירט, אַז מיט אונז האַלט שלעכט. די „טשרעזוויטשאַיקעס", זייענדיק אין כעס, וואָס אַ קאָמוניסט האָט

זיי פאַרפירט, וועלן זיך געוויס וואַרפן אויף די אַלע, וועלכע האָבן נאָר געהאַט די מינדסטע שייכות צום „יידגעזקאָם" (די פאַקטן האָבן נאָכדעם באַוויזן, אַז מיר האָבן קיין טעות ניט געהאַט). אויסערדעם האָבן מיר אַבסאָלוט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס האָט געטריבן דעם פאַראַנטוואָרטלאַכסטן טוער אַזוי שנעל צו אַנטלויפן, ניט צוגויפריידנדיק זיך פריער אַפילו מיט די נאָענטסטע מיטאַר־בעטער. מיר האָבן פאַרשטייט זיך, משער געווען, אַז עס איז געשען עטוואָס שרעקלעכס. אָבער לאַנג טראַכטן איז ניט געווען קיין צייט: ביינאַכט האָבן מיר, קוים זיך באַוויזן צו זעגנען מיט די קרובים און נאָענטסטע חברים, און זיך געלאָזן צופוס צום גרעניץ. אָפּקומענדיק מיט קליינע שטערענישן, זיינען מיר צוזאַ־מען מיט נאָך אַ סך אַנדערע יידן אָנגעקומען אין גאַליציע.

אונזערע וואַנדערונגען אין גאַליציע און פּוילן.

אין ס., דעם נאָענטסטן עטאַפּ פון קאַמענעץ נאָך דעם זברוטש, האָבן זיך געפונען ביז 1.000 קאַמענעצער יידן, דאָס רוב סוחרים, נאָר צווישן זיי זיינען אויך געווען בעלי־מלאכות און דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן.

צום אָנהויב האָבן זיך די קאַמענעצער יידן דערשראָקן, ווען זיי האָבן אונז דערזעען:

„אַזוי שלעכט איז שוין אין קאַמענעץ, אַז איר, יידישע סאָ־ציאַליסטן, האָט שוין ניט געקענט דאָרט בלייבן"?

נאָר אינגיכן איז מען אונז געקומען זאָגן, אַז די שטימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז זייער אַ פיינדלעכע קעגן אונז. די היימלאָזע, איבערהויפּט די פאַרמעגלעכע יידן, וואָס האָבן דאָרטן 30 וויאָרסט פון ס., איבערגעלאָזט זייער פאַרמעגן, טיילווייז אויך זייערע פאַמיליעס, זיינען געווען זייער בייז אויף אונז, די יידישע סאָציאַליסטן, און האָבן געזען אין אונז די סיבה פון אַלע זייערע צרות. זיי האָבן אַפילו אונז געסטראַשעט אַרויסצוגעבן דער מאַכט

דערדאָזיקער קבלת־פנים פון דעם באַלעבאַטישן עולם — האָט געמאַכט אויף אונז זייער אַ שווערן איינדרוק. מיר זיינען דאָך געווען כמעט די איינציקע פאַרטיידיקער פון דער יידישער באַפעלקערונג ביי דער ראַטן־מאַכט; פיל פון די, וואָס האָבן אונז איצט געסטראַשעט, האָבן זיך גאַנץ אָפט געווענדט צו די יידישע סאָציאַליסטן, בשעת זיי זיינען געווען אין אַ צרה.

עס האָבן זיך אָבער אויך געפונען אייניקע צווישן די היים־לאָזע, וועלכע האָבן מיט אַלע מעגלעכקייטן געזוכט צו פאַרגרינגערן אונזער לאַגע.

אינגיכן זיינען מיר אָפּגעפאָרן פונדאַנען. זייער פריינדלעך האָבן זיך באַצויגן צו די אוקראַנישע היימלאָזע די יידישע יוגנט פון די גאַליצישע קליינע שטעטלעך, וואָס ליגן ביים גרעניץ. מיט גרויס וואַרימקייט און איבערגעגעבנקייט האָבן זיי די יונגעלייט און פריילינס באַגעגנט.

גאָר אַן אַנדער באַציאונג איז געוואָרן, ווען מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין גאַליציע; און דערהויפּט האָט זיך דער אונטער־שייד געוואָרפן אין די אויגן, ווען מיר זיינען געקומען קיין פוילן.

בשעת אין 1914—1915 האָבן די אַלע טויער אויף דעם געביט פון הילף פאַר די יידן, וואָס האָבן געליטן פון דער מלחמה זיך צוגעקוקט, וואָסער וואַרימע באַציאונג די אוקראַינישע יידן האָבן אַרויסגעוויזן צו די היימלאָזע פון פוילן און גאַליציע, האָט זיך ביי זיי ניטווילנדיק געשטעלט די פראַגע: וואָס וואָלט געווען, ווען די אוקראַינישע יידן וואָלטן אַליין געוואָרן היימלאָזע און זיך גע־נייטיקט אין הילף פון גאַליצישע און פוילישע יידן — ווי וואָלטן זיך די לעצטע צו זיי באַצויגן?

פאַרשיידענע תשובות זיינען דאַן געגעבן געוואָרן, נאָר דעם ביטערסטן ענטפער האָט געגעבן דאָס לעבן אַליין.

עס איז פשוט שווער זיך פאָרצושטעלן און צו גלויבן, אַז די פוילישע יידן, וואָס האָבן אין זייער צייט באַקומען אַזאַ גרוי־סע מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטיצע פון די אוקראַינישע יידן, זאָלן אַזוי גיך אַלץ פאַרגעסן.

נאָר אָבער אויב די יידישע בורזשואַזע בעלי־צדקות טוען

כאָטש עפּעס פאַר די היימלאָזע, טוט די יידישע אַרבעטערשאַפט אין פוילן שוין לחלוטין גאָרניט.

צווישן די הונדערטער טויזנטער יידישע עמיגראַנטן פון אוקראַינע זיינען פאַראַן צענדליקע טויזנטער אַרבעטער, טויזנטער געוועזענע מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען—און דאָך בלייבט דער יידישער אַרבעטער אין פוילן און גאַליציע גלייכגילטיק צו זיי.

נישט לאַנג איז מען נאָך געווען חברים אפילו פון איין פּאַרטיי, געהערט צו איין צ.-ק. ; איצט זיינען די נעכטיקע „רוסישע" חברים פרעמד געוואָרן און מען טראַכט גאָרניט וועגן זיי.

דער עמיגראַציע-שטראָם האָט דערווייל געהאַלטן אין איין שטאַרקן זיך.

דאָס לויפן איז געוואָרן אַ מין פּסיכאָז, מען איז געלאָפן ביי דעם ערשטן צופעליקן „טויס.

מען אַנטלויפט פון אוקראַינע אויפן וועג קיין גאַליציע אָדער קיין פוילן. מען טעלעגראַפירט די קרובים אין אַמעריקע, מען באַקומט די דאָלאַרס, מען בייט זיי אויס אויף מאַרקן און מען שלאָגט אָפּ די טירן פון פון פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, כדי צו באַקומען די געהעריקע פּאַפּירן.

עס איז געוואָרן אַ נייע יידישע פּרנסה: „מען פאָרט קיין אַמעריקע". דערווייל באַקומען זיך ניט קיין רואיקע ידיעות פון קאַמענעץ. דער קאַמענעצער „איספּאָלקאָם" האָט געפּרובט אַנטקעגנשטעלן זיך דער פאַרברעכערישער טעטיקייט פון דער „טשרעזוויטשאַיקע". נאָך אַ לאַנגן קאַמף האָט די אויבערהאַנט גענומען די „טשרעזוויטשאַיקע" און האָט אַרעסטירט דעם פּאָרזיצער פון „איספּאָלקאָם", וועלכער איז געווען אויסגעקליבן אויף דעם לעצטן צוזאַמענפאָר פון די פּויערים און אַרבעטער.

סך־הכל.

מיינע קאָרגע זכרונות זיינען געענדיקט. איך האָב פאַרעפנטלעכט אַלץ, וואָס איך האָב געקענט פאַרעפנטלעכן.

איך האָב זיך גענויער אָפּגעשטעלט אויף דער גרופּע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס איז געווען איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט און האָט דעריבער געמוזט אויף אירע אייגענע אחריות פירן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָליטיק. קיין אַנדער אויסוועג איז פאַר איר ניט געווען.

מיר, די יידישע סאָציאַליסטן, האָבן געהאַלטן, אַז דער איינציקער וועג צו אַרבעטן פאַר די יידישע מאַסן איז—לעבן מיט זיי און בלייבן צווישן זיי. מיר האָבן דעריבער אויסגעמידטן יעדע מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן אוקראַינע און איבערפאָרן קיין מאָסקווע אָדער קיין מערב־אייראָפּע און פון דאָרטן שיקן פאַרשיידענע רעצעפּטן, ווי אויסצוהיילן דעם שווערן יידישן חולה.

בלייבנדיק אויף די ערטער און וועלנדיק אַקטיוו העלפן די יידישע מאַסן, האָבן מיר געמוזט, פאַרשטייט זיך, גיין אויף קאָמפּראָמיסן און טאָן גרויסע פעלערן. מיר האָבן געלעבט אין אַזאַ עפּאָכע אין אוקראַינע, ווען יעדעס וואָרט, יעדער טאַט פון די פאַרשיידענע יידישע גרופּירונגען האָט געקענט קאָסטן צענדליקע, הונדערטער און אפשר טויזנטער יידישע נפשות.

מיר האָבן דעריבער ניט געקענט בלייבן שטענדיק אויף אויסגעהאַלטענע פּרינציפּיעלע פּאָזיציעס, בשעת דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געשטאַנען אין קאָן. דאָס איז אפשר געווען גאַנץ לייכט פאַר די, וועלכע האָבן פאַרלאָזן אוקראַינע און זיך אַריבערגעפּעקלט קיין מאָסקווע, פּאַריז, לאָנדאָן, בערלין, וואַרשע און נאָך און נאָך.

זייענדיק אין דער היים, האָבן מיר געקענט זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דעם אָרטיקן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, און דעריבער האָבן מיר געטראָגן די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אונזערע מעשים.

איצט, אַז מיר זיינען געצוואונגען צו פאַרלאָזן, מעגלעך אויף אויף אַ לענגערער צייט, אוקראַינע בכלל און פּאָדאָליע בפרט, פאַרנעמען מיר זיך ניט מיט געבן עצות אונזערע חברים און פריינד, וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן.

מיר קענען זיי נאָר שיקן אונזער טיפן ברידערלעכן מיטגעפיל.

ביילאגען.

ביילאגע № 1.

פון דער דירעקטאָריע פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפובליק.

„באַזונדערע גרופן פון קאָזאַקן זיינען אין אייניקע ערטער פון אוקראַינע באַגאַנגען גוואַלדטאַטן בנוגע יידן. לויט די אויסגעפאָרשטע ידיעות, זיינען די קאָזאַקן דערביי פארפירט געוואָרן פון פראָוואָקאַטאָרן, „העטמאַנצעס", „פרייוויליקע" און פון די, וואָס רופן זיך אָן „באָלשעוויקעס". זיי האָבן עס געטאָן מיט דעם צוועק, כדי אַרויסצורופן אַ שנאה צו דעם קאָזאַקנטום מצד דער באַפעלקערונג, כדי אַריינצוטראָגן אין לאַנד אַ צעשפּליטערונג און אומאָרדענונג און אומקערן אויף אַזאַ אופן די אַלטע הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע.

„אייניקע פון דידאָזיקע פראָוואָקאַטאָרן און פּאָגראָמשטשיקעס זיינען געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן, אַנדערע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין מיליטערישן פעלד־געריכט.

די דירעקטאָריע באַפעלט די קאָזאַקן פון דער פאָלקסאַרמיי און אַלע ערלעכע בירגער צו פאַרהאַלטן אַזעלכע פראָוואָקאַטאָרן און אויך אַלע יענע, וואָס אַגיטירן פאַר גוואַלדטאַטן, און זיי תיכף איבערגעבן אין רשות פון דעם קריגס־געריכט.

און די העטמאַנצעס, די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער דעם נאָמען פון רעפובליקאַנער, וואָרנט די דירעקטאָריע אַנטשיידן: דער, וואָס וועט וואַגן צו באַפלעקן אויף דעם אָדער יענעם אופן דעם כבוד פון דער אַרמיי פון דעם אַרבעטנדיקן רעוואָלוציאָנערן אוקראַינישן פאָלק, דער וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן.

דאָס גאַנצע־זשע דעמאָקראַטישע יידנטום רופט די דירעקטאָריע צו אַן ענערגישן קאַמף מיט יענע באַזונדערע אַנאַרכאָבאָלשעוויסטישע מיטגלידער פון דער יידישער נאַציע, וואָס טרעטן אַרויס קעגן דעם

אַרבעטנדיקן פאָלק פון אוקראַינע און איר מלוכה=עקסיסטענץ, ווייל דידאָזיקע עלעמענטן גיבן די העטמאַנצעס און פראָוואָקאַ=טאָרן אַ מעגלעכקייט צו אַ דעמאַגאָגישער און שעדלעכער אַגי=טאַציע קעגן דעם יידנטום, וואָס האָט ניט קיין שייכות צום באָל=שעוויזם, און ברענגען די אוקראַינער, די הייסע פאַרטיידיקער פון יעדן אַרבעטנדיקן פאָלק, אין אַ טעות בנוגע דער יידישער דעמאָקראַטיע, וואָס איז ניט אַנאַרכאָ=באָלשעוויסטיש און איז טריי דער אוקראַינישער מלוכה.

געחתמעט: פאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע: וו. ווינ ניטשענקאָ,
מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע: שוועץ, אַנדרי=
עווסקי, מאַקאַרענקאָ, פעטליורע*).

---

*) ז. די יידישע אווטאָנאָמיע און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט אין אוקראַינע, קיעוו 1919.

ביילאַגע №2.

די דעקלאַראַציע פון דער אַרבעטנדיקער גרופּע (בעלי־מלאכות) פון קאַמענעצער יידישער קהילה (6 יולי, 1919).

די געשיכטע פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין אוקראַינע איז ענג פאַרבונדען מיט דער געשיכטע פון דעם אוקראַינישן פאָלק.

יעדער טראָט פון דער אוקראַינישער ערד איז אויך באַגאָסן מיט שווייס און בלוט פון דעם יידישן פאָלק. דער דרוק אויף אוקראַינע פון פאַרשיידענע אימפּעריאַליסטן איז אויך געוועזן אַ דרוק אויף די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

די יידישע מאַסן זיינען אין דער צייט פון צאַריזם, צוזאַמען מיט דעם אוקראַינישן פאָלק, געוועזן באַרויבט פון זייערע רעכט און פאַריאָגט געוואָרן אין דעם געוועזענעם „תחום“. דער אַלגעמיינער גורל, וואָס איז אָנגעחתמעט געוואָרן דורך די יאָרהונדערטער ליידן פון דעם יידישן און אוקראַינישן פאָלק, גיט דעם יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק אַ זיכערהייט, אַז די אוקראַינישע ערד געהערט צו זיי, אַזוי ווי זי געהערט דעם אוקראַינישן פאָלק און אַז אין דער אוקראַינישער „כאַטע“ איז ער ניט קיין שטיפזון, ניט קיין צייטווייליקער גאַסט, נאָר אַ גלייכבאַרעכטיקטער צוזאַמען מיט דעם אוקראַינישן אַרבעטנדיקן פאָלק, אַ באַלעבאָס אין אוקראַינע.

דעריבער קען דאָס יידישע אַרבעטנדיקע פאָלק, אין אַ גרויסער רעוואָלוציע, אין אַ מאָמענט פון פּאָליטישער, נאַציאָנאַלער און עקאָנאָמישער באַפרייאונג פון אוקראַינע — ניט בלייבן נייטראַל.

די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן צוזאַמען מיט דעם אוקראַי־ישן אַרבעטנדיקן פאָלק ווילן קעמפן פאַר אַ זעלבשטענדיקער

אומאָפּהענגיקער אוקראַינישער פאָלקס־רעפובליק.

און דעריבער זיינען מיר זיכער, אַז די בעסטע באַפרידיקונג פאַר אונזערע יאָהרהונדערטער ליידן קען זיין נאָר אַ פרייע, פון קיינעם ניט עקספּלאָאַטירטע אוקראַינע און אין איר אויפבויען זאָל נעמען אַ געהעריקן אָנטייל די יידישע דעמאָקראַטיע.

אין אַלע מלוכה־און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן מוז די יידישע דעמאָקראַטיע האָבן אַ פולקומע מעגלעכקייט צו נעמען אַן אָנטייל, אַרויסצווייזן אַ אייגענע איניציאַטיוו.

דער אויסגעקעמפטער אין XX יאָרהונדערט לאָזונג פון זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער, אויף וועלכען דאָס אוקראַינישע פאָלק בויט זיין מלוכה, מוז ווערן דער גרונטשטיין פון דער אוקראַינישער מלוכהשאַפט בנוגע אַלע פעלקער פון אוקראַינע.

דעריבער פאָדערן מיר, אַז די פּראָקלאַמירטע נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע, וואָס אין איר פאַרווירקלעכונג איז צום גרעסטן פאַראינטערעסירט די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, זאָל ברייט און שטאַרק פאַרווירקלעכט ווערן דורך דעם יידישן מיניסטעריום, אָרטיקע און צענטראַלע יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען. מיר האַלטן אונטער דאָס יידישע מיניסטעריום ביי דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפובליק און מיר וועלן אויך אַקטיוו מיטהעלפן צו פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע, וואָס די יידישע דעמאָקראַטיע האָט אויסגעקעמפט.

דאָס, וואָס אוקראַינע רעפּרעזענטירט אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, גיט אונז די גאַראַנטיע, אַז אוקראַינע וועט געבויט ווערן אויף די פּרינציפּן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

די רעגירונג האַלטן מיר, האָרעפּאַשניקעס, אַקטיוו אונטער און מיר פאָדערן, אַז עס זאָל אַנטשלאָסן און ביזן סוף געפירט ווערן אַ קאַמף מיט די פינסטערע און פּראָוואָקאַטאָרישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אין די מלוכהשע און ציווילע אַנשטאַלטן און נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין די בלוטיקע יידישע שחיטות אין אוקראַינע.

די צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס זיינען געהרגעט געוואָרן אין די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, דער היזק פון דער יידישער

באַפעלקערונג, וואָס דערגרייכט אין די הונטערטער מיליאָנען, די גוואַלדטאַטן, וואָס קומען נאָך פאָר ביז היינטקן טאָג אין די יידישע שטעט און שטעטלעך—רופן אַרויס דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט ביי די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן.

דער חורבן פון די יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס ברענגט מיט זיך אויך אַ חורבן פון אוקראַינע, וואָרים אין דער אָפּגעשטאַנענער אין אינדוסטריעלן זין אוקראַינע שטעלן מיט זיך פאָר די יידן דעם שטאַרקסטן פאַקטאָר פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע אין לאַנד.

בײלאגע №3

א פאראייניקונג פון „בונד“ מיט די „פאראייניקטע“ אין אוקראינע.

אין קאמענעץ־פאדאלסק איז פארגעקומען א בעראטונג פון פארשטייער פון די ארגאניזאציעס פון „בונד“ און די „פאראייניקטע“, וואס זיינען טעטיק אויף יענעם געביט פון אוקראינע, וואס געפינט זיך אונטער דער הערשאפט פון פעטליורעס רעגירונג. ס'איז באשלאסן געווארן צו פאראייניקןביידע ארגאניזאציעס אונטער איין נאמען: „דער פאראייניקטער בונד“.

אויף דער קאנפערענץ פון „פאראייניקטן בונד“, וואס איז פארגעקומען, זיינען געוועזן פארטראטן 26 גרופן און ארגאניזאציעס פונ'ם אויבנדערמאנטן געביט: קאמענעץ־פאדאלסק, מאהילעוו, פראסקוראוו, ווינניצע, סטארא־קאנסטאנטינאוו, זשמערינקע און א ריי אנדערע קלענערע שטעטלעך*). די קאנפערענץ האט אנגענומען רעזאלוציעס: וועגן פאליטישן מאמענט, וועגן די פאגראמען, וועגן יידישן מיניסטעריום און נאצ.־פערסאנאלער אויטאנאמיע און וועגן דער פאראייניקונג פון ביידע ארגאניזאציעס.

ס'איז אויסגעוויילט געווארן א צייטווייליקע צענטראל־ביורא פון „פאראייניקטן בונד“ און עס זיינען געבילדעט געווארן קרייז־ביוראס אין פראסקוראוו, מאהילעוו און קאמענעץ־פאדאלסק.

אין דער אנגענומענער רעזאלוציע וועגן פאליטישן מאמענט זאגט זיך: די פאררעטערישע האלטונג פון דער רוסלענדישער בורזשואזיע פון איין זייט און די העטמאנישע רעאקציע פון דער צווייטער האבן צוגעגרייט א באדן פארן באלשעוויזם אין אוקראי־

*) אין דער אמתן זיינען ניט אלע שטעטלעך געווען פארטראטן, מחמת ניט אלע איינגעלאדענע דעלעגאטן זיינען געקומען.

נע. די קאָמוניסטן האָבן פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן שטאָט און דאָרף, האָבן געבראַכט צו אַ פולקומען חורבן פון דער אַר־בעטער־דעמאָקראַטיע און צוגעגרייט אַ באָדן פאַר דער שוואַרצ־סטער רעאַקציע, וועלכע שטיצט זיך אויף דער קאָאַליציע, אויף דעניקינען און אויף די פּאָליאַקן.

פאַר דער יידישער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע איז מעגלעך און נייטיק צו גיין צוזאַמען מיט אַלע סאָצ.־דעמ. כוחות פון לאַנד, אום צו ראַטעווען די לעצטע פעסטונגען פון דער רעוואָלוציע, נאָר ביי פאָלגנדיקע באַדינגונגען: 1) זיך אָפּגרעניצן פון די שאָ־וויניסטישע קליינבירגערלעכע עלעמענטן; 2) צוריק אויפשטעלן אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, באַפרייען און אַמנעסטירן אַלע אַרעסטירטע אַרבעטער און קאָמוניסטן; 3) בילדן אַרבעטער־ראַטן אויף צו קאָנטראָלירן די פּראָדוקציע און צו פאַרווירקליכן די אַרבעטער־געזעצגעבונג; 4) צוגרייטן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג; 5) אין אַלע יידישע פראַגן געהערט דאָס אַנטשיידענע וואָרט דער יידישער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע".

אין דער רעזאָלוצע ווענן די פּאָגראָמען ווערט פעסטגע־שטעלט, אַז עס זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן צענדליקער טויזנ־טער יידישע נפשות, פאַרניכטעט געוואָרן אָן אַ צאָל שטעט; די מלוכה דאַרף אויפבויען די חרוב געוואָרענע ישובים, דאַרף מאַכן אַ סוף צום פּאָגראָם־שטורים און צו דער גיפטיקער אַנטי־סעמיטישער העצע און שטרענג באַשטראָפן אַלע שולדיקע, ניט קוקנדיק אויף זייערע פאַרדינסטן.

(געדרוקט אין „לעבנס־פראַגן, וואַרשע, 21 אָקטאָבער 1921 (396) נומ. 227).

בײלאגע. № 4

א. פ-ר.
מיניסטעריום פאַר
יידישע ענינים.
דעפּאַרטאַמענט פאַר
נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג.
אָרג.-אַדמיניסטר. אָפּטײלונג.
№290, קאַמענ.-פּאָד. 2-טער זשאָווטען (אָקטאָבער).

צירקולאַר.

ווי מע מעלדעט אונז פון אײניקע קהילה-ראַטן, באַנוצט מען זיך דאָרט אין דער געשעפטספירונג נאָר מיט דער העברעאי-שער שפּראַך.

מיר עקלערן דערמיט, אַז דאָס אויסשליסלעכע באַנוצונג פון דער העברעאישער שפּראַך איז אומגעזעצלעך.

לויט דעם געזעץ פון 1-טן יאַנואַר 1918 וועגן נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע און דער אָנמערקונג צום § 12 פון 18—טן אַרטיקל פון געזעץ וועגן דער יידישער קהילהשער זעלבסט-פּאַרוואַלטונג פון 17-טן קוויטען 1919 יאָר ... (דאָ גײט דער אויסצוג פון געזעץ).

— אַלע פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון די קהילה-ראַטן און די גאַנצע בוכהאַלטעריע דאַרפן דורכאויס געפירט ווערן אין די צוויי שפּראַכן: אוקראַיניש און יידיש...

דערפון איז קלאָר, אַז דאָס באַנוצן זיך אין דער געשעפטס-פירונג פון די קהילה-ראַטן מיט דער העברעאישער שפּראַך, אָנ-שטאָט דער יידישער איז, אַלס אומגעזעצלעכע, ניט דערלאָזבאַר.

מיר מעלדן איך וועגן דעם צו דער פּינקטלעכער אויס-פירונג.

דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג (אונטערשריפט)

פאַרוואַלטער פון אָרגאַניזאַציאָנעל-אַדמיניסטראַטיווער אָפּטיילונג (אונטערשריפט)

ביילאגע 5№

אין יידישן מיניסטעריום.

צוליב דער איבערגאנגס-צייט האט דער קלוב קיין מעגלעכ-קייט ניט געהאט נארמאל צו עקסיסטירן. די ביבליאטעק איז רואינירט. ס'איז ניטא קיין מיטלען זי אויפצושטעלן. פאר דער דירה איז ניט אפגעצאלט פאר דעם זומער. קיין מענטשן איינ-לאדן איז קיין מעגלעכקייט ניטא, צוליב מאנגל אין געלט. דע-רום בעטן מיר ארויסגעבן אונז דערווייל צען טויזנט רוב.

דאס געלט באפולמעכטיקן מיר באקומען דעם ה' ...

פארזיצער (אונטערשריפט)

12 סעפטעמבער 1919.

בערדיטשעווער יידישער
פאליטישער ארבייטער
קלוב
בראניסלאוו
גראסער.

פארלאג ש. שרעבערק, ווילנע.

עס זיינען ארויס פון דרוק נייע ביכער:

ש. דובנאָוו:

1) יידישע געשיכטע 10 טייל

ש. אַנ—סקיס אַלע ווערק:

2) פון אייביקן קואַל I באַנד
3—4) דראַמען, קאָמעדיעס II-III „
5—6) חורבן פוילן, גאַליציע און בוקאָווינע, 4 טייל, IV-V „

ש. ל. ציטראָן:

7—8) 3 ליטעראַרישע דורות I-II „

מ. שאַליט:

9) ליטעראַרישע עטיודן.
10) „לעבן“, זאַמלהעפטן 1-10

ז. סעגאַלאָוויטש:

11) גאָלדענע פאַוועס (ערציילונגען).

א. גומענער:

12) אַ קאַפיטל אוקראַינע.

מ. ספעקטאָר:

13) יידישער ערדאַרבעטער.

לערנביכער.

פראָפ. שמייל, יידיש ז. רייזען:

14) זאָאָלאָגיע: I זויגעדיקע חיות.
15) „ II פייגל, שרצים, פיש.
16) „ III דער מענטש (אַנאַטאָמיע)

ז. רייזען:

17) גראַמאַטיק פון דער יידישער שפראַך.

קאַסעל און בירנבוים:

18—19) אַלגעמיינע געשיכטע.
I-II דער אַלטער מזרח.

ענגעלשטערן:

20) לערנבוך פאַר גימנאַסטיק.

עס דרוקן זיך און וועלן קירצלעך ערשיינען:

לערנביכער:

ז. רייזען:

21) גראַמאַטיק פון דער יידישער שפראַך, II טייל.

קאַסעל און בירנבוים:

22—25) אַלגעמיינע געשיכטע,
III-IV מיטלעלטער און נייע צייט

26—27) נאַטורוויסנשאַפט. אַ פאָפולערער לערנבוך, צונויפגעשטעלט פון אַ גרופע לערער פאַכמענער, צוגעפאַסט פאַר פאָלקסשולן און מיטלשולן. 2 טייל.

שיינע ליטעראַטור.

א. מ. דיק:

28—29) געקליבענע שריפטן, 2 בענד.

מענדעלע מו"ס:

30—31) טאַטעס און קינדער, און 2-טער טייל שלמה ר' חיימס.

ש. אַנ—סקי:

32) אויף די אַלטע יסודות (נאָוועלן).
33—34) אַנ—סקיס ביאָגראַפיע, זיינע זכרונות און מעמוארן, 2 טייל.

א. פראַנק:

35—36) 1. די פרינצעסין,
2. אויפן ווייסן שטיין.
37—52) קינדער-ביבליאָטעק, 16 נומ'.

אַדרעס: בוכהאַנדלונג ש. שרעבערק, ווילנע, רודניצקער 16.